STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 00978

INTERVYUS MIT YIDISHE SHRAYBER

Mordecai Yardeini

Permanent preservation of this book was made possible by
Irving & Zlatta Fein
in memory of
the Gantse Mishpokhe

FUNDING FOR THE CORE COLLECTION OF YIDDISH LITERATURE
WAS MADE POSSIBLE IN PART BY A GRANT FROM THE
DAVID AND BARBARA B. HIRSCHHORN FOUNDATION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol
of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from
a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights
in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain
or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified.
If you hold an active copyright to this work – or if you know who does –
please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א י נ ט ע ר װ י ו ס
מ י ט
אידישע שרייבער

מ. ירדני

אינטערוויוס
מיט
אידישע שרייבער

ע ר ש ט ע ר   ב אַ נ ד

(יובילײ־אויסגאַבע)

פ אַ ר ל אַ ג „מ ל כ ה"

ניו־יאָרק — תשט"ו — 1955

M. YARDEINI

INTERWYUS MIT YIDDISHE SHREIBER

(Interviews with Yiddish Writers)

Farlag "Malka"
New York, N. Y., U. S. A.

Copyright, 1955
by
Mordecai Sherman Yardeini
New York, N. Y.

Printed in U. S. A.

GRENICH PRINTING CORP.
New York, N. Y.

166

מרדכי ירדני

מיין טאַטן —
חיים-אברהם הלוי ז״ל —
דער ערשטער וואָס האָט
אין מיר פאַרזייט די ליבע
צו נגינה און צו ספרים —
געהייליקט.

אַ וואָרט פון דאַנק

איך וויל דאָ עפנטלעך אויסדריקן אַ דאַנק, קודם, צו מיינע חסידים, באַקאַנטע און אומבאַקאַנטע, פון מיין שרייבן און זינגען, וועלכע האָבן מיט זייער אייגענעם גוטן ווילן, ווער מיט גרעסערע און ווער מיט קלע־נערע סומעס, געהאָלפן דעם „מ. ירדני בוך־קאָמיטעט" אַרויסצוגעבן אָט די יובילײ־אויסגאַבע אין פאַרבינדונג מיט מיין 25 יאָריקן ליטע־ראַרישן־יובל, וואָס איז ניט לאַנג צוריק געפייערט געוואָרן אין „רענד סקול" — און זיי זיינען: אַלעקס הירשנפאַנג, אייברעהעם קענטער, דוד סאָהן, י. ברעסלאַו, אייזיק זאַלצמאַן, י. בראַקאַרש, בערל בוים, ב. זוסמאַן, ש. און ר. פיטלער, י. און פּ. געגדלמאַן, ח. און מ. נאָווינסקי, ע. און ס. ראָטבערג, ש. הערשל, חנה און משה דיעטאָטאָווסקי, ש. דזשייקאָב, י. כאַימסאָן, ש. מ. דעיוויד און היימאַן שיף.

אויך וויל איך דאָ מיט גרויס וואַרעמקייט דערמאָנען דעם לאַנג־יאָריקן רעדאַקטאָר פון „טאָג", מיין גוטן פריינט וויליאַם עדלין ע"ה, וועלכער האָט כסדר מיך דערמוטיקט אין די 10 יאָר פון מיין מיטאַר־בעטערשאַפט אין „טאָג", סיי אַלס מוזיק־קריטיקער און סיי אַלס „פּי־טשור"־שרייבער, אַרויסווייזנדיק מיר דערביי גאָר אַ סך מענטשלעכע גוטסקייט און קאָלעגיאַלע פריינטשאַפט.

און צום סאַמע סוף וויל איך דאָ באַדאַנקען דעם מנין שרייבער, וואָס זיינען אַריין אינם בוך און האָבן ניט מורא געהאַט צו ענטפערן אויף אַלע מיינע פראַגעס און צו זאָגן וואָס זיי פילן און טראַכטן וועגן דעם צושטאַנד פון דער היגער אידישער ליטעראַטור, און וועגן דעם אידישן קולטורעלן און געזעלשאַפטלעכן לעבן בכלל.

מ. ירדני,
ניו־יאָרק, יולי, 1955

אינהאַלט:

אַ וואָרט פון דאַנק — — — — — — — — — — — — — — — 6
ב. י. ביאַלאָסטאָצקי — — — — — — — — — — — — — — — 9
י. באַשעווים — — — — — — — — — — — — — — 23
ב. צ. גאָלדבערג — — — — — — — — — — — — — — 33
דער לעבעדיקער — — — — — — — — — — — — — — — 44
יאָסל קאָהן — — — — — — — — — — — — — — — 53
ב. שעפנער — — — — — — — — — — — — — — 66
א. אַלמי — — — — — — — — — — — — — — — 79
ש. טענענבוים — — — — — — — — — — — — — — 89
משה וויטיעס — — — — — — — — — — — — — — — 107
יצחק ליבמאַן — — — — — — — — — — — — — — 120
ביאָגראַפישע נאָטיצן — — — — — — — — — — — — — 145
קריטיק אויסצוגן — — — — — — — — — — — — — — 149

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי

ביז ניט לאַנג צוריק פּלעג איך יעדן אינדערפרי, נאָך אָנבייסן (איך זאָג ניט „פרישטיק", ווי די גאַליציאַנער אָדער פּוילישע אידישע שרייבער וואָלטן געזאָגט, ווייל עס וואָלט געווען פאַלש פאַר אַ אידישן שרייבער פון אוקראַינע צו שרייבן „פרישטיק" — און קיין זאַך קען מיך ניט אויפרעגן אַזוי, ווי אַ פאַלשער טאָן, אַ פאַלשער אויסדרוק, אַ פאַלשע באַהויפּטונג — און פאַלשקייט בכלל...), זיך אַנידערזעצן ביי דער פּיאַנאָ און זינגען — זינגען לידער, באַלאַדן, — אידישע און העברעאישע — תפילות, — וואָכעדיקע, שבתדיקע, ימים־נוראימדיקע, שלוש־רגלימדיקע — אַ שעה, אַ שעה און אַ האַלב, און צוויי. איצט אָבער זינג איך בלויז דעמאָלט ווען איך מוז, ווען איך דאַרף, דאָס הייסט, ווען איך קריג אַ באַצאָלטן קאָנצערט, אַ באַצאָלטן אויפטריט אויף דער ראַדיאָ, טעלעוויזיע, אָדער ווען איך ווער אויפגענומען אין אַ שול אויף צו דאַוונען ימים־נוראים, צי ווען איך ווער אַנגאַזשירט אין אַ גרויסן האָטעל ערגעץ אין די בערג, לייקוואוד, אַטלאַנטיק־סיטי, עזבורי־פּאַרק, מיאַמי־ביטש אויף פּסח צו פּראַווען די „סדרים" און דאַוונען (איך האָב געשריבן קודם „פּראַווען די סדרים" און ניט „דאַוונען", ווייל אין די האָטעלן פּסח איז „פּראַווען די סדרים" דער עיקר — דאָס דאַוונען איז אַ טפל...), וכדומה.

ב. י. ביאַלאָסטאָצקי

איך בין אויך געווען באַוואוסט צווישן פריינט אַלס אַ „גרינגער

אויף דער פּור״, דאָס הייסט, איך פלעג לאַנג נישט לאָזן זיך בעטן אויף צו זינגען. אַ פּיפּס — און איך פלעג גלייך עפענען דאָס מויל און זינגען. אָבער איצט — נישט מער. פאַרוואָס ? ווייל אַז דאָס אַרומיקע אידישע לעבן איז גרוי און וואָכעדיק, אַ גייסטיקער־מדבר — עפנט זיך נישט דאָס מויל צום זינגען...

נו, יאָ, עס זיינען פאַראַן מענטשן וואָס קענען זיך צו אַלצדינג צופּאַסן, וואָס קענען שלום מאַכן מיט זאַכן, פאַרבויגן, פאַרקוקן — איך קען ניט. איך געהער ניט צו די דאָזיקע „גליקלעכע״. הפּנים, אַז איך בין פון אַן אַנדער געוואַנט געשניטן...

ביי מיר, רבותי, איז איינס פון די ביידע: אָדער איך בין אַ איד און לעב זיך אויס ווי אַ איד, אין מיין רעליגיע, — נישט קיין קלויסטער־אימיטאַציע ! — אין מיין קולטור, מיין לשון, מיין ליטעראַטור, מיין פאָרם, מיין שטייגער, — נישט קיין איבערזעצונגען ! — אָדער, איך בין ניט...

איבערגעזעצטע אידישקייט — תפילה, שפּראַך, ליטעראַטור, פאָרם, שטייגער — האָט ביי מיר אַ טעם, — ווי ביאַליק האָט זיך זייער טרעפלעך אויסגעדריקט ! — ווי קושן די מאַמע דורך אַ טיכעלע ! כ׳גלויב, אַז קיין בן־אָדם, און קיין בר־דעת, וועט ניט קושן זיין מאַמע, מעג זי זיין אַלט, צעקנייטשט, אַ הויפן ביינער, דורך אַ טיכעלע ! דאָס קען נאָר אַ דעגענעראַט...

אַט שרייבט מען איצט ביי אונז זייער אַ סך פונם דריי הונדערט יאָריקן יובל פונם אידישן ישוב אין די פאַראייניקטע שטאַטן. אויב אפילו די דאָזיקע צייט־רעכענונג וואָלט געווען אַ הונדערט פּראָצענט ריכטיקע, וואָלט דאָס אַלץ געהייסן אַז דער היגער אידישער ישוב איז נאָך ניט קיין אַלטער. אָבער דער אמת איז דאָך, אַז דער אידישער ישוב אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז אַ סך יונגער ווי דאָס. דער אמתער אידישער לעבן אין אַמעריקע האָט זיך אָנגעהויבן ערשט מיט דער מזרח־אייראָפּעאישער אידישער מאַסן־איינוואַנדערונג פון נאָך די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד פון יאָר 1881. און דאָס מיינט, אַז דער היגער אידישער ישוב איז נאָך אפילו קיין 75 יאָר נישט אַלט.

נאָר אַנגענומען, ווי אייניקע „היסטאָריקער״ פלייסן זיך צו באַ־ווייזן אונז, אַז עס זיינען דאָ געווען מזרח־אייראָפּעאישע אידן פריער פאַרן יאָר 1881 — דהיינו, אַז צווישן די יאָרן 1870 און 1880 זיינען אַרום

דרייסיק טויזנט רוסישע און פוילישע אידן געקומען קיין אַמעריקע און האָבן דערמיט פאַרגרעסערט די צאָל רוסישע און פוילישע אידן וואָס זיינען שוין געהאַט געקומען נאָך פריער.

נו, גוט! לאָמיר זיין ברייטהאַרציק און זאָגן, אַז דער אידישער ישוב פון מזרח־אייראָפּעאישע אידן אין אַמעריקע, איז, אַרום און אַרום, אַלט גאַנצע 100 יאָר. צי קען אָבער אַזאַ ישוב אָנגערופן ווערן אַלט? — געוויס ניט! אַזאַ ישוב קען גאָר אַנדערש ניט באַצייכנט ווערן, ווי נאָך אַ גאָר־גאָר יונגער!

היינט ווי קומט עס: וואָס אין אַזאַ יונגן אידישן ישוב, זאָל שוין דאָס אידישע לעבן, אויף אַלע פראָנטן און געביטן, צאַנקען און אויסגיין ווי אַ ליכט?!

איז דער תירוץ: אַז מ׳זייט ווינט — שניידט מען שטורם!

דאָס אידישע לעבן אין אַמעריקע האָט מען פון תחילת אָן געבויט אויף קרומע וועגן. און דאָס וואָס ס׳איז אין אָנהויב קרום, קען ניט שפּעטער ווערן — גלייך...

זאָלן די וואָס קענען און ווילן האַלטן זייערע אויגן פאַרמאַכט אויפן גייסטיקן־מדבר וואָס הערשט דאָ איצט אינם היגן אידישן לעבן, אָבער איך קען נישט האַלטן מיינע אויגן פאַרמאַכט. איך בין „פאַרשאָלטן“ פון גאָט צו האַלטן מיינע אויגן אָפן. איך קען אויך ניט שווייגן ווי אַנדערע, איך מוז מיין ווייטאָק אויסשרייען אַזוי הויך ווי איך קען נאָר. וואָרים אַזאַ איז דער גורל פון איינעם, וואָס איז, צווישן אַנדערעס, אויך געבאָרן געוואָרן אַ שליח־ציבור מיטן הנני העני אויף זיינע ליפּן...

און דערביי פרעג איך: פאַרוואָס קומט מיר, לפי ערך נאָך אַ יונגן מענטשן, ווען רייפקייט האָט דערגרייכט מיין באַשיידענעם שוועל (עס שטייט דאָך: „ארבעים לבינה“!), הן ווי אַ קאָנצערט־ און ראַדיאָ־זינגער, הן ווי אַ רעקאָרדינג־אַרטיסט, הן ווי אַ חזן און הן ווי אַ שרייבער, פונקט דעמאָלט איבערצולעבן אַזאַ טיפן צער, ווי צוצוזען דאָ־הי דעם פאַנאַנדערפאַל פון אידישן טעאַטער, אויף וועמעס בינע איך האָב געשטעלט מיינע ערשטע זינגערישע־טריט ווי אַן אַקטיאָר; די גסיסה פון דער אידישער פרעסע, אין וועלכער איך האָב אָנגעהויבן זיך צו דרוקן זינט 1929; דעם אונטערגאַנג פון דער אידישער ליטעראַטור, בוך און לשון; דעם סוף פונם סאַמע עמאָציאָנעלן און אייגנאַרטיקן קינסטלערישן־חזנות וואָס אידן האָבן אַרויסגעגעבן; דעם באַרג־אַראָפּ

פון די אידישע פאָלקס־כאָרן, פון דער אידישער מוזיק — און פונם גאַנצן היגן אידישן רעליגיעזן, קולטורעלן, געזעלשאַפטלעכן, פּאָליטישן און סאָציאַלן לעבן? פאַרוואָס איז געקומען ה. לייוויק, י. אָפּאַטאָשו, יעקב גלאַטשטיינען און אַנדערע איבערצולעבן דאָ־הי אי דעם רענע־סאַנס, — און אין זייער רייפקייט — אי די שטייגונג פון דער אידישער ליטעראַטור, אידישן טעאַטער, אידישע פאָלקס־כאָרן, אידישער מוזיק — פאַרוואָס איז זיי באַשערט געווען אַזאַ פרייד און מיר ניט? איך שטאַם פון אַזאַ שיינעם טאַטן ווי זייערער — גלויבט עס מיר! און פאַרוואָס ווילן די דאָזיקע דריי הערן און אַנדערע ווי זיי נאָך ניט לידן און ווערן נאָך ברוגז, ווען מ׳קריטיקירט, אָדער ווען מ׳ווייזט אָן אויף דעם דאָזיקן טרויעריקן צושטאַנד? פאַרוואָס?!

ווייניק צערן נאָך האָב איך איבערגעלעבט אין מיין יונג לעבן? זיינען צוויי רעוואָלוציעס (פריער די קערענסקי־רעוואָלוציע און דערנאָך די באָלשעוויסטישע־רעוואָלוציע אינם אומגליקלעכן רוסלאַנד); דערנאָך אַ בלוטיקער פּאָגראָם פון די היימישע פויערים אַלס „קאָמפּאַט"; דערנאָך ווידער מערדערישע באַנדיטישע אָנפאַלן, לויפעניש, יאָגעניש, באַ־העלטעניש, פאַרשטעקעניש אין לעכער, שפּאַרונעס, שלעפּעניש איבער טיפע נאַסע בלאָטעס, דורך ווילדע וועגן און שטעגן, דורך גע־דיכטע וועלדער און פעלדער, היימלאָזיקייט, פאַרלייזיקטקייט, עלנדקייט, נישט געוועזן גענוג? דאַרף איך נאָך אויך, פרעג איך נאָכאַמאָל, צוזען ווי עס זינקט און פוילט דאָ־הי דאָס אידישע לעבן, אויף אַלע פראָנטן און געביטן, פונם גרעסטן אידישן ישוב היינט צו טאָג אויף דער וועלט?!

און אַז איך בין שוין געקומען קיין אַמעריקע אין עלטער פון פופצן יאָר און בין צוזאַמען מיט מיין אַריינגייך אין דער ישיבה „משכן־ישראל", ווי אַ דאָרשטיקער צוגעפאַלן צו דער היגער קולטור, ליטעראַטור און מוזיק, און קען שוין דעם „היי־סקול"־ענגליש פון אַ דר. ש. מאַרגאָשעס און פון נאָך אַנדערע ווי ער — מאַכט עס מיך שוין פאַר אַן אַמעריקאַנער און איך קען זיך אויסלעבן בלויז אויף דער ענגלישער שפּראַך און ליטעראַטור, וואָס איך האָב, אגב, זייער שטאַרק ליב? און אַז איך קום זיך שוין הונדערט מאָל מערער ווי אַ דר. ש. מאַרגאָשעס און נאָך אַנדערע ווי ער צונויף מיט אַמעריקאַנער אַקטיאָרן פון בראָדוויי און האָליוואָוד, מיט אַמעריקאַנער שרייבער, זינגער, מוזיקער, דראַמאַטורגן, צווישן זיי אַ סך סאַמאָראָדנע גויים — מאַכט עס מיך שוין פאַר אַן אַמעריקאַנעם און

איך קען זיך אויסלעבן און באַגיין אָן דער אידישער שפּראַך און ליטעראַטור? און אַז איך קען שוין אינטאָנירן אַ „פּרייער" אין אַן ענגלישער איבערזעצונג פּונקט ווי אַן אויסגעשטודירטער ראַבאַי פון איינער פון די היגע פאַבריקן־סעמינאַרן פאַר ראַבאַיס, קען איך דערפון אַזוי הנאה האָבן, ווי אַז איך זאָג־זינג די תפילה אינם טרערן־אויסגעווייקטן, האַרציק־אויסגעזיפּצטן, ליב־אויסגעבענקטן העברעאישן אָריגינאַל? קען איך פילן דעם זעלביקן טעם ביים זינגען אַן ענגליש ליד אָדער באַלאַדע, ווי פון אַ מאַמע־לשון ליד אָדער באַלאַדע — און פון איבערגעזעצטער אידישקייט בכלל? אפשר קענען עס אַנדערע — איך קען ניט...

קען איך, קען וועלכער ס'איז בר־דעת, אָנקוועלן, ווי עס קוועלט אָן אַ דר. ש. מאַרגאָשעס פון „נוסח־אַמעריקע", אָדער ווי עס קוועלט, ליידער, אָן ש. ניגער פון „מנהג אַמעריקע", וואָס זיי זעען ביינאַכט ערגעץ ביי זיך אין חלום — מחמת אין רעאַלן לעבן, ווייס איך גאַנץ וואויל פון אייגענער דערפאַרונג, סיי אין די רעליגיעזע־קרייזן, סיי אין די סעקולערע־קרייזן, איז נישט פאַראַן גאָר אַזאַ זאַך! דאָס וואָס ס'איז יאָ פאַראַן און ווערט פון די אויבנדערמאָנטע צוויי הערן, און פון נאָך אַנדערע ווי זיי באַצייכנט אַלס „נוסח אַמעריקע" אָדער „מנהג אַמעריקע", קען, לפי דעתי, און לויט ווי איך זע עס, נישט פון שטיין אינדרויסן, נאָר פון זיין אינעווייניק, נישט פון זיצן אין אַ רעדאַקציע אויף איסט־בראָדוויי, נאָר פון אָפּט אַרומפאָרן איבערן לאַנד און קומען אין נאָענטן קאָנטאַקט מיט אַלערליי קלאַסן אידן און פון אַריינקוקן טיף אין אַלע שפּאַלטן פונם אידישן לעבן — קען נישט אַנדערש אָנגערופן ווערן מיט קיין אַנדערע נעמען, ווי: אַ פאַרזעעניש־קלויסטער־אימיטאַציע־ נאָכגעקרומטע־ צעקאַליעטשעטע־ און צעקאַדראַטשעטע־אידישקייט!!!

אָ, איך ווייס, מיינע רייד וועלן אייך נישט געפעלן! אָבער אָט דאָס איז עס, מיינע הערן — אויב איר ווילט זיין מיט זיך אויפריכטיק!...

מיר, רבותי, איז אַזאַ פאַרזעעניש־קלויסטער־אימיטאַציע־ נאָכגעקרומטע־ צעקאַליעטשעטע־ און צעקאַדראַטשעטע־אידישקייט, אַזאַ תוהו ובוהו, אַזאַ מיש־מאַש און צעדרייעניש פון אַ אידישן לעבן, אויף אַלע פראָנטן און געביטן אָן אויסנאַם, — נישט ניחא! קוויקט זיך ווער עס קען און וויל מיט חלשות־טראָפּנס — איך קען ניט...

אַציגנד, לאָז זיך אַרויס אויף אַ שפּאַציר איבער איסט־בראָדוויי — דער מאַרק, וואו עס דרייען זיך אַרום אין פראָסטיר־קייט אידישע שריי־

בער; וואו די אידישע ליטעראַטור און פּרעסע איז געבאָרן געוואָרן און האַלט איצט אין אָפּשטאַרבן און אין וועמעס גסיסה עס האָבן אַ גאָר גרויסן חלק אייגענע מענטשן (לייען דר. א. מוקדוניס אַרטיקל „דער אמת און זיין לבוש", אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע", פון 15טן יאַנואַר, 1954); וואו מ׳האַנדלט מיט אידישע צרות; וואו מ׳פאַרקויפט אידישע רעליגיע אויפן אינטש; וואו אידעאַלן זיינען צוערשט געבאָרן געוואָרן און דערנאָך אויסגערינען און פאַרביטן געוואָרן אויף קאַריע־ריזם; וואו אידישע אַרבעטער באַוועגונגען, נאַציאָנאַלע באַוועגונגען, פּאַרטייען, אַרבעטער אָרדנס, הילפס־אָרגאַניזאַציעס, נאַציאָנאַלע אינ־סטיטוציעס, פאָנדן־אַגענטורן זיינען געגרינדעט געוואָרן און פון זייערע אידעאַלן און גוטע כוונות זיינען איצט נישט מער ווי גרויסע שטאַבן מיט אָנגעשטעלטע און דיקטאַטאָרישע ביוראָקראַטן, וועמעס שכירות זיינען משונהדיק־הויכע און דערגרייכן אין די צענדליקער טויזנטער דאָלערס אַ יאָר; — לאָז זיך אַרויס אויף אַ שפּאַציר איבער איסט־בראָדוויי און שטעל אָפּ דעם ערשטן אידישן שרייבער וואָס דו וועסט דאָרט באַגעגענען און פרעג ביי אים: וואָס ער טראַכט וועגן אַט די אַלע זאַכן? וואָס ער דענקט וועגן דעם אַרומיקן גייסטיקן־מדבר? הער אים אויס וואָס ער האָט צו זאָגן, אָבער לאָז זיך ניט באַאיינפלוסן פון זיינע רייד. האַלט דיין קאָפּ איבער די כוואַליעס ווי ביז איצט. פאַרפיר מיט אים אַ שמועס, שטעל אים פראַגעס, פאַרצייכן זיינע ענט־פערס, און דערקלער אים דיין כונה, אַז דו האָסט בדעה, דורכצופירן אַ סעריע „אינטערוויוס מיט אידישע שרייבער" מיט איינלייטונגען: וואו דו וועסט פּרובירן אַרונטערייסן דעם שלייער פון געוויסע זאַכן, געזעל־שאַפטלעכע, קולטורעלע, סאָציאַלע, באַוועגונגען, פאַרטייען, פאָנד־אַגענטורן; קאָרעגירן פאַלש־פאַרקויפטע מיינונגען וועגן דער היגער אידישער ליטעראַטור און פּרעסע; רעווידירן אַ ריי כלומרשט־איינ־געשטעלטע און פון אַלעמען אָנגענומענע שטאַנדפּונקטן וועגן שרייבער און ביכער; וועגן אייניקע, אַזוי־גערופענע, „גדולים" אין דער היגער אידישער ליטעראַטור, און אַרונטערפּיצקען די מאַסקעס פון די פעט־באַצאָלטע מנהיגים, אייביקע פאָרזיצערס, סעקרעטאַרן, פּראָפעסיאָנעלע־אידן, פאַרקויפטע נשמות, זלידנעס, פּובליסיטי־פויקערס, כלערליי „פאַרזאָרגערס" און „רעטערס", וואָס קריגן אַזויפיל און אַזויפיל פער־וואָך ...

יאָ, מיט פיר צענדליק יאָר צוריק, איז דאָ אויפגעשטאַנען אַ גרופּע שרייבער מיטן נאָמען „יונגע", וואָס האָט דערקלערט אַ מלחמה די דעמאָלטדיקע קליינשטעטלדיקע געבאָרענע און אַסימילאַטאָרישע רע־דאַקטאָרס, שרייבערס און פּאָליטישנס, וועמען זיי האָבן געהאַלטן פאַר פאַרדאַרבער און פאַרמיסטיקער פונם אידישן וואָרט און פון דער אידי־שער ליטעראַטור אין אַמעריקע.

די דאָזיקע מלחמה איז געווען אַ העכסט פּרוכטבאַרע און האָט געבראַכט גוטע רעזולטאַטן דער היגער און דער אידישער ליטעראַטור בכלל, אָבער זי האָט לאַנג נישט אָנגעהאַלטן און האָט זיך שנעל גענומען אויסלעשן. ווארים אַזוי גיך ווי אָט די גרופּע „יונגע" האָט זיך אַליין אַריינגעכאַפּט אין די פאַרשיידענע רעדאַקציעס פון די היגע אידישע צייטונגען זיינען זיי נאָך געוואָרן טויזנט מאָל ערגער ווי די, וואָס זיינען געזעסן דאָרט פאַר זיי פריער . . .

דאָס זעלביקע האָט דאָ־הי אויך פּאַסירט מיט דער שפּעטערדיקער אויפגעקומענער גרופּע שרייבער מיטן נאָמען „אינזיכיסטן". אויך זיי, ווי נאָר זיי האָבן זיך אַליין אַריינגעכאַפּט אין די פאַרשיידענע היגע אידישע רעדאַקציעס זיינען זיי דערנאָך געוואָרן רענעגאַטן און פאַררעטער צו זייערע אייגענע אידעאַלן, איינשטעלונגען און צו זייער אייגענער קונסט, פּונקט ווי די פריערדיקע גרופּע „יונגע" . . .

דעריבער, האָב איך צו זיך געזאָגט, געדענק אָט די אַלע זאַכן ביים אינטערוויואירן דעם און יענעם אידישן שרייבער; האָב קיין מורא ניט, פרעג זיך אויס, פאָרש און אַנאַליזיר — אפשר וועט אַרויסקומען עפּעס דערפון . . .

און אַזוי האָב איך זיך אַרויסגעלאָזט אויף מיין שפּאַציר איבער איסט־בראָדוויי. דעם ערשטן וואָס איך האָב דאָרט באַגעגנט איז געווען דער דיכטער, עסייאיסט, קריטיקער, רעדאַקטאָר און פייערדיקער לעק־טאָר — ב. י. ביאַלאָסטאָצקי.

— וואָס מאַכט איר עפּעס? — האָב איך פריינטלעך אים אויסגע־שטעקט מיין האַנט.

— אַ דאַנק, קאָלעגע ירדני, מ׳שרייבט, מ׳גיט אַרויס ביכער, מ׳האַלט לעקציעס. איר וועט אפשר מיט מיר אַריינגיין אין רעסטאָראַן טרינקען אַ קאַווע?

— מהיכא־תיתא! — האָב איך געענטפערט.

פאַרשטייט זיך, אַז דער דיכטער האָט נישט אין זין געהאַט קיין אַנדער רעסטאָראַן אויף איסט־בראָדווי, ווי נאָר דעם, וואו עס קומען זיך, טאָג־טעגלעך, צענויף סיי די שרייבער וואָס אַרבעטן אין די אַרו־מיקע אידישע רעדאַקציעס, און סיי די וואָס קומען אַראָפּ פון פאַרשיי־דענע געגנטן פון ניו־יאָרק: געוואויר־ווערן, וואָס הערט זיך נייעס עפּעס אין דער אידישער ליטעראַרישער וועלט, הערן אַ רכילותל, און גלאַט רעדן און שמועסן, באַגעגענען זיך מיט קאָלעגן, וכדומה.

גייענדיק מיטן וועג, רופט זיך אָן דער דיכטער צו מיר:

— האָט איר שוין געזען מיין „עדעלשטאָט־בוך״?

— יאָ, פריינט ביאַלאָסטאָצקי, אַ פיין בוך ביז גאָר! עס פילט זיך אַ ליבשאַפט אין אייער אַרבעט און אַ גאָר וואַרעמע באַציאונג צום צאַרטן, ליידנדיקן, און געפילפולן דיכטער דוד עדעלשטאָט.

— אַ דאַנק, קאָלעגע ירדני, פאַר אייער גוטער מיינונג.

מיר קומען אַריין אין רעסטאָראַן און מיר זעצן זיך ביידע אַוועק.

— וואָס נאָך עפּעס הערט זיך, פריינט ביאַלאָסטאָצקי? ווי פילט איר נאָך אייער זעכציק יאָריקן יובל, וואָס מ׳האָט ערשט ניט לאַנג געפייערט?

— ווער טראַכט דען דערפון?

ריכטיק. קוקנדיק אויף ביאַלאָסטאָצקין, קען מען בשום אופן ניט זאָגן, אַז ער איז שוין זעכציק יאָר אַלט. נאָך ווייניקער קען מען עס זאָגן אויף אים, ווען מ׳רעדט מיט אים און עס ווערט באַרירט די אָדער יענע ליטעראַרישע צי געזעלשאַפטלעכע פראַגע — און ערשט דאָ דערפילט איר, ווי יונג ער איז נאָך! וואַרים עס ברויזט פון אים, ווי פון אַ קוואַל: מיט וואָרט־שפּיל, בליציקייט, דירעקטקייט, שאַרפקייט און זאַכלעכקייט.

ביאַלאָסטאָצקי איז נישט פון די שרייבער און רעדנער, וועלכע „עקען״ און „בעקען״, און עס נעמט זיי אַ יאָר אַרויסצורעדן אָדער אָנצו־שרייבן אַ וואָרט. ער איז אויך ניט קיין פאַרעוועטער רעדנער אָדער שריי־בער. איר פילט זיין איך, זיין רעדן און זיין שרייבן האָבן באַק־ציינער, האָבן אַ פּנים, און איר ווייסט וואָס ער וויל. נישטאָ ביי אים קיין פאַר־שטעלטקייטן, קיין פאַרהוילטקייטן, ער רעדט און שרייבט אָפן און קלאָר. ער גלאָצט ניט מיט די אויגן צום הימל, נאָר ער זעט וואָס עס טוט זיך אויף דער ערד. דער אָרעמער מענטש, דער מענטש פון פאָלק איז זיין הויפט אינספּיראַציע.

מיר זיינען געזעסן אין רעסטאָראַן ביים גרויסן ברייטן פענסטער וואָס ציט זיך פון דער ערד ביז צו דער סטעליע און קוקט אַרויס צום העסטער פּאַרק, דורך וועלכן עס האָבן צענדליקער מאָל דורכגעשפּאַצירט — און עס שפּאַצירן דורך — די בויער און שאַפער, די קאָריפייען פון דער אידישער ליטעראַטור און פרעסע אין אַמעריקע פאַר די לעצטע 75 יאָר — צו דערמאָנען בלויז אַט די נעמען: אַב. קאַהאַן, לואי מילער, משה קאַטץ, יואל ענטין, ש. יאַנאָווסקי, וויליאַם עדלין, מ. באַראַנאָוו, מאָריס ווינטשעווסקי, מאָריס ראָזענפעלד, דוד עדעלשטאַט, ז. ליבין, ל. קאָברין, יעקב גאָרדין, ב. צביון, מ. אָלגין, י. באָוושאָווער, מ. אָשעראָ־וויטש, ב. וולאַדעק, שלום אַש, דר. זשיטלאָווסקי, יצחק אייזיק הורוויץ, דר. קאַראַלניק, דר. איסר גינזבורג, ש. ראָזענפעלד, א. זעלדין, יהואש, ליעסין, אברהם רייזען, פרץ הירשביין, משה נאַדיר, זישאַ לאַנדוי, מ. י. חיימאָוויטש, מאַני לייב, משה לייב האַלפערן, מיכל ליכט, ל. שאַפּיראָ, ר. אייזלאַנד, י. י. שווארץ, י. אַפּאַטאָשו, דער לעבעדיקער, יצחק ליב־מאַן, ב. צ. גאָלדבערג, ב. ריווקין, ש. ניגער, חיים ליבערמאַן, יונה ראָזנפעלד, דוד פינסקי, ברוך גלאַזמאַן, א. ראַבאַי, י. י. זינגער, דוד איינהאָרן, יצחק באַשעוויס, אהרן צייטלין, ה. לייוויק, דר. א. מוקדוני, תלוש, א. לוצקי, יאָסל קאָהן, ש. טענענבוים, ירמיה העשעלעס, און נאָך, און נאָך.

— קענט איר מיר זאָגן, קאָלעגע ביאַלאָסטאָצקי, — האָב איך פלוצלינג אַ פרעג געטאָן — וואוהין גייט די אידישע ליטעראַטור? און ביי דער געלעגנהייט וויל איך אייך מגלה סוד זיין, אַז אונזער איצטיקן שמועס וועל איך, מיט אייער דערלויבעניש, אַריינגעמען אין אַ סעריע „אינטערוויוס מיט אידישע שרייבער״, וואָס איך האָב בדעה צו פאַר־עפנטלעכן צוערשט אויף די שפּאַלטן פון „נויאָרקער וואָכנבלאַט״ און דערנאָך עס אַרויסגעבן אין אַ בוך.

די זשיוואָווע שוואַרצע אויגן ביים דיכטער האָבן אַ בלישטשע געטאָן און עס איז געקומען דער ענטפער:

— אדרבה! וואוהין גייט דאָס אידישע לעבן? ליטעראַטור איז געבונדן מיט לעבן, כאָטש אַמאָל — מיט בענקשאַפט נאָך לעבן ווי די גאַנצע פּאָעזיע אונזערע פון דער שפּאַנישער גאָלדענער עפּאָכע נאָך ציון, נאָך משיח...

— זייער פיין! וואָס ווייטער?

— איך זע: אַ שטיק צייט וועט זיך נאָך וועבן און קומען צום אויס־דרוק דער חורבן־מאָטיוו. אויך דער מאָטיוו פון טיפער בענקשאַפט נאָך אַ וועלט וואָס איז פאַרשוואונדן געוואָרן, נאָך דער געוועזענער מזרח־אייראָפּעאישער אידישער טראַדיציע.

— און וואָס איז מכח דאָ?

— און מיט דעם רייסט זיך: מאָטיוו פון אידישן לעבן דאָ, אין אַמעריקע. דאָס איז אַ מאָטיוו וואָס איז נאָך אַלץ ניט געקומען צום אויס־דרוק. געענוי: איך מיין ניט נעגער־מאָטיוו, וואָס לינקע פּאָעטן האַלטן אין רעדן פון דעם. איך מיין: אידישער מאָטיוו אין אַמעריקע. ניי־אידישער געשטאַלט, נייער טיפּ, נייע איבערלעבונגען. מאָטיוו, ווי אידישער מאָטיוו, בינדט זיך פּסיכיש ביים נייעם איד מיט ברייט־וואָלט־וויטמאַנישן מאָטיוו, און אַזוי ווייטער.

— וואָס איז מיטן ארץ־ישראל מאָטיוו?

— אויך דער ארץ־ישראל, צי מדינת ישראל מאָטיוו, וועט מער אַריינקומען אין דער אידישער ליטעראַטור, כאָטש צוליב דעם וואָס אידיש איז דאָרט פאַרשוועכט און דערשטיקט, קען דער אידיש־פּאָעט אַזוי גרינג ניט אויפנעמען דעם מדינת ישראל מאָטיוו. ער קען עס ניט טאָן פּסיכיש, כאָטש ער מעג געזעלשאַפטלעך שטיצן די אידישע מדינה מיט געלט און מיט טאַט.

— וואָס נאָך?

— איך זע אויך פאָראויס: ברייט היסטאָרישע טעמעס אויף אידיש.

— און?

— און דערנאָך: רעליגיעזע מאָטיוון, מיסטיש־רעליגיעזע. ס'איז קלאָר, אַז דאָס אידיש לעבן אין אַמעריקע וועט זיך שפּעטער אַלץ מער געשטאַלטיקן אין אַ רעליגיעזער ראַם. אַזוי וועט זיין די קומענדיקע אידישע קהילה דאָ. וואָס מיר, איינגעוואַנדערטע האָבן ניט געקענט דערגרייכן צוליב אונזערע פּאַרטיי־צעשפּאַלטנקייטן און רייסערייען — וועט אָבער דערגרייכן דער היגער דור וואָס וועט פון דעם ניט וויסן און וועט בלייבן איד בלויז צוליב כלל־אָנגעהעריקייט, פאָלק־אָנגעהעריקייט.

דאָ האָט דער טעמפּעראַמענטפולער דיכטער און געבאָרענער שמוע־סער זיך אָפּגעשטעלט כדי אָפּצוכאַפּן דעם אָטעם.

— און וואָס איז אייער מיינונג, קאָלעגע ביאַלאָסטאָצקי, גייט די אידישע ליטעראַטור פאָראויס, אָדער אויף צוריק?

— טייערער ירדני! די אמתע בלי־צייט פון אידיש איז דאָך פאַראיבער. אָבער אויך נאָכן בליען קענען אויף אַ בוים קומען בלע־טער, רייפקייט. אויך נאָכן בליען קען אַ בוים זיין שיין. לאָמיר דעם בוים ניט אַרונטערהאַקן כל זמן עס וואַקסט און גיט פּירות.

דער דאָזיקער געזונטער אָפּטימיסטישער צוגאַנג פונם דיכטער, האָט אויף מיר אַ ווייע געטאָן, ווי אַ פרישער פרילינג־ווינטעלע! וויפיל אידישע שרייבער אין אַמעריקע האָבן אָט דעם צוגאַנג? אַ קליין היי־פעלע... די מייסטע זיינען שוין אַלט און אָפּגעלעבט און פירן זיך אויף ווי זאַטע באַלעבעסלעך, מיט אויסגעפּאַשעטע בייכלעך און פעטע באַנק־ביכלעך, אויף וועמען דער חותם פון „ניט־טשעפּע־מיך״, ליגט קאָוואַליש צעשמירט איבערן גאַנצן גוף, פון קאָפּ ביז די פיס...

— איצט, פריינט ביאַלאָסטאָצקי, וועל איך זיך נעמען דירעקט צו אייך — כ׳מיין: וואָס זיינען די צוויי הויפּט־מאָטיוון פון אייער שאַפן, פון אייער שרייבערישן מהות? אגב, וויל איך, אַז איר זאָלט וויסן, אַז אייער לעגענדע־בוך פון „גלות בבל ביז רוים״, איז אַ קאָלאָסאַל ווערק!

— אַ דאַנק, פריינט ירדני! מיינע צוויי הויפּט־מאָטיוון זיינען קודם־כל: דער סאָציאַלער מאָטיוו. מאָטיוו וועגן בעטלער, וועגן אָרע־מען, וועגן ליידנדיקן מענטש. אַ מאָטיוו וואָס איז טיף־אידיש — מקימי מעפר דל! כאָטש אין אונזערע טעג האָט עס — דורך באַרירונג פון אַנדערע ליטעראַטורן — צוגעקראָגן נייע ניואַנסן.

— און?

— צו אָט דעם מאָטיוו געהערן אויך מיינע אָרעמע גאַסן אין דער אידישער נויאָרקער געטאָ — לודלאָו סטריט, טשערי סטריט, איסט־ריווער, קאַנאַל סטריט, ראַטגערס סקווער, מאַרקן, אָרעמע יאַרידן, היימלאָזע אידן, עלנטע אידן — אַלץ אַזוינע מאָטיוון וואָס איך האָב אין מיינע דריי לידער־זאַמלונגען.

— און וואָס נאָך?

— צווישן אָט די לידער האָב איך אויך אַלגעמיין־סאָציאַלע מאָטיוון, מאָטיוו פונם עלנט פון מענטש אויף דער וועלט. איך שרייב עס און איך באַזינג עס אָבער ניט מיט דער רייזענשער רחמנות. קיין רייזען איז מער ניטאָ! איך באַזינג עס אַמאָל גאָר מיט כעס און רוגזה — עס זאָל הייסן: דו, אָרעמאַן, פאַרוואָס זאָלסטו בלייבן אָרעם און עלנט? דערקען זיך אַליין!...

— און ווייטער?

— צו אַט די סאָציאַלע מאָטיוון געהערן אויך מיינע לידער וועגן אַלגעמיינעם נויאָרקער געוויש און גאַנג פון די שטאָמען — און די דער־שיינונג נויאָרק אַליין! געמיש פון אַזוי פיל פעלקער, ראַסן! וואָס וועט אַרויסקומען פון דעם אַלעמען?...

— און וואָס איז דער צווייטער מאָטיוו?

— דער צווייטער מאָטיוו, קאָלעגע ירדני, אַז איך קוק דורך מיינע לידער זע איך איז דער: ליבע־מאָטיוו! עראָטיק, בענקשאַפט, אויפלע־בונג! האָפנונג, מאַן, ווייב! און קינד, און משפחה — און ווידער בענקשאַפט!

— וואָס איז מיט אייערע עסייען?

— נו, טייערער ירדני, לאָמיר דערמאָנען אַ וואָרט וועגן מיינע עסייס איבער שרייבער, איבער ליטעראַטור. איך גיב ניט קיין „אַטעס־טאַטקעס". איך וויל אין מיין עסעי בלויז דערגיין: ווער איז דער שריי־בער? וואָס וויל ער? וואוהין גייט ער? געבן זיין געשטאַלט. געבן די הויפט סימנים פון זיין פנים. אויב ער האָט אַ פגימה — דאַרף מען עס אויך געבן, כאָטש דער געגעבענער שרייבער מעג זיין מיין נאָענטסטער חבר... קיין פירושים אויף אַ שרייבער שרייב איך ניט. איך וויל אויך אַ שרייבער ניט אַריינצווינגען אין אַ ראַם וואָס איז בלויז פון מיר געשאַפן געוואָרן פאַר אים...

— דהיינו?

— איך שלעפ ניט קיין שרייבער ביי די האָר, און איך מעסט אים ניט מיט קיין „יאַרדשטיק". איך וויל בלויז אָנצייכענען די הויפט־ליניעס פון שרייבער: מ׳זאָל וויסן ווער ער איז און צוליב דעם טרעפט אַז איך לעב זיך אַריין אינם געגעבענעם שרייבער — און אין מיין עסעי איבער אים פילט זיך זיין אָטעם, זיין שורה אפילו. איך האָב פיינט אַרומיקע וועגן — איך פּרוואו תמיד צוגיין גלייך און דירעקט צום שרייבער גופא.

— און אויסער דעם?

— מחוץ פון דעם, ציט מיך צו פאַרשעריישע עסייס, ווי מיין עסעי וועגן גראַם, צי וועגן שטאָט־מאָטיוו אין דער פּאָעזיע, און ענלעכעס. מיינע נעקסטע צוויי ביכער וועלן באַשטיין פון: אַ זאַמלונג פון עסייס, דערנאָך — אַ זאַמלונג פון לידער.

— ווילט איר נאָך עפּעס צוגעבן, קאָלעגע ביאַלאָסטאָצקי?

דער דיכטער האָט יוגנטלעך אַ פיר געטאָן מיט די פינגער איבער

זיין געדיכטער טשופרינע, ווי אַ פּיאַניסט איבער די קלאַווישן פון דער פּיאַנאָ, און האָט געלאָזט ווידער אין גאַנג זיינע מחשבות און געדאַנקען.

— יאָ, וועגן אַמעריקע און ישראל. ישראל, די מדינה, וועט ניט קענען עקזיסטירן אָן ישראל — דאָס פאָלק... איך האַלט, אַז עס איז גאָר אַ גליק פאַר ישראל וואָס עס איז דאָ אַ שטאַרקער אידישער ישוב אין אַמעריקע. כ׳מיין, אַ גליק פאַר דער אידישער מדינה. פּסיכיש אויס־וואַרצלען די היגע אידישע יוגנט פון היגן באָדן איז אָן אומגליק, כאָטש אַ ציוניסט מעג אַגיטירן פאַר חלוצים.

— דיינקט איר ניט אַז מדינת ישראל איז אַ גרויסער נס?

— אודאי איז מדינת ישראל אַ גרויסער נס, אָבער אידנטום אין אַמעריקע איז אויך אַ נס! און איין נס טאָר ניט איינשלינגען דעם צווייטן נס — כאָטש עס דאַרפן זיין היסטאָריש־נאַציאָנאַלע פאַרבינדונגען צווישן ביידן!

— צום ביישפּיל?

— דער נשמהדיקער תוך פון דער היגער ידישער יוגנט קען ניט זיין, ווי בן־גוריון און שפּרינצאַק ווילן, בלויז חלוציות! נאָר פאָלק — און מדינת ישראל אַלס דער מדינההדיקער טייל פון פאָלק. אָבער אידן וואָס לעבן אויסער דער מדינה, דאַרפן ניט זיין פאַרעכנט פאַר „סעקאַנד קלעס דזשוס״...

— לאָמיר זיך, קאָלעגע ביאַלאָסטאָצקי, צוריקקערן צו ליטע־ראַטור. — האָב איך זיך געווענדעט צום דיכטער. — וואָס איז אייער מיינונג וועגן די ריכטונגען אין דער אידישער ליטעראַטור?

— דאָס איז אַ גאָר וויכטיקע פראַגע, פריינט ירדני! איך האָב קיינמאָל ניט געהאַלטן פון פּראָגראַמאַטישע ריכטונגען. אַזוינע ריכטונגען באַגייען תמיד גרויסע עוולות צוליב זייערע גרופּע־אינטערעסן. צוליב ליטעראַרישער גאווה און עגאָצענטריזם. גרופּע מוז ווערן — קליקע! אַ גרופּע האָט געוויינטלעך נאָר אין זינען „מיינע אייגענע״ קודם־כל! אַ שרייבער איז אַ פּערזענלעכקייט, און ניט קיין פּראָגראַם, און ניט קיין גרופּע. די שעפערישע פּערזענלעכקייט איז די אָפּלייקענונג פון שולע און גרופּע און געמאַכטע, אַמאָל אויסגעטראַכטע, פּראָגראַמען.

— זייער ריכטיק, קאָלעגע ביאַלאָסטאָצקי!

— אָט האָט איר, טייערער ירדני, איין ביישפּיל: ס׳איז אַרויפגע־צוואונגען געוואָרן אַזאַ מין ליניע: זיינען געווען די „יונגע״ און דערנאָך

זיינען געקומען די „אינזיכיסטן״. איז עס אַן אמת? — פרעג איך. ניין: ס׳איז אַ ליגן!!

— קענט איר עס מיר אויפקלערן?

— נאָך די יונגע זיינען געקומען: י. י. סיגאַל, ברוך גלאַזמאַן, נפתלי גראָס, ז. ווײַנפּער, א. בערגער, מ. באַסין, א. לוצקי, ל. פײַנבערג און איך אַליין, און נאָך, און נאָך. צווישן אָט די נײַגעקומענע „נעאָ־יונגע״ איז אויך דאָ אַ צד־השווה. אָבער ניט קיין פּראָגראַם. יאָ! אָבער פּערזענ־לעכקייטן זיינען געקומען!

— דאָך?

— אָבער דער ליגנערישער נוסח גייט אַזוי: „יונגע״, און גלייך דערנאָך — די „אינזיכיסטן״. מאַני לייב, לאַנדוי, אייזלאַנד, ראַבאָי, לייוויק, און גלייך דערנאָך — לעיעלעס, גלאַטשטיין, מינקאָוו.

— אין אַנדערע ווערטער: די גאַנצע מעשה איז אַן אויסגעטראַכטע?

— געוויס! אין אָט דער ליניע איז דאָ שקר! און גענומען האָט זיך עס פון דער מאַניע אויף פּראָגראַם, אויף ריכטונג. מען מוז פּאָלי־טיש אויפהאַלטן דאָס געפיל פון פאָלק, און ליטעראַריש — דאָס געפיל פון דער גאַנצקייט פון דער אידישער ליטעראַטור, אָבער ניט היליקייט פון גרופּע. פעטישיזם פון גרופּע קוילעט ממש דעם קיום פון ליטעראַטור. איבערהויפּט ביי אונז מיט אונזער קליינער סביבה.

דאָ האָט זיך דער שמועס געענדיקט. מיר האָבן דערנאָך צוזאַמען פאַרלאָזן דעם ליטעראַרישן רעסטאָראַן, וואו עס זיינען געזעסן ביי טישלעך גרופּקעלעך שרייבער און מ׳האָט געשמועסט. דער דיכטער האָט אָוועקגעשפּאַנט צו דער רעדאַקציע פון „פאָרווערטס״, וואו ער איז אַ לאַנג־יאָריקער מיטאַרבעטער, און איך האָב אָוועקגעשפּאַצירט מיט העסטער פּאַרק צו דילענסי גאַס און אַנדערע אידישע גאַסן, אין מעדי־טאַציע וועגן דעם ערשטן אינטערוויו און גלייכצייטיק אין ערנסטער צוגרייטונג פאַר מיין צווייטער „באַגעגעניש״ מיט אַן אַנגעזעענעם אי־דישן שרייבער.

16טער אַפּריל, 1954

יצחק באַשעוויס

פון דער אַמאָליקער איסט־בראָדוויי, וואָס איז פאַר לאַנגע יאָרן געווען די מעקאַ פון דער אויפגייענדיקער אידישער ליטעראַטור און פרעסע אין אַמעריקע, איז געבליבן נישט מער ווי אַ שאָטן, וואָס האַלט ביים פאַרגיין. די ליטעראַרישע און אויך אידעאישע קאַמפן און שלאַכטן, וועלכע זיינען אַמאָל געפירט און אויסגעקעמפט געוואָרן אויף דער דאָזיקער מערקווירדיקער היס־טאָרישער אידישער גאַס, זיינען שוין לאַנג פאַרגעסן געוואָרן. די ליכטער וואָס זיינען אַמאָל דאָרט אויפגעגאַנגען, האַלטן זיך אין לעשן. אָט שטאַרבט דער, אָט שטאַרבט יענער — און קיין נייע קומען ניט צו. זיי קומען ניט צו דערפאַר, ווייל די אַלטע האָבן ניט בלויז פאַר זיי נישט צוגעגרייט קיין באָדן, נאָר מ׳האָט געברענט זייערע טריט נאָך איידער זיי זיינען אַהין דערגאַנגען, די נייע. די זעלביקע הענט וואָס האָבן אין אַמעריקע געהאָלפן בויען און שאַפן די



יצחק באַשעוויס

אידישע ליטעראַטור און פרעסע, האָבן אויך זי געהאָלפן אומברענגען און זי לייגן טיף אין דער ערד אַריין. עס קומט אויס ניט אַנדערש ווי די דאָזיקע מענטשן וואָלטע צווישן זיך אָפּגעמאַכט: „נאָך אונז זאָל קומען אַ מבול״...

און דער מבול האָט אויף זיך לאַנג ניט געלאָזט וואַרטן. ער איז געקומען גאַנץ שנעל. ניט בלויז איז פון דער אַמאָליקער איסט־בראָדוויי, וואָס איז שייך דער אַמאָליקער ליטעראַרישקייט, קעמפערישקייט און

אידעאַליזם, געבליבן אַ שאָטן, נאָר ס׳איז אויך געבליבן ניט מער ווי אַ שאָטן פון דער גרויסער צאָל טאָג־צייטונגען, וועכנטלעכע און חודש־לעכע זשורנאַלן, וועלכע זיינען אַמאָל דאָרט דערשינען. אויף אַ אידישער באַפעלקערונג פון צוויי און האַלבן מיליאָן נפשות, וואָס די שטאָט ניו־יאָרק פאַרמאָגט, און אויף אַ אידישער באַפעלקערונג פון פינף מיליאָן נפשות איבער אַמעריקע — אַ לאַנד, וואו עס לעבט היינט צו טאָג דער גרעסטער טייל פון אונזער פאָלק, איז געבליבן אינגאַנצן צוויי אידישע טאָג־צייטונגען מיט בינטלעך אַלטע רעדאַקטאָרן און שרייבער, אַ טייל שוין לאַנג אָפגעריבענע, אַ טייל נאָך זשיפענדיקע, אָבער אין תוך אָן לעבן, אָן וועלכע עס איז פאַרלאַנגען שוין, אַחוץ, אפשר, אַביסעלע רו אויף אָפצולעבן די לעצטע עטלעכע יאָרן, און אַ טייל, זייער אַ קליינער, וואָס מיינט, אַז מ׳קען דאָ עפעס נאָך אויפטאָן סיי פאַר דער אידישער ליטעראַטור און פרעסע און סיי פאַר דעם אידישן לעבן אין אַמעריקע אין אַלגעמיין.

צו דעם דאָזיקן קליינעם טייל, פאַרשטייט זיך, געהערן ניט די פיף־פאַף שרייבער, די טאַצן־פויקערס, וועלכע שרייען טאָג און נאַכט איבער אַלע דעכער פון ניו־יאָרק אין זייערע קאָלומס און אַרטיקלען, אַז „מיר וואַקסן“, „מיר בויען“, „שמויען“, „גורל“, „שמוירל“, „המשך“, „שמעמשעך“ סתם אין דער וועלט אַריין, נאָר סאָלידע, ערנסטע אידישע שריפטשטעלער, וועמעס שטאַם איז אַ טיף אידישער, אַ וואָרצלדיקער, מיט אַ גרינטלעכן אידישן וויסן אין דער תלמודישער, רעליגיעזער, העברעאישער און אידישער ליטעראַטור — און, דערצו נאָך, מיט אַ טיפן אַלזייטיקן וויסן; וואָס זיינען ניט געלאָפן היין און הער, אַ לעק דאָ, אַ לעק דאָרטן, אַ כאַפּ דאָ, אַ כאַפּ דאָרטן; וואָס האָבן קיינמאָל ניט געשפּיגן הפקרדיק אינם אידישן ברונעם; וואָס האָבן ניט אָפּגעחוזקט פון קיין אידישע ימים־טובים, מנהגים און טראַדיציעס; וואָס האָבן זיך ניט נאָכגעשלעפּט נאָך קיין פאַרטייען און זיינען ניט נאָכגעלאָפן נאָך קיין מאָדעס — אידישע שריפטשטעלער, ביי וועמען דאָס אידישע וואָרט איז קדושה, וואָס האָבן זייערע פעדערס ניט פאַרקויפט צום טייוול, וואָס געדענקען אַלעמאָל: אַז אַ שרייבער ביי אידן, איז געווען פאַרעכנט פאַר אַ „במקום־נביא“...

פון אָט דעם קליינעם טייל סאָלידע, ערנסטע אידישע שרייבער אין אַמעריקע, איז אין דער בין־השמות־פעריאָדע פון איסט־בראָדוויי

העכסט אַנגענעם דאָרט צו באַגעגענען יצחק באַשעוויסן, וואָס איז איינער פון די פּראָמינענטסטע מיטאַרבעטער פון „פאָרווערטס״ און ער פאַר־נעמט אויך אַ ביז גאָר חשובן אָרט אין דער אידישער ליטעראַטור. פאַר די אויגן שטייט מיר, ווי דער היינטיקער קלאָרער טאָג, זיין „שטן פון גאָריי״, וואָס איז אַ סימפאָניע פון עכטער וואָרט־קונסט, אימאַזש, סקולפּטור, מאָלעריי, מוזיק, טיפע מענטשלעכע איבערלעבונגען און שאַרפער פּסיכאָלאָגיע. אַזוי באַלעבן זאַכן און פורעמען געשטאַלטן, אַזוי מאָלן די נאַטור און פאַרשטעלן סיטואַציעס, האָבן געקענט בלויז אַ באַלזאַק, אַ פלאָבער, אַ טאָלסטאָי און אַ דאָסטאָיעווסקי.

אויך די פאַמיליע „מושקאַט״ באַשעוויסעס, איז אַ מאָנומענטאַל ווערק, אפשר ניט אַזוי צימצומדיק און ניט אַזוי אין זיך שאַרף קאָנ־צענטרירט ווי דער „שטן פון גאָריי״, ווייניקער אויסגעהאַמערט, אָבער ניט ווייניקער מאָלעריש און פּסיכאָלאָגיש, ניט ווייניקער שילדערונג און פאַרטיפונג, פונם אומגעקומענעם פוילישן אידנטום, וואָס וועט בלייבן לדורות — אַ ווערק, וואָס קיין שום היסטאָריקער, דער בעס־טער געשיכטע־שרייבער אפילו, קען עס ניט אַרויסברענגען. וואָרים קיין שום היסטאָריקער קען ניט אַזוי אַרויסברענגען דעם קאָלאָריט פון אַן עפּאָכע, דעם הויך פון דער צייט, ווי אַ ליטעראַריש־קינסטלעריש ווערק. און, דעריבער, איז שוין ניט איינמאָל גאַנץ ריכטיק אָנגעוויזן געוואָרן אויף דער שיינער ליטעראַטור, ווי אויף דעם בעסטן קוואַל פאַר דערלערנען געשיכטע.

אַפּראָפּאָ דער מאָדאָם געשיכטע. אַמאָל האָב איך געמיינט, און ניט בלויז געמיינט, נאָר באמת געגלויבט, אַז געשיכטע איז „תורת־לאָקשן״; אַז קיין ראַיעלערע זאַך ווי געשיכטע איז גאָרניט פאַראַן אויף דער וועלט. נאַאיוו? אוודאי! אָבער אַזוי האָב איך געגלויבט, ביז... אויב מ׳קען אין מיינע טעג פאַר מיינע אויגן נעמען אַ פּראָסטן אידן, וואָס האָט מיט שטאַרקע עלנבויגנס זיך דערשלאָגן צו ווערן אַ סעקרעטאַר פון אַן אָרגאַניזאַציע און אים באַזינגען אין אַ בוך, גלייך ווי ער וואָלט געווען משיח אַליין; אויב מ׳קען נעמען נאָך הונדערט אַנדערע אַזעל־כע פּראָסטע אידן און פונקט אַזוי זיי באַזינגען אין לייט־אַרטיקלען, קאָ־לומס, לידער, אַרטיקלען, עסייען און ביכער; אויב מ׳קען אין מיינע טעג פאַר מיינע אויגן אַזוי פעלשן מיט ענציקלאָפּעדיעס, „פּריזן״, אַנטאָלאָגיעס, לעקסיקאָנען, איז — ווהאָט טו העל?!..

נאָך וועגן געשיכטע.

אָט שרייבט ב. צ. גאָלדבערג וועגן דער געשיכטע פון אידן אין אַמעריקע. איז וואָס האָט ער געטאָן ווען ער האָט געוואָלט שרייבן וועגן די פאַרשיידענע טיפּן רעליגיעזע אידן אין אַמעריקע? ער איז געגאַנגען צו דער „קאַץ נאָך פּוטער"... אַנשטאָט צו שרייבן פון אינוועניק אַרויס, דאָס הייסט, פון אייגענער אונטערזוכונג און דערפאַרונג, האָט ער געטאָן אַזוי: וועגן אָרטאָדאָקסישן אידנטום אין אַמעריקע איז ער געגאַנגען נאָך אינפאָרמאַציע און באַלויכטונג צו הרב זעלצער, פון די אגודת־הרבנים; וועגן קאָנסערוואַטיוון אידנטום אין אַמעריקע, איז ער גע־גאַנגען נאָך אינפאָרמאַציע און באַלויכטונג צו ראַבאַי דר. פינקלשטיין, פון טעאָלאָגישן סעמינאַר; וועגן רעפאָרם אידנטום אין אַמעריקע איז ער געגאַנגען נאָך אינפאָרמאַציע און באַלויכטונג צו ראַבאַי באַמבערגער, און וועגן די קאָנסטרוקציאָניסטישע אידן אין אַמעריקע איז ער געגאַנגען נאָך אינפאָרמאַציע און באַלויכטונג צו ראַבאַי דר. מרדכי קאַפּלאַן.

איז וואָס האָט ב. צ. גאָלדבערג דערוואַרט, אַז זיי זאָלן אים געבן אַנדערע אינפאָרמאַציע און באַלויכטונגען ווי די, וואָס זיי האָבן אים געגעבן? ביין, ער האָט עס נישט געקענט דערוואַרטן...

שטעלט איך פאָר: אַז ניט בלויז אַלע אָרטאָדאָקסישע שולן, אַלע קאָנסערוואַטיווע סענטערס, אַלע רעפאָרם טעמפּלען איבערן לאַנד זיינען נישט גלייך, נאָר אפילו אין איין און דער זעלביקער שטאָט, און נאָך מער, אפילו אין איין און דעם זעלביקן געגנט, זיינען זיי ניט אַלע גלייך, מחמת יעדער פראָוועט שבת פאַר זיך...

היינט וואָס פאַר אַ „געשיכטע" קען עס שוין הייסן?

דאָך, מיט פופציק יאָר שפּעטער, וועלן מענטשן עס לייענען און מ'וועט אָננעמען די דאָזיקע „געשיכטע" פאַר גוט געלט...

איך האָב זיך דאָ אָפּגעשטעלט אויף די דאָזיקע אַספּעקטן דערפאַר, ווייל זיי זיינען מיר גוט באַקאַנט און איך האָב געקענט אָנטאָפּן די טאַנ־דייטנע שטעך מער אפשר ווי ביי די אַנדערע געביטן וועגן וועלכע ב. צ. גאָלדבערג האָט געשריבן אין שייכות מיט זיין געשיכטע וועגן אידן אין אַמעריקע...

און איצט צוריק צום אינטערוויו.

עס איז סוף חודש מערץ. דער קאַלענדאַר האָט שוין מיט עטלע־כע טעג פריער נאָך אָנגעזאָגט אַז ס'איז פרילינג! אָבער דער בעסטער

עדות ביי מיר, איז דער היינטיקער טאָג אַליין. איך קום נאָר וואָס אַריין פון דרויסן, וואו איך האָב פאַרבראַכט עטלעכע שעה צייט אַרומשפּאַצירנדיק איבער סענטראַל פּאַרק. איך טו עס זייער אָפט, ווייל איך האָב שטאַרק ליב ליכט, זון, ביימער, גראָזן, דעם בלויען הימל. סענטראַל פּאַרק איז פאַר מיר אַ דערפרישונג, עס איז איינער פון די שענסטע ווינקלען פון ניו־יאָרק. אַ גרין אינדזעלע אין מיטן דער שטאָט, אַרומגערינגלט מיט טורעמדיקע אַפּאַרטמענט־הייזער אין פאַרשיידענע סטילן. די פרישקייט אויף מיינע באַקן פונם אַרומשפּאַצירן האַלט נאָך אָן, און פונקט אַזוי האַלט נאָך אָן ביי מיר די פרישקייט פונם שמועס, וואָס איך האָב היינט אינדערפרי געהאַט מיט דעם אידישן פראָזע־מייסטער, יצחק באַשעוויס, מיט וועמען איך האָב זיך געטראָפן אין לאָבי פון דער „פאָרווערטס"־געביידע, און מיר זיינען דערנאָך אַריין טרינקען אַ טעפעלע קאַווע אינם שרייבערישן רעסטאָראַן אויף איסט־בראָדוויי.

— נו, פריינט, ירדני, וואו זיינט איר לעצטנס ערגעץ אויסגעווען, אין וועלכע לענדער? — האָט דער חשובער שריפשטעלער, אַוועקזעצנדיק זיך ביי אַ טישל, אַ פרעג געטאָן.

— מיין לעצטע רייזע איז געווען אין מעקסיקאָ.

— אַ שיין לאַנד מעקסיקאָ, ניט אַזוי, פריינט ירדני?

— זייער! איך בין פאַרליבט אין מעקסיקאָ ניט ווייניקער, ווי אין אַמעריקע!

— לאַנג האָט איר דאָרטן פאַרבראַכט?

— דאָס מאָל אַרום דריי חדשים.

— ווען זיינט איר דאָרטן געווען פריער?

— מיט אַ פיר יאָר צוריק.

— האָט איר זיך דאָרטן געטראָפן מיט אידישע שרייבער?

— געוויס, ווי דען? ווי קען אַ אידישער זינגער, וואָס איז אויך אַ אידישער שרייבער, זיך ניט טרעפן מיט אידישע שרייבער, אידישע מוזיקער, זינגער?

— עס זיינען פאַראַן אַ סך אידישע שרייבער אין מעקסיקאָ?

— קיין סך זיינען דאָרטן נישטאָ, אָבער איך האָב באַגעגנט עטלעכע טאַלאַנטפולע אידישע שרייבער, וועלכע באַמיען זיך שטאַרק צו שאַפן אַ מעקסיקאַנער אידישע ליטעראַטור.

אַ דינע פאַרקלערטקייט האָט זיך מיטאַמאָל פאַרצויגן איבער דעם

חשובן שריפטשטעלערס ישיבה־בחורישן, אַסקעטיש־דעליקאַטן אייגנ־אַרטיקן פּנים, וואָס רויטלט זיך אי מחמת דער איינגעבאָרענער קאָליר פון דער הויט און אי מחמת אַ קענטיקע געוואוינהייט ביים שרייבער פון פריסטער קינדהייט־אָן, וואָס פאַרגייט זיך אין אַ מין שעמעוודיקייט ביז איבער די אויערן און באַהאַלט זיך ערגעץ אין די שיטערע פאַלדן פון די נאָך איבערגעבליבענע פייער־רויטלעכע האָר אויפן לומדישן קאָפּ. כדי איבערצורייסן אַט־די פלוצלינגדיקע פאַרקלערטקייט, האָב איך זיך אָנגערופן:

— קאָלעגע באַשעוויס, צו וואָס זאָלן מיר רעדן וועגן אידישע שרייבער און דער אידישער ליטעראַטור אין מעקסיקאָ, לאָמיר בעסער ריידן פון אידישע שרייבער און דער אידישער ליטעאַטור אין אַמע־ריקע. איר האָט דאָך מיר אָנומעלטן צוגעזאָגט מיט מיר צו האָבן אַ שמועס פאַר מיין סעריע „אינטערוויוס מיט אידישע שרייבער״?

— יאָ, פריינט ירדני, — האָט זיך דער שריפטשטעלער ווי אויפ־געכאַפּט פון אַ לייכטן חלום, אויסגלייכנדיק זיין שמאָלן גוף, וואָס איז געווען עטוואָס אָנגעבויגן איבערן טישל, ווי ער וואָלט געזעסן איבער אַ גמרא, אָדער אַ ספר, בוך. — אוודאי, אָבער בתנאי אַז איר וועט פּינקטלעך איבערגעבן מיינע ווערטער.

— איך זאָג אייך צו, פריינט באַשעוויס, אַז קיין איין וואָרט אייערס וועט ניט געענדערט ווערן. און וועגן צולייגן אייך מיינס אַ וואָרט — דאָס אוודאי און אוודאי ניט!

— איך גלויב אייך, פריינט ירדני.

— מיין ערשטע פראַגע איז: וואוהין גייט די אידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע? און — צי גייט זי בכלל?

דער שריפטשטעלער האָט זיך אַ וויל פאַרטראַכט און האָט דערנאָך אויף זיין שטילן, בנעימותדיקן שטייגער געענטפערט:

— עס איז אַ פראַגע וואָס ברענגט אַריין אין גרויס פאַרלעגנ־הייט. איין גאָט ווייסט וואו זי גייט. די לעצטע יאָרן האָבן אפילו די געשוואָרענע אָפּטימיסטן מער ניט קיין מוט צו ריידן וועגן אַ באַרג־אַרויף. די פראַגע איז, בכלל, צי ליטעראַטור גייט ערגעץ פון זיך אַליין. זי גייט דאָרט וואו דאָס פאָלק גייט, און די פראַגע איז אייגנטלעך: וואוהין גייען אַמעריקאַנער אידן? עס זיינען פאַראַן צוויי שטראָמען:

די מערהייט איז אוועק אויף א וועג פון אסימילאציע, א מינדערהייט גייט צוריק צו רעליגיע. די אסימילאטארן דארפן געוויס ניט קיין אידישע ליטעראטור. צי די רעליגיעזע אידן וועלן האבן א געברויך פאר אונז, הענגט־אפ פון אונז אליין און אויך פון זייער אופן רעליגיעזיטעט. עס איז א פראגע וואס מ׳קען אויף איר נישט ענטפערן אויב מ׳איז נישט באשאנקען מיט נבואה.

— קאלעגע באשעוויס, — האב איך א זאג געטאן צום חשובן שריפטשטעלער, נאכדעם ווי ער האט געענטפערט אויף מיין ערשטע פראגע. — איר שרייבט אין „פארווערטס" גאנץ אפט אויך קריטיק איבער אידישע ביכער און סתם ארטיקלען אויף ליטערארישע און אנדערע טעמעס אונטערן נאמען יצחק ווארשאווסקי, וואו איר מאנט, שטראפט און ווייזט מיט רעכט אן אויף געוויסע עוולות, וועלכע ווערן באגאנגען אויף דער אידישער גאס אין אמעריקע, איבערהויפט אויף געוויסע עוולות, וואס אנגעזעענע היגע אידישע שרייבער און דיכטער באגייען, אבער איר דערמאנט קיינמאל ניט קיין נעמען? דאס איז, לויט מיין באשיידענער מיינונג, ניט ריכטיק. ווי אזוי קענט איר דערוואַרטן אויסצובעסערן די דאזיקע עוולות, איבערהויפט די, וועלכע געוויסע אנגעזעענע אידישע שרייבער באגייען, פאר וועמען זאלן זיי מורא האבן אדער זיך שעמען, אז איר זאגט ניט אויס זייערע נעמען? פארשטייט מיך, איך קום דא אייך ניט זאגן קיין דעות, אבער מיר געפעלט שטארק ניט אייער מעטאדע. אויסבעסערן איבלען קען מען נאר דעמאלט, ווען מ׳רופט זיי אן ביים ריכטיקן נאמען! איצט, זייט מיר מוחל, פאר מיין אפנהארציקייט, און ענטפערט מיר אויף מיין צווייטער קשיא:

— ווער איז שולדיק אין דער איצטיקער ירידה פון דער אידישער ליטעראטור אין אמעריקע?

— שולדיק, חבר ירדני, איז, פארשטייט זיך, די אסימילאציע. אבער א געוויסע שולד טראגן אויך טייל שרייבער. ווען די שרייבער וואלטן גענומען זייער פאך ערנסט, וואלט בלויז געקענט זיין א רייד פון א פיזישער ירידה, ניט פון קיין מאראלישער. עס קאן קלינגען מאדנע, נאר דער בייזער גייסט פון אסימילאציע — אין אונזער פאל: ביליקער אמעריקאניזם — האט זיך אויך אריינגעכאפט אין אונזערע רייען.

— למשל ?

— איניקע פון אונז האָבן איבערגענומען ביים אַמעריקאַנער (דעם שלעכטן אַמעריקאַנער) זיין מאַטעריאַליזם, זיין גײַיִעג נאָך רעקלאַמע און זיין קאָמערציעלן קוק אויף גייסטיקע ענינים. דאָס איז אַ גרויסע חרפה, ווייל עס זיינען געווען און עס זיינען נאָך איצט פאַראַן אַמעריקאַנער וואָס מ׳קען פון זיי לערנען גרינטלעכקייט און אידעאַליזם. אַנשטאָט צו נעמען אַ מוסטער פון עדגאַר עלען פאָ, עמערסאָן און אַנדערע גרויסע אַמעריקאַנער, האָבן איניקע גענומען אַ ביישפּיל פון די סאַמע ביליקסטע.

— זייער ריכטיק!

— אַ גרויסער קלאַפּ פאַר דער ליטעראַטור איז ווען שרייבער מאַכן יד־אחת מיט פּאָליטיקער, אפילו דעמאָלט ווען די פּאָליטיקער שטעלן זיך כלומרשט גוטע צוועקן. ליטעראַטור און פּאָליטיק זיינען ווי פליש און מילך. יעדעס פאַר זיך קען זיין כשר, אָבער צוזאַמען זיינען זיי טריף.

— וואָס ווערט ווען אַ שרייבער ווערט אַ פּאָליטיקער ?

— ווען אַ שרייבער ווערט אַ פּאָליטיקער אָדער אַ העלפער פון פּאָליטיקער, געזעגנט ער זיך מיט דער ליטעראַטור. אַזוי איז דאָס אין רוסלאַנד (וואו דער שרייבער איז געצוואונגען צו דינען דער פּאָליטיק) און אַזוי איז דאָס אויך דאָ. וואָס עס איז טריף דאָרט, איז אויך טריף ביי אונז. דער שרייבער וואָס מאַכט שותפות מיט דער פּאָליטיק, פאַרקויפט זיין בכורה פאַר אַן אַרבעס־זופּ. דער שרייבער פאַרלירט און די פּאָליטיק געווינט דערפון גאָרנישט. עס איז אַ פאַרלוסט פאַר ביידע צדדים.

איר זיינט אַבסאָלוט גערעכט !

— איך זאָג די דאָזיקע ווערטער, קאָלעגע ירדני, ניט מיט קיין שום ביטערקייט נאָר מיט איבערצייגונג אַז זיי זיינען דער אמת. מ׳קען אַנווייזן אַז דער אָדער יענער שרייבער האָט זיך באַשעפטיקט מיט פּאָליטיק. אָבער מ׳דאַרף אַלעמאָל מאַכן אַן אונטערשייד צווישן אַן אידעאַל און אַ שותפות וואָס איז געבויט אויף פּראַקטישקייט און אויף אַלערליי צוועקן. איך קען אין אַן אינטערוויו וועגן דעם ברייט ניט ריידן, איך האָב דערוועגן געשריבן צענדליקער אַרטיקלען. פּאָליטיק איז

ספעציעל פאַר דער אידישער ליטעראַטור אַ ביטערע געפאַר, ווייל די ליטעראַטור איז שוואַך, אָרעם און באַזיצט ווייניק ווידערשטאַנד.

— וואָס איז, פריינט באַשעוויס, וועגן די פאַרשידענע ליטעראַרישע קליקעס, וועלכע האָבן זיך געשאַפן דאָ?

— קליקעס, חבר ירדני, זיינען גרופעס וואָס שפּילן פּאָליטיק (מעג עס זיין ליטעראַרישע פּאָליטיק) און דעריבער טויגן זיי נישט. דער אמתער שעפער מוז גיין זיין וועג אַליין. עס איז די איינזאַמקייט וואָס באַהעפט דעם שעפער מיט זיין פאָלק, מיט זיין פאַרגאַנגענהייט און צוקונפט.

אויף צו פאַרענדיקן דעם אינטערוויו האָב איך ביים חשובן שריפטשטעלער אַ פרעג געטאָן:

— זאָגט מיר, קאָלעגע באַשעוויס, וואָס זיינען די הויפּט־מאָטיוון פון אייער שרייבן?

אַ תמימותדיקער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויף דעם שריפטשטעלערס דינע ליפּן און האָט זיך געקרייזלט אַרום דעם מויל, ווי אַ מעלאָדיע פון אַ סאָנאַטע אָדער פון אַ ליד, וואָס הייבט זיך אָן אַמאָל שטיל, אַמאָל שטאַרק, און ברייטערט זיך דערנאָך אויס אין אַ געהעריקער פאָרם.

— איך ווייס ניט. — האָט ער לייכט אַ מאַך געטאָן מיטן קאָפּ. — איך האָב ניט געמאַכט ביז איצט קיין סך־הכל. דאָס וועט אפשר טאָן אַמאָל די קריטיק. איך האָב אַלעמאָל דאָס געפיל אַז דאָס אידישע לעבן, דאָס אינערלעכע און דאָס אויסערלעכע, איז רעכט נאָך ניט אָנגערירט געוואָרן פון דער ליטעראַטור. אידישקייט איז אַ ים וואָס מ׳קען נישט אויסשעפּן, עס איז אַ סובסטאַנץ מיט אומענדלעכע אַטריבוטן. עס איז נישטאָ אַ לעבן וואָס איז אַזוי רייך אין פּאַסירונגען און אין גייסט ווי דאָס אידישע. איך שטיי פאַר דעם דאָזיקן ים מיט אַ געפיל פון באַוואונדערונג און יראת־הכבוד. איך גלויב אַז דער אמת וועגן אידישן לעבן מוז פירן צו די אור־עלעמענטן, וואָס פון זיי איז געשאַפן געוואָרן די תורה. דער אמת וועגן אידן מוז באַשטעטיקן די אמתן פון תנ״ך און פון די שפּעטערדיקע גייסטיקע פירער אונזערע.

דאָ האָב איך זיך געזעגנט מיטן חשובן שריפטשטעלער, וועלכער איז נאָך געבליבן זיצן ווייטער אין רעסטאָראַן און איך בין אַוועק מיטן

געדאַנק צו נעמען די סאָבוויי און פאָרן אַהיים, אָבער אָנשטאָט דעם האָב איך פאַרקערעוועט דעם מאַרשרוט מיינעם און בין אַוועקגעפאָרן צו מיין באַליבטן סענטראַל פאַרק, וואו איך האָב געשמעקט די גרינע טריט פונם נייעם פרילינג, וועמעס פרישע שפּראָצן האָבן אויפגעזונגען מיט זוניקער ראַסינישע־מוזיק, דורכגעוואָמען פון ליכט און פרייד.

30־טער מערץ, 1954

ב. צ. גאָלדבערג

איך האָב אַלעמאָל געהאַט אַ געפיל, אַז דער אידישער ליטעראַטור פעלט עפּעס. צופיל אידיליע און צו ווייניק דראַמע; צופיל פּאָעזיע און צו ווייניק האַרטע פּראָזע; צופיל זעלבסט־ליבע און צו ווייניק זעלבסט־קריטיק; צופיל זעלבסט־פאַרליבטקייט און צו ווייניק זעלבסט־ניכטער־

ב. צ. גאָלדבערג

קייט; צופיל זעלבסט־רחמנות און צו ווייניק זעלבסט־מאָנענדיקייט; צופיל איבערגעשפּיצטע חכמה און צו ווייניק שכל־הישר; צופיל ניסים ונפלאות און צו ווייניק האַרטע אמתן; צופיל פאַנטאַזיע און צו ווייניק רעאַליזם; צופיל זעלבסט־זיכערקייט און צו ווייניק זעלבסט־ספקותדיקייט; צופיל זעלבסט־פאַרהייליקונג און צו ווייניק זעלבסט־קענענדיקייט; צופיל אויגן־גלאָצעניש צום הימל און צו ווייניק אַראָפּקוק צו דער ערד, צום טאָג־טעגלעכן קאָרע־נעם, שוואַרץ־ברויטיקן, לאַבנדיקן קלייענדיקן לעבן — און, דערצו נאָך, איז אַלצדינג אַזוי פאַרהוילט, פאַרשטעלט, רמזדיק, שטאַמלדיק, האַלב־־ווערטערדיק, גלייך ווי מיר וואָלטן געווען אַ פאָלק פון שטומע, ווי מיר וואָלטן קיין גאַנצע ווערטער נישט געקענט אַרויסזאָגן.

ווען איך האָב געלייענט אַשס „שטעטל", האָב איך זיך געפרעגט: און פון וואַנען קום איך דען? קום איך דאָך אויך פון אַ קליין שטעטל —

און, דערצו נאָך, זייער אַ שיין שטעטעלע, איינע פון די שענסטע אין גאַנץ וואָלין, וואוהין מ׳פלעגט זומער קומען אויף דאַטשע, אַרומגערינגלט פון דריי זייטן מיט געדיכטן סאָסנע־וואַלד און פון איין זייט מיט ווייט־ציִענ־דיקע ברייטע גאָלדענע פעלדער; אַ שטעטל, וואָס האָט זיך געטיקט אין אַ ים פון גרינע גערטנער, סעדער און הויפן, וואו יעדער איד, דער אָרעמ־סטער אפילו, האָט געהאַט אַ בהמה, אַ פּאָר ציגן, עופות, גענז, קאַטשקעס— מיט איין וואָרט, אַ פעט שטעטל. אָבער — וואו, וואָס, ווען? ווער האָט געזען אַזאַ „אידיליע”, ווי אַש מאָלט פאַר אונז אויס אין זיין „שטעטל”? ווער האָט געהערט פון אַזאַ „געזאַנג”, ווי עס טראָגט זיך פון אַשס „שטעטל”? סיידן, האָב איך זיך געטראַכט, איך בין גאָר קיין מנגן ניט? אָבער דאָס וועט דאָך אפילו מיין ערגסטער שונא נישט וואַגן צו זאָגן אויף מיר — סיידן אַ צעדרודלטער... וואָרים איידער איך האָב נאָך ריכטיק געוואוסט, וואָס אַן אַלף מיינט, האָב איך שוין געוואוסט וואָס אַ נאָטע איז, און איידער איך האָב נאָך ריכטיק געקענט אָנשרייבן אַ שורה, האָב איך שוין אויסגעזונגען אַ גאַנצן „הבן יקיר לי”...

איך האָב דאָ געבראַכט אַשס „שטעטל” בלויז ווי אַ קליינע אי־לוסטראַציע — און ניט מער. איך וויל דאָ אויך באַמערקן, אַז דאָ רעדט זיך וועגן דער אידישער ליטעראַטור, וואָס איז געשאַפן געוואָרן אין מזרח־אייראָפּע ביז צום גרויסן חורבן, וואָס היטלער און זיינע דייטשישע מערדער האָבן געבראַכט אויף די דאָרטיקע אידן און אויפן גאַנצן אייראָפּעאישן אידענטום.

קום איך ווידער צו דער אידישער ליטעראַטור וואָס איז געשאַפן געוואָרן פאַר די לעצטע פופציק יאָר אין אַמעריקע — דאָ בלייב איך שוין אינגאַנצן שטיין אַ געפּלעפטער! ווי איז דאָס מעגלעך, האַלט איך זיך אין איין פרעגן, פופציק יאָר אידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע, און עס פעלט דאָרט, אויב ניט לחלוטין, איז אָבער צום גרעסטן טייל, כ׳וואָלט געזאָגט גאַנצע פינף און זיבעציק פּראָצענט, פונם פינף מיליאָניקן אַמע־ריקאַנער אידישן לעבן? איבערהויפּט פעלט אָבער אין דער אידישער ליטעראַטור פון אַמעריקע, לגמרי, דער לעצטער פערטל יאָרהונדערט פונם היגן אידישן לעבן? וואו איז ער אַהינגעקומען? וואוהין איז ער פאַרשוואונדן?

אין קיין צו טיפן און ברייטן אַנאַליז וועל איך דאָ זיך נישט אַריינלאָזן, אָבער איך וועל פּרובירן מאַכן אַ קווער־שניט פון דעם גאַנצן

ענין — אַזוי, אַז אין עטלעכע פּאַראַגראַפן זאָל אויפגעדעקט און קלאָר ווערן פאַר יעדן איינעם, וואָס דאָ קומט פאָר.

אין קורצן: עס האָט פּאַסירט אַ גרויס אומגליק אינם לעצטן פערטל יאָרהונדערט פונם אידישן לעבן אין אַמעריקע, וואָס האָט זיך זייער שלעכט אָפּגערופן אויף די שעפערישע מענטשן — און ממילא אויף דער היגער אידישער ליטעראַטור. פון די מייסטע אידישע צדקה־אינסטיטו־ציעס, פאַרשיידענע רעליף־אָרגאַניזאַציעס און אַלערליי פאָנדן־אַגענטורן, וועלכע זיינען דאָ אויפגעקומען בשעת און נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה אין אַמעריקע, איז אויסגעוואַקסן אַ ריזיקע אינדוסטריע, וואָס האָט אַוועקגעלייגט אירע בערישע לאַפּעס אויף אַ גרויסן טייל, אויב ניט אויפן גרעסטן טייל, פונם היגן שעפערישן אידישן לעבן און האָט די מייסטע היגע אידישע שרייבער, דיכטער, דערציילער, פּובליציסטן, עסעיאיסטן, קריטיקער, זשורנאַליסטן, קאָלומניסטן און רעדאַקטאָרן, מיטן כוח פון וועכנטלעכע טשעקס, „געצוואונגען" צו פאַרקויפן זייער געוויסן און האָט זיי פאַרוואַנדלט אין „טשאַרלי מעקאַרטיס"...

יאָ, איך ווייס אַז ס'איז אַ ברוטאַלע אָנקלאַגע, אָבער דער אמת דאַרף געזאָגט ווערן — נאָר אַזוי וועט פאַר אונז קלאָר ווערן: פאַרוואָס דער לעצטער פערטל יאָרהונדערט פונם אידישן לעבן אין אַמעריקע איז, לגמרי, פאַרשוואונדן פון דער היגער אידישער ליטעראַטור! אויב מיר— אויב אויך איך וועל זיך שפּילן אין באַהאַלטעניש און וועל מורא האָבן אַרויסצוקומען מיטן אמת, וועט עס צו גאָרנישט פירן! עס וועט אפשר — ניין, ניט אפשר, נאָר זיכער, בלייבן ביים אַלטן, אָבער זאָל כאָטש די וועלט דערפון וויסן...

די פאַרשיידענע צדקה־ און פאָנד־אינסטיטוציעס, האָבן צוערשט, דורך אַ הינטער טיר, און דערנאָך, שוין גאַנץ אָפן, דורך דער פאַראַדנער טיר, אָנגעהויבן אויסצואיבן זייער איינפלוס און צו דיקטירן אויף אַזוי וויט, ביז ס'איז דערגאַנגען דערצו, אַז די באַלעבאַטים פון די אידישע צייטונגען האָבן שוין נישט מער קיין דעה איבער זייערע אייגענע צייטונגען, ווייל אַ ניט סטראַשעט מען זיי וועט מען אַרויסנעמען די באַצאָלטע אַנאָנסן, וועלכע באַטרעפן צענדליקער און הונדערטער טויזנטער דאָלער אַ יאָר, און די אידישע רעדאַקטאָרן, שרייבער און דיכטער, צווישן זיי די סאַמע פּראָמינענטסטע אידישע רעדאַקטאָרן, שרייבער און דיכטער, קענען שוין נישט מער האָבן קיין שום אייגענע מיינונגען — ווייל אַז מ'שטייט

אויף דער וועכנטלעכער „פעי־ראַל״: טאָ ווי קען מען אַרויסגייען עמיצן קריטיקירן?!...

דער בראַך איז געקומען נאָך פון אַנדערע זייטן אויך. אָבער צווישן די הויפּט־סיבות פאַרנעמט אָט דער קאָנקרעטער פאַקט, וואָס איך האָב דאָ געבראַכט. דאָ ליגט דער הונט באַגראָבן! פון דאַנען האָט זיך גענומען דער אומגליק, וואָס דער לעצטער פערטל יאָרהונדערט פונם אידישען לעבן אין אַמעריקע האָט נישט דערלעבט צו זען די ליכטיקע שײַן אינם לעצטן פערטל יאָרהונדערט פון דער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, מיט גאָר ווייניק אויסנאַמען, אין וועלכן עס איז צוויגג: ניט אין דער דערציילונג, ניט אין דער דראַמע, ניט אינם ראָמאַן, ניט אין דער ליד, ניט אין דער עסיי, ניט אין דער קריטיק, ניט אין דער פובליציסטיק, ניט אין די לייט־אַרטיקלען, ניט אין דער קאָלומניסטיק און ניט אין דער זשורנאַליסטיק...

— איז וואָס מאַכט איר עפּעס, פריינט ירדני, כ׳האָב איך שוין לאַנג נישט געזען! — האָט מיך אָפּגעשטעלט אויף איסט־בראָדוויי דער באַ־רימטער אידישער קאָלומניסט, פובליציסט, היסטאָריקער און דער סאַמע פּראָמינענטסטער מיטאַרבעטער פון „טאָג״, ב. צ. גאָלדבערג.

— אָט, אַ דאַנק, פריינט גאָלדבערג! מ׳זינגט צו ביסלעך, מ׳שרייבט צו ביסלעך, מ׳פאָרט אַרום צו ביסלעך — און שוין.

— אינטערעסאַנט!

— יאָ, אַלץ צו ביסלעך! קיין סך קען מען נישט אויפטאָן, און עס ווילט זיך אויך נישט איינרייסן די וועלט. עס ווילט זיך בעסער הנאה האָבן פונם קאָפּ לעבן!

— וואו קלייבט איר זיך ערגעץ צו פאָרן איצט, פריינט ירדני?

— איך האָב שטאַרק חשק זיך אַריבערצוכאַפּן קיין דרום־אַפריקע!

— אַזוי ווייט?

— איר ווייסט דאָך, אַז ווייטקייט איז פאַר מיר ניט קיין אָפּהאַלט! עס ווילט זיך כסדר אַרומרייזן איבער פרעמדע לענדער זען, הערן און לערנען וואָס מער!

— עס זעט אויס, אַז מיר ביידע, פריינט ירדני, פאָרן אַרום מער ווי אַלע אידישע שרייבער צוזאַמען!

— יאָ, אַזוי זעט עס אויס!

— איר ווילט אפשר, פריינט ירדני, מיט מיר ארייבגיין טרינקען אַ טעפּעלע קאַווע ?

— צו יעדער צייט !

אויפן וועג צום רעסטאָראַן טראַכט איך פון מיין מיטשפּאַצירער, וואָס איז פון די סאַמע געציילטע אידישע שרייבער אין אַמעריקע, וועלכע שטייען מיט ביידע פיס אויפן באָדן פון לאַנד. ער איז דורך און דורך אַן אַמעריקאַנער אידישער שרייבער, וואָס איז טיף אַריינגעטאָן אינם אַמעריקאַנער אידישן לעבן און אין דעם אַמעריקאַנער לעבן בכלל. ער איז אויסגעבונדן מיט דער אַמעריקאַנער אידישער פּאָליטיק, באַוועגונגען, מיט דער אַמעריקאַנער אידישער געשיכטע, אידישער ליטעראַטור, און איז פונקט אַזוי אויך אויסגעבונדן מיט דער אַמעריקאַנער פּאָליטיק, געזעלשאַפטלעכער מיינונג, מיט אַמעריקאַנער געשיכטע און אַמעריקאַנער ליטעראַטור. ער קען דאָס לאַנד פון אַלף ביז תיו ! ער איז געבענטשט מיט אַ סך וויסן, אידישן, אַמעריקאַנעם און אויך וועלטלעכן — און, דערצו נאָך, מיט אַ פּען, וואָס קען אַלץ קלאָר איבערגעבן, קלאָר אַנאַליזירן אין אַ געשמאַקן, יאָדערדיקן אידיש, וואָס צעגייט זיך מחיהדיק אין מויל.

נישטאָ קיין סך אידישע שרייבער אין אַמעריקע אַזעלכע אויף דער אידישער גאַס ביי אונז, וואָס זאָל שרייבן, טאָג־איין, טאָג־אויס, איבער אַזויפיל פאַרשיידנאַרטיקע טעמעס — אידישע, אַמעריקאַנער, וועלטלעכע, פון אַ פּאָליטישן, עקאָנאָמישן, סאָציאָלאָגישן, געזעלשאַפטלעכן און קולטורעלן כאַראַקטער — מיט אַזאַ גרינטלעכקייט און אויף אַזאַ שטייגער, אַז אַלע, פונם למדן, וואָס פאַרשטייט זיך אויפן רמב״ם ; אינטעליגענט, וואָס פאַרשטייט זיך אויף עמערסאָן, ביזן פּאָלקס־מענטש, וואָס פאַרשטייט זיך אויף שלום עליכם, זאָלן אים פאַרשטיין. ער איז דער מער געלייענטסטער שרייבער, ווי וועלכער עס איז מיטאַרבעטער פון „טאָג״. ער איז אַ סינטעז פון ישיבה און אוניווערסיטעט — פּלוס אייגענעם באַשאָנקענעם גאָלדבערגישן טאַלאַנט און שרייבערישן חן.

נאָכן איבערלייענען דאָס־אָ, גלויב איך ניט, אַז איך דאַרף דאָ מאַכן אַ ספּעציעלע דערקלערונג ערשט, אַז גאָלדבערגס אופן שרייבן געפעלט מיר. אָבער איך דאַרף דאָ קאַטעגאָריש דערקלערן, אַז ניט מיט אַלץ וואָס גאָלדבערג שרייבט בין איך מסכים. אומפּאַרטייאישקייט, טאָלעראַנץ, איז אַ גוטע זאַך, און איך בין פאַר דעם הונדערט פּראָצענט,

אַבער... עס איז פֿאַראַן אַ חסידישע אומפּאַרטייאישקייט, אַ חסידישער טאָלעראַנץ, און אַ מתנגדישע אומפּאַרטייאישקייט און אַ מתנגדישער טאָלעראַנץ. גאָלדבערגס אומפּאַרטייאישקייט און טאָלעראַנץ איז אַ קאַל־טער מתנגדישער. און פּונקט ווי איך האָב ניט צופֿיל ליב קיין צו הייסע חסידים, אַזוי האָב איך אויך ניט צופֿיל ליב קיין צו קאַלטע מתנגדים. גאָלדבערגס שרייבערישער קוק איז פֿאַר מיר אָפּט צו ראַציאָנאַליסטיש און צו וויניק עמאָציאָנעל. עס קען זיין, אַז ס'איז אפשר גוט, און נאָך מער געזינטער, אַזוי, אָבער איך האַלט נאָך נישט ביי דעם...

— זאָגט מיר, פריינט ירדני, וואָס איז געוואָרן פון אייער פּלאַן מכח די „אינטערוויוס מיט אידישע שרייבער", וואָס איר האָט מיט מיר אַמאָל וועגן דעם גערעדט?

— עס איז טאַקע זייער גוט, פריינט גאָלדבערג, וואָס איך האָב אייך דאָ באַגעגנט, איך האַלט איצט אין מיטן פון דער אַרבעט.

— זעט, פריינט ירדני, מאַכט פון דעם אַ גרינטלעכע אַרבעט, אַ קווער־שניט און אַן אָביעקטיוון אַריינדרינג אינם היינטיקן שטאַנד פון דער ליטעראַטור: דערויף דאַרף זיין דער טראָפּ, ניט אויף דעם ריין פּערזענלעכן מאָמענט פון שרייבער, וואָס איז אפשר פּיקאַנט פאַרן לייענער. איך האַלט אייך פאַר אַן ערנסטן מענטשן, און האַלט אַז ווען איר וועט די פראַגע שטעלן אַ געהעריקע צאָל געהעריקע מענטשן און זיי זאָלן ענטפערן אָפנהאַרציק, וואָלט דאָס געווען אַ גרויסע אויפדעקונג פון אונזער קולטור־מצב, וואָס איז זייער נויטיק אויב מיר ווילן האָבן אַ צוקונפט.

— איך וועל זיך שטאַרק באַמיען, אָבער צי עס וועט מיר געלינגען, פריינט גאָלדבערג, ווייס איך ניט. און אַז מיר זיינען שוין אויף דער טעמע, לאָמיר עס ניט אָפּלייגן אויף קיין אַנדערש מאָל, נאָר גלייך אויפֿן אָרט טאַקע אַריינכאַפּן אַ שמועס. מיין ערשטע פראַגע צו אייך, פריינט גאָלדבערג, וועט זיין: וואָס איז אייער קוק אויף דער אידישער ליטע־ראַטור אין אַמעריקע?

— מיר האָבן, פריינט ירדני, צוויי אידישע ליטעראַטורן אין אַמע־ריקע: אַ סתם אידישע און אַן אַמעריקאַנער אידישע. די ערשטע איז אָפּט אַן אַ באָדן, אָפּגעריסן פון לעבן, פאַרזונקען אין בענקשאַפט נאָכן עבר. און זי איז ביי אונז פיל איבערגעשאַצט געוואָרן; מיט דעם האָט מען זיך צופֿיל געצערטלט, און איר האָט מען ניט גענוג געשמיסן. די

צווייטע איז ביי אונז ווייט אונטערגעשאַצט געוואָרן און דורכאויס פאַר־נאַכלעסיקט געוואָרן. דעריבער האָט זי געהאַט אַ קנאַפּע תקומה. דערצו אין אונזער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע ווי אַן אַלטער אידישער בית־הקברות אין דער אַמאָליקער אידישער היים — פאַרוואָקסן מיט ווילד גראָז, און פאַרוואָרפן מיט מצבהס אויף וועלכע מענטשן האָבן זיך אַליין, דירעקט אָדער אומדירעקט, אָנגעשריבן תהילות ותשבחות. אונזער אידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע נויטיקט זיך אין אַ פרישן צוגאַנג, אַ נייעם איבערשאַצער, וואָס זאָל אָפּטיילן דעם קרן פונם פסולת, אייג־שטעלן קינסטלערישע קריטעריע — אפשר וואָלט די ליטעראַטור מיט דעם צוריק געוואונען אַ סך פון אירע אַנטוישטע לייענער.

— אייער קוק אויף דער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, פריינט גאָלדבערג, געפעלט מיר זייער. עס האָט באמת פאַרענטפערט מיין פראַגע. איצט קום איך צו מיין צווייטער פראַגע: וואוהין גייט די אידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע?

— מיר דוכט, קאָלעגע ירדני, אַז זי גייט בכלל ניט. זי טאָפּטשעט זיך אויף אַן אָרט, אָדער זי דרייט זיך אין זעלביקן קרייז. קיין שייכות מיט אַמעריקע אָדער מיטן אַמעריקאַנער אידישן לעבן האָט די אַמערי־קאַנער אידישע ליטעראַטור ניט. און קיין שפיגל פון היגן אידישן לעבן, זאָל אפילו זיין אַ קרומער שפיגל, אודאי ניט. קיין אידייע אָדער אידעאַל פאַרמאָגט די ליטעראַטור ניט. די גרונט מאָטיוון אין דער אַמעריקאַנער אידישער ליטעראַטור באַשטייען בדרך־כלל פון אָט די צוויי: איינס, די בענקשאַפט און פאַרגעטערונג פון דער אַמאָליקער קליין שטעטלדיקער פאַרגאַנגענהייט; און צווייטנס, אַ זיצן און קלאָגן אויפן אונטערגאַנג און אומקום — אַלץ גייט אונטער און אַלץ גייט צום אומקום, אידיש לשון, אידיש לעבן, די וועלט בכלל, די מענטשהייט, דער אוניווערז. עס איז ווי די מעשה מיט יענעם דייטש וואָס האָט געגעסן לימבורגער קעז און אַ שטיקל פון דעם איז אים פאַרבליבן אויף דער וואָנצע, איז אַוואו נאָר ער איז געגאַנגען האָט ער זיך באַקלאָגט אַז עס שמעקט מיט קעז...

— ווער זיינען די וויכטיקסטע אידישע שאַפערס היינט אין אַמע־ריקע?

— אַזוינע וויכטיקסטע שאַפערס, קאָלעגע ירדני, וואָס זאָלן היינט שאַפן וויכטיקע ווערק האָבן מיר, צום באַדויערן, בכלל ניט. מיר האָבן היינט שריפטשטעלער וואָס האָבן געשאַפן וויכטיקע ווערק — זיי לעבן

נאָך און זאָלן זיי נאָך לאַנג לעבן — אָבער דאָס וואָס זיי שאַפן היינט איז בלויז אַן איבערחזרונג פון זייער פריערדיקן שאַפן, און מיט ווינציקער פרישקייט און זאַגעדיקייט ווי דאָס ערשטע איז געווען. די ניי־אַריבער־געקומענע אינגערע שרייבער האָבן מער פּרעטענזיע ווי טאַלאַנט, און פאָרן אַרויס מער אויף פּובליסיטי און שרייאיקע טעמאַטיק ווי אויף אמתער קינסטלערישער שאַפונג. די גאַנצע חורבן־ליטעראַטור וואָס רייט אויף די זעקס מיליאָן קדושים איז שלעכטע פּובליציסטיק ניט קיין עכטע דיכטונג. אָט דער מאַטעריאַל איז נאָר בכלל צו פריש און צו רוי פאַר אמתער קונסט. ווער עס זיינען געווען די וויכטיקסטע שרייבער ביז היינט, וועט באמת קענען פאַרענטפערט ווערן נאָך אַ נייער איבערשאַצונג פון דער ליטעראַטור. אָט האָט עדעלשטאַט בסך־הכל געשריבן אידיש דריי יאָר צייט, און אַ לייאַדע פּאָעט אויף איסט־בראָדוויי האַלט זיך דאָך אַ סך מער פאַר דיכטער פון אים, און דאָך לאָזט עדעלשטאַט ניט רוען אפילו זעכציק יאָר נאָך זיין טויט, און מ׳עוסקט זיך מיט אים סיי פון לינקס און סיי פון רעכטס. איז ער אַ וויכטיקסטער שאַפער? איך האַלט גראָד אַז יאָ, אָבער וויפיל פון אונזערע דיכטער היינט וואָלטן אים פאַר אַזוינעם אָנערקענט?

— נאָך אַזאַ אַנאַליז, פריינט גאָלדבערג, גלויב איך ניט צי איך דאַרף אייך שטעלן די פראַגע: צי גייט די איצטיקע אידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע פאָראויס אָדער צוריק?

— אָט די פראַגע, קאָלעגע ירדני, איז שוין פאַרענטפערט געוואָרן אין ענטפער צו דער צווייטער פראַגע. אויב די פראַגע פאָדערט אַ קאַטע־גאָרישן ענטפער: פאָראויס אָדער צוריק? איז מיין ענטפער — צוריק.

— וואָס איז אייער מיינונג, פריינט גאָלדבערג, וועגן די פאַרשיידענע אידישע ליטעראַרישע גרופּעס, קלייזלעך און קליקעס אין אַמעריקע?

— אין די קאַרגע פינף און דרייסיק יאָר, קאָלעגע ירדני, וואָס איך בין פאַרבונדן מיט דער אידישער פּרעסע, האָב איך אַליין ניט באַלאַנגט צו קיין גרופּע, קלייזל אָדער קליקע, הגם איך בין פון צייט צו צייט גע־שטאַנען אין פריינטלעכע באַציאונגען מיט מיטגלידער פון אַזוינע גרופּעס. בדרך־כלל, איז ליטעראַרישע גרופּע אָדער קרייז אַ געוויינטלעכע דער־שיינונג אין אַלע ליטעראַטורן, און ביז אַ געוויסן גראַד גאָר אַ פּאָזיטיווע דערשיינונג — הגם אַלעמאָל אַ סימן פון שוואַכקייט ניט פון גבורה. די שוואַכקייט קען זיין אַן אינערלעך קינסטלערישע און אַ סאָציאַלע. ביי די

ספּעציפישע באַדינגונגען אין אונזער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, זיינען אָבער די קלייזלעך און קליקעס געווען אַ נעגאַטיווע און דאָס רוב אַ שעדלעכע דערשיינונג. דאָס שטאַמט פון דעם וואָס ביי אונז איז דער ליטעראַרישער געביט קאָנצענטרירט אויף דער פּרעסע און די פּרעסע איז אַ באַגרענעצטע געביט. איז ווען אַ קלייזל אָדער קליקע באַקומט אַ צו גרויסן איינפלוס אין דער פּרעסע, קען זי שטופּן אין פּאַראַויס מענטשן פון איר קרייז, וואָס פאַרדינען ניט דעם פּרסום, און ניט דערלאָזן אַנדערע וואָס פאַרדינען עס יאָ. דאָס אייגענע גייט אויך בנוגע באַאיינ־פלוסן די קריטיק צום גוטן אָדער צום שלעכטן. בפרט, ווען עס איז דאָ ביי אונז אַ לאַגע וואָס איז ענלעך אויף מאָנאָפּאָל אין געביט פון קריטיק.

— איך גלויב, פריינט גאָלדבערג, אַז ווייטערדיקע פּירושים זיינען איבעריק. איר האָט געדעקט דעם ענין ביז צום דנאָ. וואָרים ווער קען נאָך וויסן אַזוי גוט, ווי אַ מענטש וואָס איז פאַרבונדן פינף און דרייסיק יאָר מיט דער אידישער פּרעסע אין אַמעריקע? דערצו זיינט איר דאָך לאַנגע יאָרן געווען דער פאַרוואַלטונגס־רעדאַקטאָר פון „טאָג“. איצט, זאָגט מיר, איך בעט אייך, וואוהין גייט דאָס אידישע לעבן בכלל אין אַמעריקע?

— דאָס אידישע לעבן אין אַמעריקע, קאָלעגע ירדני, גייט ווייטער און טיפער אין אידישקייט. מיר האָבן היינט אַ סך מער אידן אין אַמע־ריקע וואָס קענען לערנען, — דאָ רעדט זיך וועגן אַמעריקאַנער געבוי־רענע אידן — וואָס קענען אידיש, און דער עיקר וואָס האָבן אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צום אידישן וואָרט און צום אידישן לעבן ווי ווען עס איז פריער. מיט אַ יאָר פערציק צוריק איז דער דראַנג געווען צווישן די אַמעריקאַנער געבוירענע זיך צו אַנטאידישן, וואָס גרינטלעכער פאַרגעסן דעם אָפּשטאַם, און זיך אויסמישן צווישן די „יענקיס“. היינט איז דער דראַנג צו געפינען וואָרצלען אין דער אידישער פאַרגאַנגענהייט אין דעם זין פון זיין אידן. און דאָס איז, אגב, געקומען פון אַנטוישונג אין דער האָפנונג אויף אַ פולשטענדיקער אַסימילאַציע. עס אַסימילירט זיך ניט.

דאָ בין איך אַבסאָלוט ניט איינשטימיק מיט גאָלדבערגן. עס איז טאַקע אמת, אַז אין די בלוטיקע טעג פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען היטלער האָט אויסגעקוילעט מיליאָנען אידן אין איראָפּע, האָבן זיך געוויזן סימנים, און איך האָב זיי גאַנץ בולט געזען, און נאָך מער געפילט, אויף מיינע אָפטע רייזעס איבערן לאַנד, צווישן די אַמעריקאַנער געבוי־

רענע פון „געפינען ווארצלען אין דער אידישער פארגאנגענהייט אין דעם זין פון זיין אידן". אבער אזוי שנעל ווי די מלחמה האט זיך פאר־ענדיקט האבן זיך די סימנים גענומען לעשן און היינט צו טאג, איך זאג עס ווידער־אמאל פון אייגענעם זען, און נאך מער פון פילן, פון קומען אין נאענטן קאנטאקט, אויף מיינע אפטע רייזעס איבערן לאנד, איז שוין פון זיי, דאס הייסט, פון די פריערדיקע סימנים, קיין פראך בישטא.

— וועלכע ביכער האט איר שוין ביז איצט ארויסגעגעבן?

— מיין בליק אויפן ענין בוך, קאלעגע ירדני, איז אומארטאדאק־סיש: איך האלט, למשל, אז מיט דעם וואס א מענטשנס שרייבן איז אפגעדרוקט אויף קורצע בלעטלעך פאפיר צווישן צוויי טאוולען, ווערט דאס מיט דעם אליין נאך ניט קיין בעסער אדער וויכטיקער ווערק, אדער עס איז מחייב ווען צו לייענען. און א בוך איז נאך אויך ניט קיין גאראנטיע פון אייביקייט, אפילו ווען עס ליגט אויף א פאליצע פון א ביבליאטעק. א צייטונג ליגט אויך אויף א פאליצע פון א ביבליאטעק. דער וואס האט ניט קיין עמוד אין א צייטונג האט קיין אנדער ברירה ניט ווי ארויסצוקומען מיט זיין ווארט אויף אן אנדער אופן. דער וואס שרייבט אין א צייטונג דארף אין א בוך ארויסגעבן נאר דאס וואס ער האלט, און וואס אנדערע קענען האלטן, פאר ווערק פון א דויערנדיקן ווערט. דאס הייסט אז ער קען כסדר געלייענט ווערן פאר א סך יארן, און עס באדארף געלייענט ווערן אלס א גאנצעס. איך האלט, למשל, אז א פאפולערער שרייבער אין א צייטונג באקומט זיין אומשטערבלעכקייט אויף איין מאל — ער עסט אויף זיין אייביקייט אין איין טאג. ווען איינער ווערט, למשל, געלייענט מיט איין מאל פון פופציק טויזנט מענטשן — וואלט זיין בוך, פון זעלבן כאראקטער שרייבן, געלייענט געווארן מער ווי פון אזוי פיל מענטשן אין פופציק יאר? נאר דאס איז ווידער א „ניט דאס בין איך אויסן". איך האב ארויסגעגעבן איין בוך, אין 1930, אין ענגליש דא און אין ענגלאנד, מיטן נאמען „דהי סייקרעד פייער", וואס איז אן אומפאסנדיקע שטודיע פונם עראטישן מאטיוו אין אלע רעליגיעס. אצינד דערשיינט אין ספרית פועלים, תל־אביב, אין העברעאישן אי־בערזעץ, א צוויי־בענדיק ווערק „די געשיכטע פון אידן אין אמעריקע" וואס נעמט אויך אריין די געשיכטע פון אמעריקע גופא. אין אידישן ארי־גינאל וועט דאס האפנטלעך אויך קענען דערשיינען. עס אנטהאלט ארום א טויזנט זייטן.

— נו, פריינט גאָלדבערג, איך האָלט שוין ביים סוף, און ניט ווייל עס פעלן מיר אויס פראַגן, נאָר ווייל אַלצדינג מוז האָבן אַ סוף. איז איידער מיר פאַרענדיקן, זייט אַזוי גוט, און ענטפערט מיר נאָך אויף אָט דער פראַגע: וואָס זיינען די צוויי הויפּט־מאָטיוון אין אייער שרייבערישן מהות?

— קאָלעגע ירדני, איך וועל אייך ענטפערן אין קורצן: לערנען אַליין און לערנען יענעם. איינע פון די הויפּט טראַגעדיעס פון דער אידישער פרעסע אין אַמעריקע איז וואָס צופיל פון אירע שרייבער האָבן אַליין אויפגעהערט צו לערנען בעת די לייענער גופא זיינען יאָ געוואָרן מער געלערנט דורכן לערנען זיך ענגליש, זיך צוהאָרכן צו די בעסערע ציטונג־ראַדיאָ פּראָגראַמען, און דאָס גלייכן. אַ סך אידן גייען אַוועק פון דער אידישער פרעסע צוליב דעם וואָס זי, די פרעסע, האָט זיי גאָר נישט צו לערנען — און קיין גרויס ליטעראַריש שאַפן געבן אויך ניט. מיין גאַנג איז געווען תמיד אַ קולטורעלע נייגעריקייט, אַ פאַרלאַנג צו וויסן און פאַרשטיין וואָס עס גייט אָן אין אַלע געביטן פונם מענטשנס לעבן, און דעריבער לערן איך כסדר, יעדן טאָג. צו דעם — דער דראַנג זיך אויסצודריקן און אויפקלערן דעם לייענער אין אַלע דערשיינונגען פון לעבן, אַלץ נאָכ׳ן אַטירלעך אין דעם אייגענעם ליכט.

די ווערטער „אַ קולטורעלע נייגעריקייט, אַ פאַרלאַנג צו וויסן און פאַרשטיין וואָס עס גייט אָן אין אַלע געביטן פונם מענטשנס לעבן, און דעריבער לערן איך כסדר, יעדן טאָג״, האָבן, נאָכן געזעגענען זיך מיטן חשובן שריפטשטעלער, צוזאַמען מיטן אַלטן „והגית בו יומם ולילה״ מיר געקלונגען אין די אויערן דעם גאַנצן וועג אַהיים ביז צו דער טיר, ווי די פאַלן פון מיין טאַטנס־ניגון...

9־טער אַפּריל, 1954.

דער לעבעדיקער

אַז אַן איבערשאַץ פון דער אידישער ליטעראַטור און אירע שאַפער אין אַמעריקע מוז און דאַרף געמאַכט ווערן, איז גאָר קיין פראַגע ניט. דאָס מוז דורכאויס געטאָן ווערן פאַרן וואוילזיין פון דער אידישער ליטעראַטור — אויב מ׳וויל אַז די אידישע ליטעראַטור דאָ זאָל האָבן אַ קיום. צופיל ווילד־גראָז איז אָנגעוואָקסן אַרום דער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע און מ׳מוז וואָס גיכער עס אויסריי־ניקן. מ׳דאַרף זען שאַפן דאָ אַ מער ריינערע לופט אַרום דער אידישער ליטעראַטור; אַרויס־שטעלן ווי ווייט מעגלעך אירע פאַרדאַרבער און פאַרשוועכער; אויפדעקן די ליגנס און שמד־שטיק פון געוויסע שרייבער, וועלכע פאַרן זיך דאָ ביים טאָפּ פון דער אידישער ליטעראַטור; אויפקלערן דער עפנטלעכער מיינונג דעם פולן נאַקעטן אמת, וואָס זאָל אויך דינען ווי מאַטע־ריאַל פאַר דעם צוקונפטיקן לי־טעראַטור־היסטאָריקער.

דער לעבעדיקער

די ערשטע טראַגעדיע פון דער אידישער ליטעראַטור און פרעסע אין אַמעריקע איז באַשטאַנען אין דעם וואָס די ערשטע טאָן־געבער אירע זיינען געווען: משכילים, האַלב־געבאַקענע אינטעליגענטן, דריי־פערטל אַסימילאַטאָרן און קרענק־

לעך־פּאַרליבטע אין דער רוסישער ליטעראַטור און דייטשער קולטור.

די צווייטע טראַגעדיע פון דער אידישער ליטעראַטור און פּרעסע אין אַמעריקע איז ווידער באַשטאַנען אין דעם וואָס די דאָזיקע מייסטע טאָן־געבער זיינען דאָ אויך געווען די פירער פון פאַרשיידענע פּאַרטייען, אָדער הייסע פּאַרטיי־מענטשן, אויף דער אידישער גאַס.

אַז ליטעראַטור און טומל גראַמט זיך ניט, איז שוין אַן אַלטער כלל. פּונקט אַזוי קען אידעאַל און געלט ניט הויזן צוזאַמען. איינס שלינגט איין דאָס צווייטע. פאַרפאַלן. מ׳קען ניט פאָרן מיט קיין אין הינטן אויף קיין צוויי יאַרידן . . .

וואָס האָט געפירט איסט־בראָדוויי — די גאַס פון דער אידישער ליטעראַטור און פּרעסע, אידישע שרייבער און אידישע פּאַרטייען און באַוועגונגען אין אַמעריקע — צו איר איצטיקער גרויסער ירידה ?

צו געבן אַ פולן ענטפער אויף אַט דער פראַגע, וואָלט מען געקענט אָנשרייבן בייכיקע ביכער. אָבער עס וועט דאָ זיין גענוג צו זאָגן, אַז געפירט איסט־בראָדוויי צו איר איצטיקער גרויסער ירידה האָט אַ סך מער ווי איין מעסטל חסרונות...

דער סאַמע גלאַוונער און קאַרדינאַלסטער חסרון, לויט מיין מיינונג, איז געווען דער : וואָס אַזוי שפּעט נאָך, ווי ביז צום יאָר 1917, איז איסט־בראָדוויי באַטראַכט געוואָרן פון די וואָס האָבן דאָרט איבער איר גע־הערשט נישט פאַר קיין אידישער גאַס, און אַפילו נישט פאַר קיין אַמע־ריקאַנער גאַס פון ניו יאָרק, יו. עס. עי., נאָר פאַר אַ „איסט־בראָדווייעווי־סקאַיאַ אוליצאַ״, פון פּעטערבורג, רוסלאַנד . . . די מייסטע אידישע רע־דאַקטאָרן, שרייבער און פירער אויף איסט־בראָדוויי האָבן דורכאויס געלעבט און געאָטעמט נישט מיט קיין אידישע אָדער אַמעריקאַנער אינ־טערעסן, נאָר אַבסאָלוט מיט דער האָפענונג פון דער רוסישער רעוואָלוציע, וואָס האָט געדאַרפט אָט־אָט קומען, און דער „מאַטיושקאַ ראַסייאַ״ טיף־איינגעבאַקן אין האַרצן . . .

אויף דער אידישער שפּראַך, אידישער ליטעראַטור, און אידישער קולטור בכלל, האָבן די מייסטע פון די דאָזיקע לייט, אי געקוקט פון אויבן אַראָפּ, און אי בלויז, ווי אויף אַ מיטל צום ציל — אויף צו אַגיטירן און פּראָפּאַגאַנדירן די פאַרשיידענע איזמס : סאָציאַליזם, אַנאַרכיזם, פריידענ־קעריזם צווישן די ברייטע אידישע מאַסן — און ניט מער.

ניט פיל בעסער איז געווען די באַציאונג פון די זעלביקע מייסטע

לייט, צו אידישקייט, אידישער רעליגיע, ימים־טובים, מנהגים, טראַ־דיציע, הייליקייטן, ווערטן, פון וועלכע מ׳האָט גאַנץ אָפן אָפּגעחוזקט, אָפּגעשפּאָט און אָפּגעלאַכט אויפן סאַמע גראָבסטן אופן.

און אויפן אידישן פאָלק בכלל און זיין עקזיסטענץ, האָבן, ווידער־אַמאָל, די דאָזיקע זעלביקע לייט, דורכאויס געקוקט מיט עפּעס אַזעלכע מאָדנע משונהדיקע אויגן, גלייך ווי עס וואָלט עפּעס געווען אַ מין אַנשיקעניש, נישט־דאַ־געדאַכט, וואָס איז פון הימל אַראָפּגעשיקט געוואָרן אויף דער ערד; אָדער, אין בעסטן פאַל, אַ מין חולאת, וואָס וועט אויסגעהיילט ווערן תיכף ביים ערשטן מאָמענט, ווי די רוסישע רעוואָ־לוציע וועט זיך נאָר באַווייזן...

עס איז געגוג בלויז אַ דורכצובלעטערן די פאַרשיידענע אַלטע ראַ־דיקאַלע אידישע טאָג־צייטונגען, וועכנטלעכע און חודשלעכע זשורנאַלן, וועלכע זיינען אַרויסגעגאַנגען אין אַמעריקע, און זען מיט וואָס פאַר אַ חרמות און זילזולים מ׳האָט אַרויסבאַלייט דעם גרויסן אידישן בעל חלומות און אידעאַליסט, דר. טעאָדאָר הערצל, נאָך זיין טויט, פון וועלכע עס כאַפּט ממש אָן אַ שוידער! עס גלויבט זיך פשוט ניט, אַז אַזעלכעס האָבן געשריבן אידישע פען־מענטשן, וואָרט־זאָגער, רעדאַקטאָרן און פירער?!...

און דערנאָך ווידער, נאָכן יאָר 1917, שפּעטער צו, ווען אויף „איסט־בראָדוויי־עוואַסקאַיאַ אוליצאַ״, איז געקומען די אַנטוישונג פון דיביידע רוסישע רעוואָלוציעס, אי פון דער קערענסקי־רעוואָלוציע און אי פון דער באָלשעוויסטישער־רעוואָלוציע, האָט מען, מיט אַמאָל, זיך איבערגעקו־ליעט און מ׳איז כמעט ווי איבערנאַכט געוואָרן „אַמעריקאַנער״...

מ׳האָט גאַנץ שנעל, פּייל־אויסן־בויגן, איבערגענומען נישט דאָס סאַמע בעסטע פון אַמעריקע, פון אַ טאָמאַס דזשעפערסאָן, בענדזשאַמין פרענקלין, אייברעהעם לינקאָלן, העגרי דעיוויד טאָראָ, וואַשינגטאָן אירווינג, עמאַ לאַזאַרוס, וואָלט וויטמאַן, עדגאַר עלען פאָו, אליווער ווענדל האָלמס, דזשיימס ראָסל לאָועל, פּעטריק העגרי, מאַרק טוועין, לואיס בראַנדייס, דזשאָן דיואי און נאָך פיל אַנדערע ווי זיי, נאָר דאָס סאַמע וואולגאַרסטע, ביליקסטע, שרייענדיקסטע און ערגסטע, מיט האַק און פּאַק — און נאָך מיט אַ סמיטשיק אַריבער...

מ׳האָט מיט אַמאָל פאַרוואָרפן אַלע אידעאַלן, שיינע רייד, גוטע צוזאָגונגען, גאָלדענע חלומות, און מ׳האָט זיך גענומען יאָגן נאָך קאַריערע,

מאַכט, רעקלאַמע, פּובליסיטי, מאַטעריעלע גליקן, באָסיזם, דיקטאַטור און מאָנאָפּאָל ... פון אָפענע ליטעראַרישע געפעכטן און אידעאישע־קאַמפן, איז מען שנעל אַריבערגעגאַנגען צו געהיימער קלייזל־פּאָליטיק, מאַכט־פּאָליטיק, פאַרכאַפּעריי — צו שאַפן מאַשינען, קליאַמקעס און קליקעס ...

אינם גרויסן געיעג נאָכדעם אַלעמען, האָט מען ניט בלויז פאַרלאָרן די כלערליי אידעאַלן, נאָר מ׳האָט אויך אָנגעוואוירן די אייגענע פּנימער — מ׳האָט אָנגעהויבן אויסצוזען פּיליסטעריש, ווי דער דורכשניטלעכער קליינבירגער פון דער גאַס — און, דערצו נאָך, איז מען געוואָרן מוראדיק ציניש! אויף אַ נייעם מענטשן מיט אַ ווילן פון עפּעס נייס, אַ נייעם חלום, אַ חשק פאַר עפּעס העכערס, נייע אידעאַלן און פאַרלאַנגען האָט מען גענומען קוקן, ווי אויף אַ בטלן ...

אַלס אילוסטראַציע וועל איך דאָ ברענגען בלויז אָט דעם איינציקןביישפּיל. דער „רעאַקציאָנער״ און „פאַשיסט״ (פאַרשאָלטן זאָל ווערן די האַנט, וואָס האָט אָט די ווערטער אויסגעטראַכט און געשריבן אויף דעם סאַמע ערלעכסטן אידעאַליסט און טרוימער צווישן די אידישע שרייבער, פירער און פּאָליטיקער אין דער גאָרער וועלט!) וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי, דער בריליאַנטענער שריפטשטעלער, קענער פון צוועלף שפּראַכן, וירטואָז־איבערזעצער און אָראַטאָר פאַר־עקסעלאַנס: ווען ער איז דאָ מיט צוועלף יאָר צוריק געשטאָרבן אין ניו־יאָרק, האָט ער איבערגעלאָזט אַ „גרויסע ירושה״ — אַזש פיר דאָלער! מחמת זשאַבאָטינסקי האָט זיין גאַנצע געלט וואָס ער האָט פאַרדינט אַוועקגעגעבן אויף אויסצוהאַלטן זיין פּאַרטיי, צייטונגען און זשורנאַלן.

אָבער ווען ס׳איז געשטאָרבן דער סאָציאַליסט און רעדאַקטאָר פון סאָציאַליסטישן ניו־יאָרקער „פאָרווערטס״, וואָס מ׳האָט אויפגעבויט מיט אָרעמע סענטן, וועלכע מ׳האָט געזאַמלט ביי אָרעמע אידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן, מענער און פרויען, אַב. קאַהאַן, האָט ער איבערגעלאָזט אַ ירושה פון קרוב צו הונדערט טויזנט דאָלער!...

אָבער ניט דאָס מיין איך.

וואָס איך בין דאָ אויסן געווען צו באַטאָנען איז: אַז די אידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע איז געבאָרן געוואָרן אין שלעכטע אומשטענדן, זי האָט געהאַט אַ טרויעריקן אָנהויב; אַז ליטעראַטור און טומל גראַמט

זיך ניט, און אַז אידעאַל און געלט קענען ניט הויזן צוזאַמען — ווייל איינס שלינגט איין דאָס צווייטע . . .

געבענטשט איז דער שרייבער, און קינסטלער בכלל, וואָס שפּאַנט מיט שטילע, ווייכע טריט — און באַוויזט דאָך אַריינצודרינגען טיף אין דער ליטעראַטור, אָדער אין וועלכער ס'איז קונסט־פאָרם! ס'איז אַזוי גוט צו טרינקען פון אַזאַ איינעמס קוואַל, אַזוי געשמאַק און מחיהדיק, אַז ס'איז ממש אַ פאַרגעניגן!

בפרט אַז דער שרייבער, אָדער וועלכער ס'איז קינסטלער, דערגרייכט עס מיט איין קורצן זאַץ, אָדער מיט איין קורצן פּאַראַגראַף, צי מיט אַ צוועלף שורהדיק־ליד, קורצער דערציילונג, עסעי, אָדער קליינער קאָמ־פּאָזיציע פאַר געזאַנג, צי פאַר וועלכן ס'איז אינסטרומענט, אָדער מיניאַ־טור־מאַלעריי, צי סטאַטועטקע און ער פאַרכאַפּט אייער האַרץ, נשמה, געהער אָדער אויג — וואָס קען נאָך זיין מער דערפון?

ווי זאָגט זיך דאָרט: „יש קונה עולמו בשעה אחת"!

צו אָט די דאָזיקע געבענטשטע שרייבער געהערט דער העלד פון מיין היינטיקן אינטערוויו, חיים גוטמאַן, המכונה — דער לעבעדיקער.

עס דאַרף נעמען אַן אַנדערן אָנצושרייבן אַ גאַנצן אַרטיקל, וואָס דער לעבעדיקער זאָגט אַרויס אין איין קורצן זאַץ, אָדער אין איין קורצן פּאַראַג־ראַף. און דערצו נאָך זאָגט ער עס: אַזוי קלוג, אַזוי באַטעמט אידישלעך — און דאָך אַזוי אוניווערסאַל!

דער לעבעדיקער איז איינער פון די אידישלעכסטע און גלייכצייטיק איינער פון די אוניווערסאַלסטע שרייבער ביי אונז. זיין וואָרט פאַרמאָגט ריטם, וואָג, און איז שאַרף אַריינדרינגלעך. זיינס אַ זאָג קריצט זיך איין טיף אין זכרון! ער זעט די וועלט און די מענטשן דורך אַזעלכע קלוגע אידישע אויגן, אַז ס'איז אַ מחיה! פון זיין שטילן, ווייכן, פּיאַניסימאָ־הומאָר, ווערט אונז ממש ליכטיק אויפן האַרצן! און זיינע אויסגעשניצטע און אויסגעטאָקטע באַמערקונגען וועגן שרייבער און ליטעראַטור, האָבן טויזנט טעמען! קורץ און געשליפן, טיף און בליציק, בילדלעך און שפּילעוודיק ביז גאַר!

— הערט זיך איין, מיין ליבער ירדני, עס איז איינס פון די ביידע: אָדער איך בין אַ שלעכטער שרייבער, אָדער איר זיינט אַ שלעכטער לייענער. וואָס הייסט איר פרעגט ביי מיר ערשט: וואָס איך דענק וועגן דער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע? ס'געהערט אַ מעשה!

— די מעשה, מיין טייערער ר׳ חיים, האָט אַ פּנים. אַז איר זיינט ניט קיין שלעכטער שרייבער, דאָס איז אַ זיכערע זאַך. כ׳מיין אָבער, אַז איך בין אויך ניט קיין שלעכטער לייענער. איך פרעג אייך דערפאַר, ווייל איך וויל עס הערן דירעקט פון אייער מויל, וואָס איר האָט וועגן דעם צו זאָגן ?

אַ ווייכער שמייכל האָט זיך באַוויזן אויפן לעבעדיקנס פּנים. ער האָט מיך באַטראַכט מיט זיינע דורכנעמענדיקע קלוגע אויגן און האָט דערנאָך צו מיר געזאָגט :

— גייט שוין גייט, איך האָב געמאַכט שפּאַס. ווען איך האָב אָנגעהויבן צו קעמפן מיט דער פען, זיינט איר, מיין ליבער ירדני, נאָך געווען אַ צוציק ! אגב, ירדני, ווי אַלט זיינט איר ? אָן אַ שפּאַס ! אַ פערציקער זיינט איר שוין ?

— איך בין שוין אַריבער פערציק !

— מאַלאָדיעץ, בחור ! איר זעט עס ניט אויס ! לאָזט מיך אייך זאָגן, מיין ליבער ירדני, אַז שוין איבער פערציק יאָר אַז איך קעמף, פיר מלחמות, מאַך זיך שונאים אין אונזער וועלטעלע—אָנהויבנדיק פון מיין „אַ פּלי און אַ כאַפּ“, ביז „דעם אמת זאָגנדיק“ און „ליטעראַרישן יאַריד“ און נאָך און נאָך, וואו איך האָב באַקעמפט שונד, פאַלשע פּרעטענזיעס, אָנגעבלאָזענע קריטיק און קליקיזם . . .

— האָט איר עפּעס כאָטש אויפגעטאָן דערמיט, ר׳ חיים ?

— צי איך האָב עפּעס אויפגעטאָן מיט דעם ווייס איך ניט, נאָר שונאים, האָב איך אייך דאָ שוין פריער געזאָגט, האָב איך זיך געמאַכט אַ סך.

— קענט איר מיר זאָגן, מיין ליבער לעבעדיקער, וועלכע פון דער וועלט־ליטעראַטור געפעלט אייך בעסער ?

— דאָס איז זייער אַ לייכטע פראַגע צו ענטפערן. ווייל איך קען אייך דאָ, מיין טייערער ירדני, אויסרעכענען אַ גאַר גרויסן צעטל — אָבער ער וועט ניט זיין גענוג . . .

— ווי האַלט איר, פריינט גוטמאַן, איז די אידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע געגאַנגען פאָראויס, אָדער — אויף צוריק.

— דעם אמת זאָגנדיק, מיין טייערער ירדני, האָט זיך ביי אונז ניט צופיל געענדערט פאַר די עטלעכע צענדליק יאָר. אונזער ליטעראַטור איז זיך טאַקע צעוואַקסן אין דער ברייט — אָבער אין דער טעמאַטיק איז זי געבליבן קליין־שטעטלדיק, ווי אַמאָל. אונזערע טאַלאַנטן זיינען ציי־

טיקער געוואָרן, סטיליסטיש אויסגעהאַלטענער, אָבער אידישע שרייבער שטעטלען נאָך אַלץ כמעט אויפן אַלטן שטייגער (איצט איז עס דאָס חרובע שטעטל).

— און ווי איז, מיין ליבער לעבעדיקער, מיט אונזער ליטעראַרישער קריטיק ?

— אויך אונזער ליטעראַרישע קריטיק, מיין טייערער ירדני, איז ווייט ניט אָפּגעפּאָרן פון בעל מחשבותעס צייטן. זי איז מער געלייטערט אין לשון און רייכער אין ציטאַטן — אָבער דערפאַר איז איר חסרון וואָס זי רעדט אַ סך און איז זיך מפלפל . . . און בעל מחשבות איז קעגן זיינע היינטיקע יורשים — אַ מקצר. און וואָס איז שייך בליק און אויסגעהאַלטענע שיטה — פּלאָנטערט זי זיך פונקט ווי בימי בעל מחשבות צווישן עטיק און עסטעטיק . . . בעל מחשבות פאַרצוג קעגן די היינטיקע איז, וואָס ער האָט נישט געהאַט אַרום זיך קיין צופיל טאַלאַנטן און ער האָט זיין ליבע און באַגייסטערונג אַוועקגעגעבן צו געציילטע. היינטיקע אידישע קריטיקער ווייסן ניט וועמען אָוועקצוגעבן זייער ליבע (די מחנה איז אַזאַ גרויסע) און גאַנץ אָפט ג״בן זיי אַוועק זייער ליבע און באַגייסטערונג דווקא די, וואָס האָבן עס צום ווייניקסטן פאַרדינט.

— דענקט איר, קאָלעגע גוטמאַן, אַז די אידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע האָט אַ צוקונפט ?

דער חשובער שריפטשטעלער האָט זיך אויף אַ ווײַלע פאַרטראַכט, און דערנאָך איז געקומען אָט דער שפּילעוודיקער ענטפער :

— די זאַך איז אַזוי : איין טאָג ווען אין אייער אַרטיקל זיינען ניט אַריינגעפאַלן קיין גרייזן און איר האָט באַגעגנט אַ פּאָר לייענער און זיי האָבן אייך קאָמפּלימענטירט — דעמאָלט גלויבט איר אַז אונזער ליטעראַטור האָט אַ צוקונפט . . . און ווען ס׳איז פאַרקערט : אייער מאמר איז אַרויס צעגרייזט און איר האָט באַגעגנט אַ לייענער און ער האָט אייך גאָר ניט געזאָגט — דעמאָלט זייט איר כמעט ווי זיכער אַז די אידישע ליטעראַטור איז אויסגעשפּילט . . . קאַפּוט !

— וואָס פאַר אַ טעם, ר׳ חיים, זאָגט מיר, פילט איר אין אונזער היינטיקער פּאָעזיע ?

— פּאָעזיע, מיין טייערער ירדני, איז נאָך ביי אונז אַלץ די גרעסטע אינדוסטריע נאָך דער יאַרמולקע . . . ביי אונז שרייבן לידער אפשר ניינציק פּראָצענט פון אונזערע שרייבער. אָבער נאָך פיל ערגער איז,

וואָס די פּאָעזיע ביי אונז איז אַ כמורנע, זי שמעקט מיט זקנה און רע־זיגנאַציע...

— קענט איר מיר זאָגן וואו ליגט דער סוד פון אייער גרינגקייט און קורצקייט פון אייער שרייבן?

— איך קען אייך, קאָלעגע ירדני, דעם דאָזיקן סוד ניט אי־בערגעבן, מ׳דאַרף׳ פאַרשטייט איר מיך, געבאָרן ווערן מיט אים. אָבער איך זאָג נישט איינמאָל צו זיך: האַר איבער אַלע שווערקייטן און גרינגקייטן, פאַרוואָס האָסטו מיך געגעבן אַ גרינגע האַנט צום שרייבן? פאַרוואָס בין איך דווקא אַ גרינגער שרייבער אין אַ דור פון שווערע שרייבער, וועלכע שרייבן ווי מיט שטיינער אָנגעבונדן אויף דער פּע־דער?! גרינגקייט איז אפשר אַ ברכה נאָר ניט ביי אונז. ביי אונז ווערט גרינגקייט געפּאָרט מיט לייכטזין און פאַרקערט, שווער שרייבן ווערט ביי אונז פאַררעכנט פאַר טיפקייט, ערנסט און תכלית... און וואָס שווע־רער אַ שרייבער דריקט אויס זיינע געדאַנקען — אַלץ שטאַרקער איז דער דרך־ארץ פאַר אים.

— וויפיל ביכער האָט איר שוין ביז איצט אַרויסגעגעבן?

— גאַנצע צען, און איין איבערזעצונג פון דאָסטאָיעווסקיס „אידיאָט״. ווייטער קען איך אַרויסגעבן נאָך צען ביכער . . . ווען? . . . אַי, דער ווען? . . .

— איר מיינט דאָך: ווען ס׳וואָלטן ביי אונז געווען פאַרלאַגן, ווי ביי לייטן?

— ווי דען!

— איך הער, מיין טייערער לעבעדיקער, אַז איר קלייבט זיך צו ווערן אַ תושב אין מיאַמי־ביטש?

— יאָ, אָבער דאָס וועל איך ערשט אויסגעפינען ווען איך וועל דאָרט אָפּוואוינען אַ זומער.

— פאַרוואָס גראָד זומער?

— איך וויל אויסגעפינען צי מ׳שטאַרבט דאָרט ניט פון היץ!

— ניין, מיין ליבער פריינט, מ׳שטאַרבט דאָרט ניט פון קיין היץ! איך בין שוין געווען אין מיאַמי־ביטש אויך זומער־צייט אין די חדשים יולי און אויגוסט — און ס׳איז דאָרט ניט ערגער ווי אין ניו יאָרק. פאַרקערט, די היץ איז אַ טרוקענע, נישט קיין פייכטע ווי אין ניו יאָרק, און אין די אָוונטן איז קיל — אַ מחיה!

— זאָגט מיר, ירדני, אַ לחיים מאַכט איר אַמאָל?

— ווי דען!

— געדענקט־זשע, אַז איר וועט קומען צו פֿאָרן קיין מיאַמי־ביטש, כאַפּט זיך אַריין צו מיר און איר וועט קריגן אַ גלעזעלע קאָניאַק פֿונם אמתן סאָרט!

— און וואָס איז מכח איצטער, ר׳ חיים?

— איצטער, מיין טייערער ירדני, וועלן מיר עס „סעטלען" אויף אַ סקאָטש, אָדער אויף אַ גלאָז — ביר!

— מילא, זאָל זיין ביר!

פֿאַרשטייט זיך, אַז ס׳איז נישט געווען אַזוי דאָס ביר (כאָטש אַ גוטע גלאָז ביר איז לגמרי ניט אַזוי שלעכט!), ווי דאָס זיצן ביי אַ טישל און בעת־מעשה שמועסן מיטן לעבעדיקן!

10־טער מאַי, 1954.

יאָסל קאָהן

יאָסל קאָהן האָט זיך צוערשט געמאַכט אַ נאָמען ווי אַ דיכטער. שפּעטער האָט ער זיך אויך אַרויסגעוויזן ווי אַן עסייאיסט און פּראָזאאיקער. אָבער וואָס ער זאָל ניט שרייבן לאָזט ער זיך אומעטום דערקענען און אָנערקענען. איר דערקענט תיכף דעם שרייבער וועמעס שורות האָבן אַן אייגענעם פּנים סיי אין ליד, סיי אין דער עסיי און סיי אין דער פּראָזע. איך ווייס ניט פון וועמען יאָסל קאָהן האָט שוין ביז איצט געקראָגן סמיכה, און ווי־פיל סמיכות עס ליגן שוין אין זיין קעשענע אָדער הענגען ביי אים אויף דער וואַנט. דער ענין סמיכה, דאַרף דאָ באַמערקט ווערן, גייט מיר לחלוטין נישט אָן. וואָרעם ניט דער אָדער יענער וואָס גיט די סמיכה איז דער פּוסק־אחרון, נאָר די צייט. און די צייט האָט באַוויזן, אַז יאָסל קאָהן, זינט ער האָט אָנגעהויבן צו שרייבן, איז געקומען אין דער אידישער ליטעראַטור אַריין להשתקע — אויף צו פאַרבלייבן.

יאָסל קאָהן

ער איז דאָרט מיט זיין וואָרט און קלאַנג, רעוואָלוציאָנערע שטימונגען און לירישע געזאַנגען, דראַמאַטישקייט און שטורעמדיקייט, צעבראָכנטעטקייט און געצאַמטקייט, לעסטערונג און בענטשונג, האַרבקייט און זיסקייט, אינטערנאַציאָנאַליזם און נאַציאָנאַל־באַוואוסטזיניקייט, וועלט־איבערקעריקייט און זעלבסט־דערקענטעניקייט, צווימען־ברעכערישקייט און תשובהדיקייט, וועלכע גייען דורך ווי אַ רוי־

טער פּאַדעם אין זיין שרייבן און אין אַלע זיינע ביז אַהעריקע דערשי־נענע ווערק.

יאָסל קאָהן איז אַ פּראָדוקט פון זייער אַ שטורמישער צייט אויף דער אידישער גאַס אין אַמעריקע, אין וועלכער עס זיינען פאָרגעקו־מען ליטעראַרישע געפעכטן צווישן „אַלטע" און „יונגע", „אינזיכיסטן" און „פּראָלעטפּעניקעס", און מוראדיקע סאָציאַלע קאַמפן אין דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג און צווישן די פּאַרטייען.

יאָסל קאָהן איז אויך נישט געווען קיין זייטיקער, ער איז אויסגע־קאָכט און האָט אַליין אויך גענומען אַן אַקטיוון אַנטייל, הן מיט דער פּען און הן דירעקט, אין די אַלע ליטעראַרישע געפעכטן און סאָציאַלע קאַמפן. און דאָרט וואו ער האָט גענומען אַ צד, האָט ער אים הייס פּאַרטיידיקט סיי דורך ליד און סיי דורך פּראָזע.

אָבער נאָך פיל וויכטיקער איז, וואָס איר פּילט ביי אים אומעטום אַן אויפריכטיקייט און אַ גלויבן אין דער זאַך, פאַר וועלכער ער האָט גע־קעמפט און פאַרטיידיקט. אַי וואָס ער האָט זיך שפּעטער דערפילט אָפּגענאַרט אין דעם אָדער יענעם אידעאַל אָדער ליטעראַרישן שטאַנד־פּונקט, איז דאָס שוין נישט זיין שולד...

דער עכאָ פון יענער שטורמישער צייט אויף דער אידישער גאַס אין אַמעריקע, איז שוין לאַנג פאַרגאַנגען. עס הערשט דאָ איצט אַ טויטע שטילקייט ניט בלויז אַרום דער אידישער ליטעראַטור, נאָר אויך אַרום דער אידישער אַרבעטער־באַוועגונג און די פּאַרטייען. ס'איז נישטאָ מער קיין ליטעראַרישע געפעכטן און קיין סאָציאַלע קאַמפן. מ'איז עלטער געוואָרן, פעט געוואָרן — און מ'האָט זיך באַרואיקט...

אָבער דערציילן, שרייבן פון יענער שטורמישער צייט קען מען, און דאָס טוט יאָסל קאָהן גאַנץ אָפט אויף די שפּאַלטן פונם איינציקן פרייען אומאָפּהענגיקן ליטעראַרישן זשורנאַל אין אַמעריקע, דאָס „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט" — און דאָס טוט ער אויך דאָ אין דעם איצטיקן אינ־טערוויו.

מיר זיינען געזעסן אין אַ ווינקל, יאָסל און איך, אינם קלוב 65, וואָס געפינט זיך אויפן צענטן שטאָק פון אַ ריזיקער געביידע אין דעם אַמאָליקן אַריסטאָקראַטישן אַסטאָר פּלייס, לעבן וואַנעמייקערס גרויסן געשעפט, אויף אַכטע גאַס, אינם נידעריקן טייל פון מאַנהעטן, וואָס איז אַמאָל געווען דאָס האַרץ פון ניו־יאָרק — און איז נאָך איצט דער

אָנהויב, אָדער דער אַריינגאַנג־טויער צום „ווילעדזש", דער באַרימ־טער קינסטלער־קוואַרטאַל, וואָס איז געווען דער שליסל צו דער אויפ־גייענדיקער אַמעריקאַנער ליטעראַטור, קונסט און מוזיק...

— טייערער ירדני, ס'איז ביי מיר ביז גאָר אָנגעלייגט, וואָס איר נעמט מיך אַריין אינם צעטל פון שרייבער וועמעס מיינונגען וועגן מצב פון דער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע איר גיט איבער אין אייערע אינטערוויוס אין „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט", אַז איך קען אייך גאָרניט איבערגעבן.

— וואָס זשע, יאָסל, איר האָט זיך עס דען ניט פאַרדינט ? כ'מיין אַז איר פאַרנעמט אַ סך אַ גרעסערן אָרט אין דער אידישער ליטעראַטור ווי אַ גלאַנץ־לעיעלעס, וועלכער טרומייטערט איבער אַלע גאַסן און מאַרקן...

— איך האַלט, קאָלעגע ירדני, אַז די אַרבעט פון אייערע אינ־טערוויוס, וואו עס ווערן אַרויסגעבראַכט פאַרשיידענע מיינונגען און טענות פון אידישע שרייבער, איז גאָרנישט אָפּצושאַצן. נאָר כדי ריכטיק אונטערצוציען אַ סך־הכל פון אונזער איצטיקן ליטעראַטור־מצב, אַחוץ מיינונגען און טענות, נויטיקט זיך אַן אמתע אָביעקטיוויקייט און דירעקטקייט. שרייבער דאַרפן אויך זען אַרויסקומען מיט אָפּשאַ־צונגען, ניט מורא האָבן צו זאָגן דעם אמת דעם און יענעם. פאַרטושן אָדער פאַרגלעטן, וועט בלויז ווייטער אָנטאָן שאָדן, עס וועט נישט לערנען און געוויס נישט קלאָר מאַכן.

— זיינט איר גרייט דערצו, יאָסל, כ'מיין, צו רעדן קלאָרע דיבורים ?

— אַוודאי בין איך גרייט !

— טאָ רעדט, ברודערל, איך וועל אַלצדינג פאַרשרייבן !

— אייערע פראַגן, קאָלעגע ירדני, נעמען נישט בלויז אַרום דעם מהות פון אונזער ליטעראַטור, נאָר אויך די ווירקונג און די השפעה וואָס גרויסע און יחידים האָבן אויף איר גאַנג און מצב. צו אַ לי־טעראַטור...

דער דיכטער איז פּלוצלונג שטיל געבליבן. אויף זיין צעזוניקטן פּנים האָט זיך באַוויזן אַ דינינקע כמאַרע. ער האָט נערוועז גענומען שאָרן מיט די פינגער די טונקל־בלאָנדע האָר פון קאָפּ און זיך גע־נומען דרייען אויפן בענקל, ווי ער וואָלט געזעסן אויף הייסע קוילן...

— וואָס האָט איר פּלוצלונג איבערגעהאַקט ?

— די מוזיק שטערט מיר, חבר ירדני.

— איך הער יעדעס וואָרט, וואָס איר זאָגט. די מוזיק שפּילט ניט הויך.

— איר וועט אפשר מיט מיר טרינקען אַ מאַרטיני ?

— אַ דאַנק, יאָסל, איצט נישט, שפּעטער.

— צו אַ ליטעראַטור, פּונקט ווי צו אַ יחיד, דאַרף אַנגעווענדט ווערן דער פֿאָלקס־וואָרט: „זאָג מיר ווער דיינע פריינט זיינען, וועל איך דיר זאָגן ווער דו ביסט". כדי צו דערוויסן זיך וואָס איז אידישע ליטעראַטור, איז נויטיק זיך צו באַקענען מיט די וואָס שאַפן איר. די באַקאַנטשאַפט, צו אונזער צער, איז פול מיט אַנטוישונגען און ספקות.

— גייט ווייטער אָן, יאָסל, שטעלט זיך ניט אָפּ.

— כדי אַ ליטעראַטור, קאָלעגע ירדני, זאָל ראוי זיין צו פאַר־נעמען אַן אָרט אין לעבן פון אַ פאָלק, מוז זי, ערשטנס, האָבן אַן אידייע; צווייטנס, מוז זי האָבן גרויסע קינסטלערישע פּערזענלעכקייטן, וועלכע זאָלן משפיע זיין, דערמוטיקן און זיין אַן אינספּיראַציע פאַר איר גאַנג, וואוקס און אַנטוויקלונג. צו אונזער שאָדן פעלט ביי אונז אַן אידייע; אַ גרויסע צאָל פון אונזערע ליטעראַרישע אַרבעטן האָבן נאָר דעם קען־צייכן פון אידישע אותיות, אָבער מיט אידיש לעבן האָבן זיי ווינציק שייכות; ס'פעלט זיי אידישער אינהאַלט און אידישער פּאַרנעם.

— קענט איר אפשר אָנווייזן ווער און וואָס איז שולדיק אין דעם, מיין ליבער יאָסל ?

— אַ סך שולדיק אין דער פאַרדאַרבונג איז די גרופּע „יונגע". איר סאַמע אויפקום האָט געהאַט דעם ציל זיך אָפּווענדן פון פאָלק און פון זיינע קינסטלערישע באַדערפעניש. די „יונגע" זיינען לכתחילה געקומען ווי אַ ליטעראַרישע קאַסטע און נישט ווי קינסטלער פון פאָלק און פאַרן פאָלק. אָט דער סנאָביזם און ליטעראַרישער „ראַסיזם" האָבן עס צוגעגרייט די געלעגנהייט פאַר דער פּאַרזעעניש, וואָס מיר רופן איצט אָן — „קליקע". נישט בלויז האָבן זיי זיך געזוכט אָפּצוזונדערן פון פאָלק, נאָר זיי האָבן אויך געזוכט זיך אָפּצוזונדערן פון דער לי־טעראַטור און אירע שאַפער (לייענט איבער א. גלאַנץ־לעיעלעס אַרטיקל

אין „טאָג", פון שבת, דעם 3טן אַפּריל, 1954, וועגן „קלוב 33"). זיי האָבן עס געשאַפן די טעאָריע, אַז ביז זיי איז געווען וויסט און פוסט. נאָך זיי, וועט אַלץ זיך פאַרענדיקן.

— וואָס נאָך קענט איר, יאָסל, צוגעבן וועגן דער גרופּע „יונגע"?

— די גרופּע „יונגע", קאָלעגע ירדני, איז אויך געקומען נישט בלויז שאַפן, נאָר אויך צו פאַרכאַפּן. זי האָט זיך פאַרזאָרגט מיט אַלע כלי־זיין אין איר פּלאַן צו פאַרכאַפּן די אידישע ליטעראַטור. געקו־מען באַלאָדן זיינען די „יונגע" ניט בלויז מיט חוצפּה און טומל, נאָר אַפילו מיט אַן אייגענעם קריטיקער (נח שטיינבערג). קיין זאַך אין אַספּעקט פון ציל האָבן זיי נישט אויסגעלאָזן און פאַרפעלט. אָבער נאָך פיל ערגער איז, וואָס קיינער איז נישט געקומען אָפּפרעגן אָט די האַלטונג און באַציאונג פון די „יונגע". פאַרקערט, באַוויזן האָט זיך גאָר אַ מערער סנאָבישע און נאָך מער אידיש־פרעמדערע גרופּע — די „אינזיכיסטן". זייער פאַרנעם איז געווען ניט בלויז אַ ליטעראַרישער; נאָר אַ פאַרמעסט אַליין צו פאַרנעמען דעם אויבנאָן.

— מיט וואָס באַגרינדעט איר עס, מיין ליבער קאָלעגע?

— ווי אַ כלל דערפאַר, מיין טייערער ירדני, דינט אונז דער פאַקט, וואָס דער וויכוח צווישן די „יונגע" און די „אינזיכיסטן" איז נישט געווען קיין ליטעראַרישער, נאָר אַ פּאָליטישער — אַ סימן: עס איז געשאַפן געוואָרן דער בונד צווישן לייוויקן, אָפּאַטאָשון און גלאַנצן!

— למשל?

— אָט למשל: די דריי־איניקייט האָט טאַקע פאַזירט מיט באַ־זונדערע ליטעראַרישע מאַניערן, וואָס איז שייך אָבער דעם ציל פון ליטעראַרישער העגאָמאָניע, זיינען זיי געוואָרן אומצעטיילבאַר. דער פּועל־יוצא: אַמביציע איבער ליטעראַרישע ווערטן, און אין אויפצו־שפּילן דעם מאָטיוו האָבן זיי גענומען צו הילף — די צייטונג. דער אָנהויב פון די „יונגע" און פון די „אינזיכיסטן" איז געווען אַ סנאָבישער און פאַרריסענער. זיי האָבן זיך אַליין דערקלערט פאַר די כוהנים־גדולים פון דער אידישער ליטעראַטור. זיי האָבן עס געשאַפן די טעאָ־ריע אַז פאַר אַ פּאָעט, אָדער אַ נאָוועליסט, איז אַ פּחיתת הכבוד צו מיטאַרבעטן אין אַ צייטונג. שפּעטער האָבן זיי געמאַכט אַ פּשרה מיט דער טעאָריע. די פּשרה איז אָבער געווען נישט קיין ריין עקאָנאָ־

מישנע, די צייטונג האָט נישט בלויז באַנוגנט זייערע מאַטעריעלע הצתרכותן, זיי האָבן איר אויסגענוצט צו פאַרכאַפּן אַנפירנדיקע קהל־שע פּאָזיציעס.

— ווי אַזוי ?

— דורך דער צייטונג איז זיי גרינג געוואָרן צו זאָגן דעות, ווערן טאָן־געבער און אַנווייזער. די מאַכט וואָס די דריי־איינציקייט — לייוויק, אָפּאַטאָשו און גלאַנץ — האָט געקראָגן דורך דער צייטונג, איז פון זיי אויסגענוצט געוואָרן צו אונטעריאָכן די ליטעראַטור. אין זייער פאַר־פעסטיקן זיך אין דער צייטונג, איז זייער דרוק אויף דער ליטעראַטור שטאַרקער געוואָרן: זייער פאַרזיכערונג איז געוואַקסן אויפן סמך פון אונטערטעניקייט און נעבעכדיקייט פון די, וואָס האָבן זיך געשטויסן צו פאַרנעמען כאָטש אַ פינטעלע אָרט אין דער ליטעראַטור.

— שוין־זשע, מיין ליבער יאָסל, האָבן זיך ניט געפונען קיין אי־דישע שרייבער, וואָס האָבן פּרובירט אָפּפרעגן דאָס רעכט פון דער פּאָזיציע, וואָס די עטלעכע מענטשן האָבן פאַרכאַפּט פאַר זיך ?

— געווים, מיין טייערער ירדני, זיינען געווען אייניקע שרייבער, וואָס האָבן פּרובירט אויף אַזאַ אָדער אַן אַנדער אופן אָפּפרעגן דאָס רעכט פון דער דריי־איינציקייט, אָבער ביט געבוג. די סיבה פאַר דער גלייכגילטיקייט האָט געשטאַמט פון דעם, וואָס די גרעסטע צאָל שריי־בער אין אַמעריקע איז נישט געקומען ווערן אין דער ליטעראַטור, נאָר זיך איינבעטן. די ליטעראַטור איז פאַרפלייצט געוואָרן מיט מיטלמע־סיקייטן. די גרעסטע צאָל שרייבער האָט אָנגענומען דעם „סטאַטוס־קוואָ". אַפילו די עטלעכע ווידערשטענדלער האָבן אין גאַנג פון דער צייט זיך אונטערגעגעבן און מיט הכנעה זיך געשטעלט אין דער ריי פון די ברעקל־קלייבער.

— איך האַלט, יאָסל, אַז דאָס וואָס איר שילדערט דאָ איז אינטערע־סאַנט און ביז גאָר וויכטיק פאַר דער געשיכטע פון דער אידישער ליטע־ראַטור. זאָל סיי דער היינטיקער און סיי דער צוקונפטיקער לייענער זיך באַקענען וואָס מערער מיט דעם. זאָל ער זען: ווער זיינע „הייליקע" זיינען...

— עס זיינען, מיין ליבער ירדני, פאַרשטייט זיך, געווען אויך אַנדערע עלעמענטן, וואָס האָבן געהאָלפן אויסגעשטאַלטיקן די „קלי־

קע״. די עטלעכע לייט ווי מיר קענען זיי אין דעם לייוויק־אפּאַטאָשו־גלאַנץ־„אָקס״, זיינען שוין גאָרנישט קיין בטלנים.

— צום ביישפּיל?

— דערפאַר וואָס זיי האָבן געוואוסט וואָס זיי ווילן פון דער ליטע־ראַטור, — ווי קאַריעריסטן און מאַטעריאַליסטן — האָבן זיי פאָרמולירט אַ גאַנץ באַשטימטע סטראַטעגיע. ס׳איז געווען אַ פּלאַן מיט אַ פאַרנעם; דורך דער ציישונג, זשורנאַלן, זאַמלביכער, פּרעמיעס, פּלאַטפאָרמעס און אויבנאָן־זיצער, איז זיי גרינג געווען צו שאַפן אַ מין אינטערנאַ־ציאָנאַלן בונד.

— וואָס נאָך?

— אין פּלאַן איז אויך געווען: לויבן אפילו מינדערוויכטיקע אידישע שרייבער פון אויסלאַנד; און פאַרשוויגן היגע — אַ סך פון זיי וויכטיקערע און טאַלאַנטפולערע ווי די אויסלענדישע. דער פּלאַן איז געווען אַ גוט פאַרטראַכטער און ווירקזאַמער, נישט בלויז פאַרן אויס־לענדישן ביכער־מאַרק, נאָר אויך כדי צו ווירקן און אויפבויען איינפלוס בכל תפוצות ישראל.

— דהיינו?

— אָט דהיינו: דער פאַרבינדן זיך מיט אידישע ישובים איבער דער גאָרער וועלט, האָט אריינגעבראַכט אַ גרויסן ריווח דעם „אָקס״. און האָט דערפירט צו דעם סקאַנדאַליעזן אַבסורד, פון דערקלערן, ווי עס האָט געטאָן דער שרייבער יעקב באַטאַשאַנסקי אין אַן אַרגענטינער צייטשריפט, אַפּאַטאָשון, ווי „דער פּרינץ פון דער אידישער ליטעראַ־טור״. אָט דער סקאַנדאַליעזער אַבסורד איז פון אַפּאַטאָשון נישט באַ־שטריטן געוואָרן, און קיינער אין דער ליטעראַטור האָט זיך נישט דערוועגט אַ געשריי טאָן: פוי!!! אַזאַ באַציאונג און צושטאַנד זאָגן אָן, אַז די ליטעראַטור איז אַ חולה־מסוכן...

— ווער דענקט איר, מיין טייערער יאָסל, דאַרף זיך אויף אַזעלכע סקאַנדאַליעזע ליטעראַרישע פּאַסירונגען אָפּרופן?

— די שולד, חבר ירדני, פאַר דער הפקרות און גלייכגילטיקייט זיינען דער פּועל־יוצא פון דעם וואָס מיר האָבן נישט קיין שעפערישע קריטיק, וועלכע זאָל מיט אַ וואָך אויג האַלטן זיך גרייט צו פאַר־טיידיקן דעם כבוד פון דער אידישער ליטעראַטור. די קריטיק אונ־זערע וואָס פאַרנעמט זיך אין תוך מיט מבינות־זאָגעריי, איז אַלט,

שלאַבערדיק, גלייכגילטיק און אומפאַראַנטוואָרטלעך. אויף וויפל זי איז דאָ, האָט זי זיך פאַרקנעכט צום „אַקס", ווייל דאָס איז דער גרינגער און פּאָפּולערער וועג...

— איר מיינט צו זאָגן, אַז די קריטיק שטעלט גאָר קיין קשיות ניט?

— די קריטיק, מ'שטיינס געזאָגט, העלפט פאַרפעסטיקן דעם „סטאַטוס־קוואָ": זי שטעלט נישט קיין קשיות און פאַרזוכט נישט אַרויסרופן אָדער אָנרעגן שעפערישקייט. אַ וואַכזאַמע קריטיק וואָלט קלאָר געמאַכט, אַז דאָס איז ליטעראַרישע אינפלאַציע. און אַז נישט צוליב די קינסטלעריש ווערט פון זייערע אַרבעטן, נאָר צוליב זייער אומקינסטלערישער אומזיכערקייט, זיינען די „אַקס"־מענטשן אַזוי גיריק כסדר זיך צו לאָזן זען און הערן... פּונקט ווי די קריטיקער זיינען גורם ליטעראַרישע פאַרפלאַכונג און שעפערישע פאַרצאַמונג, אַזוי העלפן זיי אויך פאַרדאַרבן דעם פאַרנעם פון דער קריטיק. פון די עטלעכע צענדליק יונגע מענטשן וועלכע האָבן געמאַכט קריטיק־פּרואוון, זיינען די גרעסטע צאָל געוועזן מפילס... אפילו די צוויי טאַלאַנטפולע: א. טאַבאַטשניק און משה ווי־טיעס זיינען אומגעקומען אין ליטעראַרישן מדבר. עס וואָלט גענומען צו לאַנג אַרומצורעדן די סיבות, וואָס האָבן געטריבן וויטיעסן צו איזאָלאַציע און טאַבאַטשניקן צו ווערן אַן „אַקס"־באַדינער.... אָט דער טראַגישער צושטאַנד אין דער ליטעראַטור, האָט געמאַכט ש. ניגערן פאַרן קרבן; ער איז אָבער גאָט די נשמה שולדיק.

— וואָס מיינט איר דערמיט צו זאָגן?

— איך מיין צו זאָגן, אַז ניגער קען בשום אופן און מיט זיין בעסטן ווילן נישט טראָגן אויף זיך דעם עול פון ליטעראַרישער קרי־טיק. די טענות צו אים דעקן אויף אונזער אָרעמקייט. ניגער איז מיד. ער איז נישט בכח אַרומצונעמען אַלע וואָס וואַרטן אויף זיין גוט־וואָרט. די מענטשן פון „אַקס" זיינען זיינע האַדעוואַניקעס, און איצט, אויף דער עלטער, באַנוגנט ער זיך מיט דרעמלען און רוען...

— וואָס איז ניגער שולדיק וואָס אַלע שרייבער האָבן זיך אָנגעזעצט אויף אים?

— ניגער איז נישט איבערנאַכט געוואָרן דאָס וואָס די קריוודע־זוכער וואַרפן אויף. ניגער איז געווען, נישט געוואָרן, קאַלירלאָז, פלאַך און טרוקן. דער זעלביקער ניגער האָט אויך געהאָלפן בויען דעם טורעם פאַרן „אַקס". דעם שאָדן וואָס ער און די עטלעכע מענטשן וואָס זיינען

באַטיטלט מיטן נאָמען „קליקע" האָבן אָנגעטאָן דעם שעפערישן גאַנג פון דער אידישער ליטעראַטור, איז נאָך אפשר ווי געהעריק נישט אויפגערעכנט געוואָרן.

— ווער־זשע וועט דאָס אַלעס אַרויסברייינגען ?

— פאַרן קולטור־היסטאָריקער איז אָנגעגרייט די מעגלעכקייט צו שאַצן און מאַכן דעם סך־הכל. אין סאָרטירן אַלע אָנווייזונגען, נעגאַטיווע און פּאָזיטיווע, וועט פאַרן ליטעראַטור־היסטאָריקער זיין אויפפאַלנדיק ביז גאָר, וואָס די גרופּע, יעדער איינער פון זיי באַזונדער, מיט גרויסע און וויכטיקע צוטראָגן צו דער אידישער ליטעראַטור, האָט, ווי פון „אַקס" און ווי יחידים, אין גיריקייט פאַר פּאָזיציע און זעלבסט־רעקלאַמע, נישט בלויז ניט אַרויסגעפירט קיין איין שעפערישן מענטשן, נאָר האָבן חרוב געמאַכט די סביבה וואָס איז נויטיק אויפצונעמען און צו פלעגן אַ שעפערישן מענטשן.

— ווייסט איר כאָטש, אַז איר מאַכט דאָ אַ שווערע אָנקלאַגע ?

— נישט לייוויק, נישט אָפּאַטאָשו, נישט גלאַנץ, נישט ניגער און די עטלעכע משרתים אַרום זיי קענען זיי אָנווייזן אַז זיי האָבן צוגעגרייט די מעגלעכקייט פאַר אַ טאַלאַנטפולן מענטשן. זיי האָבן פשוט קיינעם נישט אַרויסגעפירט אין דער ליטעראַטור, און קיינעם נישט דערמוטיקט!

— וואָס זיינען די פאַקטן ?

— די פאַקטן וואָרצלען אין דער פּאָליטיק צו וועלכער זיי האָבן פאַרקויפט די ליטעראַטור — אַ פּאָליטיק געשטיצט אויף קאַריעריזם, מאַטעריאַליזם און זעלבסט־איינגעגלויבטקייט... זייער זעלבסט־איינגעגלויבטקייט, איז נישט בלויז אַן איינרעדעניש וואָס פּלאָגט יעדן פון זיי, נאָר צוליב דעם פעסטן קאָנטראָל וואָס זיי האָבן אויפן ליטעראַרישן דעת־הקהל, ווערט פאַרשטאָפּט די מעגלעכקייט פאַר פרייער קריטיק, פאַר אָנווייזונגען און אָפּפרעגונגען ; אַן אַרויסטריט קעגן איינעם פון זיי, ווערט פאַררעכנט פאַר פשוטער מרידה.

— ווייסט איר, מיין ליבער יאָסל קאָהן, אַז דער אמתער קינסטלער לאַכט זיך אויס סיי פון די קריטיקער און סיי פון די פאַרשיידענע ליטעראַרישע קליקעס, גרופּעס און קרייזלעך, וועלכע זיינען אַ געוויינטלעכע דערשיינונג אין אַלע ליטעראַטורן ? די מיינונג פון אַ קריטיקער מיינט אַבסאָלוט גאָרניט. דער בעסטער קריטיקער איז די — צייט !

און מיט ליטעראַרישע קליקעס, גרופּעס און קלייזלעך, איז די זאַך אַזוי: זיי קומען און פאַרשווינדן. דער וואָס איז אין דער אמתן אַ קינסטלער, בלייבט לעולם ועד! איר האָט דאָ פריער דערמאָנט דאָס וואָרט „מרידה״. אויב מ'וויל זיין אַ סאָלדאַט, דאַרף מען קענען שמעקן פּולווער... פאַרוואָס, מיין טייערער קאָלעגע קאָהן, האָב איך ניט קיין מורא צו רעדן אָפענע דיבורים? וואָס דען אַנדערש איז די אויפגאַבע פון אַ שרייבער, און פון יעדן קינסטלער בכלל — אויב ניט זיין אויפ־ריכטיק און אַרויסקומען מיטן אמת? ווייסט איר אפשר פון אַן אַנדער אויפגאַבע?!

— דער שרעק, מיין ליבער ירדני, זיך אַנצוהויבן מיט זיי, איז אַנגעוואָרפן אויף גאָר אַ סך אידישע פּאָעטן און דערציילער. אָט די דאָזיקע אָפּאָרטוניסטן, יעדער איינער פון זיי, וועט נישט בלויז זיך ניט וועלן אָנהויבן מיטן „אָקס״ (צוליב וואָס, איז די טעאָריע, ס'וועט סיי־ווי־סיי נישט העלפן), נאָר וועט, כדי צו געפינען לייטזעליקייט אין די אויגן פון דידאָזיקע לייט, דעמאָנסטרירן ווידערווילן קעגן די, וואָס וואַגן צו שטעלן דעם כבוד פון דער ליטעראַטור איבער דער גלאָריע פון די ליטעראַרישע פּאָליטישנס . . .

— אויב אַזוי, איז דאָך עס אמתער סדום?!

— וואָס דען האָט איר געמיינט! אַז עס הערשט אַזאַ לאַגע, מיין ליבער חבר ירדני, איז אַ פעסטגעשטעלטער פאַקט; די וואָס האָבן געפּרואווט אָנווייזן ווי די ליטעראַרישע פּאָליטישנס האָבן קראַנק געמאַכט די ליטעראַטור דורך אַריינלייגן איר אין אַ סדום־בעטל, זיינען עדות פון אַ ביטערער דערפאַרונג. די „אָקס״־לייט האָבן אַלע מיטלען זיך אָפּצורעכענען מיט מורדים; זיי פאַרגיבן נישט און פאַרגעסן נישט . . .

— און אָט די לייט שעמען זיך נישט צו שרייבן און רעדן קעגן דיקטאַטור ביי יענעם?!

— דורך דעם וואָס זייער איינפלוס ווירקט אין אַ גרויסער צאָל אידישע אינסטיטוציעס, קאָלעגע ירדני, און מיט דעם וואָס זיי פאַר־נעמען אַלע פּלאַטפאָרמעס, און דורך זייער מישן זיך אין אַלע אידישע ענינים, זיינען זיי אָנגענומען געוואָרן נישט בלויז ווי די פאַרשטייער פון דער אידישער ליטעראַטור, נאָר ווי די ווערטפולסטע. דורך דעם איז אין אַלגעמיינעם אידישן לעבן געשאַפן געוואָרן דער באַגריף —

אויף יענעם זייט „אַקס" איז וויסט און פוסט. אַט דער באַנעם, און אַט די שטימונג זיינען אָנגענומען און ווירקן צווישן גאָר גרויסע צאָלן פון אידיש־אידישע מענטשן.

— וואָס זיינען די באַווייזן?

— די באַווייזן זיינען, אַז צווישן די וואָס שפּרייטן די גלאָריע פון די „אַקס"־לייט און העלפן שאַפן טיפער דעם תהום אין דער אידי־שער ליטעראַטור, זיינען גאָר אין אַ גרויסער צאָל די לערער פון די אי־דישע שולן, האַלבע אינטעליגענטן, און כלל־טוער פון די בונדישע און פועלי־ציוניסטישע אינסטיטוציעס. אַ סך פון זיי זיינען דורכגעפאַלענע שרייבער, וועלכע זיינען געוואָרן ציניקער און ביי וועמען די יוגנט־אידייען זיינען דעגענערירט געוואָרן צו סענטימענטן. ס'איז אַ טרויע־ריקער אויסזען; אַ געיעג צו שפּייזן אַן אומזיכערקייט, וואָס ווערט קיינמאָל נישט באַפרידיקט. אַט די נישט־געזעטיקטקייט מאַכט בלינד און איז גורם צו באַשרענקען די ליטעראַטור צו עטלעכע יחידים. אַפילו די וואָס האָבן אויסזעצונגען לייגן נאָר אויס קריוודעס פאַר זייער גרופּע.

— צום ביישפּיל?

— אַ ביישפּיל האָט געגעבן ב. ביאַלאָסטאָצקי אין אייער אינ־טערוויו מיט אים, וואו דער חשובער פּאָעט, אָנווייזנדיק אַז צווישן די „יונגע" און די „אינזיכיסטן" איז נישט געווען קיין חילוק, ווי די „אַקס"־חברה זוכט צו שאַפן דעם איינדרוק, האָט זיך באַנוגנט מיט דער־מאָנען נאָר עטלעכע נעמען. ס'איז אמת, אַז ס'איז אַ גאָר שווערע זאָרג זיך צו דערמאָנען און אויסרעכענען אַלע וועלכע זיינען געקומען אין דער ליטעראַטור — אַפילו צווישן און גלייכצייטיק מיט ביאַלאָס־טאָצקין און די עטלעכע וואָס ער האָט אַריינגענומען אין זיין גרופּע. אָבער זיכער איז נישט קיין פאַרזען, נאָר אַ סימפּטאָם ווי עס ווירקט אויף אונז דער קולט פון „אויסדערוויילטע": אין דורכלאָזן די גרופּע אַרום זשורנאַל „פעדער" מיט אַהרן קאַרלינען בראש, און דער „פּראָ־לעטאַרישער" גרופּע, וואָס איז געווען אַזוי שטאַרק פאַר יענער צייט אין דער מאָדע, אַז אפילו די לייוויקס, אָפּאַטאָשוס, גלאַנצעס, גלאַטשטיינס, אויערבאַכס, באָריישאָס און נאָך אַנדערע האָבן זיך געלאָזן אַדאָפּטירן פון די פּראָלעטיקער.

— ווער זיינען זיי געווען פון דער „פּראָלעטאַרישער“ גרופּע?

— איר ווער מיר אַנטשולדיקן, קאָלעגע ירדני, איך קען דאָ איצט נישט זיך אָפּשטעלן אויף די נעמען פון דער דאָזיקער „פּראָלע־טאַרישער“ גרופּע פון וועלכער איך און אַלעקסאַנדער פּאָמעראַנץ זיינען געווען אַנגעשלאָסן. עס וואָלט מיך צו ווייט אָוועקגעפירט. עס טאָר אָבער נישט אויסגעלאָזן ווערן די אַרום דער „פּעדער“ גרופּע פון וועלכער עס זיינען אַרויסגעוואָקסן אַזעלכע פיינע פּאָעטן, ווי: לוי גאָלדבערג י. קאַלושינער, י. ה. ראַדאָשיצקי, דער קריטיקער משה וויטיעס, דער פעלעטאָניסט און דערציילער ב. י. קליין, ראובן גראָ־נאָווסקי און נאָך אַ סך וויכטיקע צוטראָגער און ליטעראַטור־שאַפער. און אַרום דער פון ביאַלאָסטאָצקין און זיין גרופּע זיינען אין דער ליטעראַטור געקומען אַזעלכע וויכטיקע יחידים, וועלכע זיינען ווערט מער ווי ביאַלאָסטאָצקיס גענעראַליזאַציע — „נאָך און נאָך“. מ׳קען נישט פאַרבייגן די וויכטיקע פּאָעטן און דערציילער ווי: יענטע סערדאַצקי, חיים קרול, דר. מ. גלען, זעליק דאָרפמאַן, אבא שטאָלצנ־בערג, א. טאַבאַטשניק, א. כץ, דער וואונדערלעכער הומאָריסט און סאַטיריקער וואָלף מערקור, פּסח מאַרקוס, י. העשעלעס, חיים פּעט, וואָלף יונין, י. מעצקער, אליהו שולמאַן, בעריש וויינשטיין, אַלטער עסעלין, און יצחק ליבמאַן, מיט זיינע אייגענע גרויסע צושטייערן חוץ זיינע אומדערמידלעכע אַרבעטן פאַרן אידישן בוך און זיינע זשורנאַלן — און טאַקע איך אַליין אויך.

— האָט איר נאָך עפּעס צו באַמערקן, חבר יאָסל?

— איך ווייס, מיין טייערער ירדני, אַז מיין אַנאַליז און אָפּשאַצונג, זיינען נישט פּאָפּולער. איך בין זיכער, אָבער, אַז דעם שאָדן וואָס די ליטעראַטור־פאַרדאַרבער האָבן אָפּגעטאָן קען נישט פאַרריכט ווערן. כדי אויפצולעבן אַן אינטערעס און ליבשאַפט צו אידיש און צו אונזער ליטעראַטור, איז נויטיק אידעאַליזם. דער אויפקום פון דער אידישער ליטעראַטור איז נאָר מעגלעך געוואָרן דערפאַר וואָס נישט בלויז קינסטלער, נאָר אַרום זיי זיינען אויך געווען יונגע, גלויביקע און ענטוזיאַסטישע מענטשן. ווי אַזוי קען מען ציען אַ המשך, אַז ס׳איז נישטאָ קיין סביבה? נישט בלויז איז די יוגנט נישט מיט אונז, מיר האָבן גאָרנישט צוגעגרייט פאַר איר אַפילו ווען זי זאָל קומען — און אַן אַ יוגנט קענען נישט געדייען קיין שום שפּראַך און קולטור! נאָך

פיל ערגער איז און נאָך גרעסער איז די טראַגעדיע וואָס ביים צאַנקען פון אונזער קולטור־שאַפן און מאַמע־לשון, נעמען זיך די אומזיכערע ערנסט און מיט זייער נאַרן־שפּיל דרייען זיי זיך אין אַ ווילדן־טאַנץ . . .

— וועלכע ביכער האָט איר שוין ביז איצט אַרויסגעגעבן?

— איך האָב ביז איצט, מיין טייערער ירדני, אַרויסגעגעבן פיר ביכער פּאָעזיע און אַן אויטאָביאָגראַפישע אַרבעט — „ווי נעכטן גע־שען". דריי ביכער לידער זיינען דערשינען אין ניו־יאָרק — אין דעם סדר: „שטאָט" — 1926. „קרומע וועגן" — 1936. „דער מאָרגן איז אייביק" — 1948. „פון יענער זייט ים" — 1932, אין מאָסקווע.

— וואָס זיינען די הויפּט־מאָטיוון אין אייער שרייבן?

— איך בין קיינמאָל נישט געגאַנגען מיט דעם גרינגן וועג אין לעבן. די פּשרות וואָס איך האָב געמאַכט זיינען נישט געווען צוליב מאַטעריעלע באַקוועמלעכקייטן און באַזאָרגונגען. עס זיינען געווען פּשרות מיט דעם נאַאיוון באַנעם פון מענטש און זיין אומזעטיקייט. דער צער פון אונזער זיין און די זינלאָזיקייט פון נישט־ווערן קענען זיך, ווייזט אויס, פון מיר נישט אָפּטאָן — פאַרקערט, עס ווערט מיט די יאָרן ביי מיר אַלץ שאַרפער די קשיה: וואָס איז די באַדייטונג פון דעם גרויסן נאַרן־שפּיל?

יאָסל איז דערנאָך זיצן געבליבן אַ פאַרקלערטער מיט אַ שטילן קוק אין די אויגן און אַ סך ביט־דערזאָגטע ווערטער...

25־טער יוני, 1954

ב. שעפנער

מיר האָבן פראַגמענטן, שטיקלעך און ברעקלעך, וואָס דאַרף הייסן געשיכטע, וועגן אידן און דעם אידישן לעבן אין אַמעריקע, אָבער קיין פולע געשיכטע, וועלכע זאָל אַרומנעמען דאָס גאַנצע אידישע לעבן אין אַמעריקע, איז נישטאָ. און פונקט ווי ס׳איז נישטאָ קיין פולע געשיכטע וועגן אידן און דעם אידישן לעבן אין אַמעריקע, אַזוי זיינען אויך די כלערליי פראַגמענטן, שטיקלעך און ברעקלעך, וואָס דאַרף הייסן געשיכטע, וועגן אידן און דעם אידישן לעבן אין אַמעריקע, וואָס זיינען ביז איצט דערשינען, גאָר ווייט פון צו זיין אומפּאַרטייאיש. מחמת אידן אין אַמעריקע זיינען צעטיילט אויף באַזונדערע שבטים, וואו יעדער פראַוועט שבת פאַר זיך. יעדער שבט האָט זיינע הויף־היס־טאָריקער, הויף־זינגער, הויף־פּאָ־עטן, הויף־שרייבער, הוראַ־שרייערס, גאַנצע מחנות הויף־פּאַיאַצן און הויף־קלאָונס — אַלץ, פאַרשטייט זיך, גע־דונגענע פאַר געלט...

ב. שעפנער

לייענט איר אַ פראַגמענט, אַ שטיקל און אַ ברעקל, וואָס דאַרף הייסן געשיכטע, וועגן אידן און דעם אידישן לעבן אין אַמעריקע, למשל, געשריבן פון אַ מענטשן (מייסטנס פון אַ ראַבאַיי), וואָס גע־הערט צום חדר פון טעאָלאָגישן סעמינאַר אין ניו־יאָרק, וועלכער, כידוע, פאַרטרעט דעם, אַזוי־גערופענעם, קאָנסערוואַטיוון אידנטום אין אַמעריקע, — אָט דער טייל אידנטום, וואָס איז ניט מילכיק און ניט פליישיק — פילט איר, ווי דער שרייבער — פאַרדאָן, היסטאָריקער,

הויבט אַרויס זיין אייגענעם שבט העכער איבער אַלעמען... דאַכט זיך אַט רעדט ער, דערציילט און שרייבט אויך וועגן אָרטאָדאָקסישן אידנ־טום אין אַמעריקע; וועגן רעפאָרמירטן־אידנטום אין אַמעריקע, און וועגן אַלע אַנדערע אידישע שבטים אין אַמעריקע, אָבער — ס׳איז נישט דאָס! איר פילט ווי זיין הארץ און נשמה איז נישטאָ דערביי, ווי דער צונג ביי אים ליגט אין קימפּעט דעמאָלט ווען עס קומט אים אויס צו רעדן, דערציילן און שרייבן אויך וועגן די אַנדערע אידישע שבטים אין אַמעריקע — עס לויפט אים מיטאַמאָל אויס דאָס לשון...

און אַזוי אַז איר לייענט אויך אַ פראַגמענט, אַ שטיקל און אַ ברעקל, וואָס דאַרף הייסן געשיכטע, וועגן אידן און דעם אידישן לעבן אין אַמעריקע, געשריבן, לאָמיר זאָגן, פון אַ היסטאָריקער, וואָס גע־הערט צום שבט־אַרבעטער־רינג, אָדער שבט־אידישער נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד, וועט איר זייער ווינציק געפינען דאָרט וועגן די אַנדערע אידישע שבטים אין אַמעריקע — העכסטנס אַ פּאָר שורות, ווי מ׳וואַרפט צו אַ הונט אַ ביינדל...

אַט איז, אַ שטייגער, דר. יעקב שאַצקין געגעבן געוואָרן די אויפגאַבע צו שרייבן וועגן דער אידישער ליטעראַטור און פרעסע אין אַמעריקע פאַר דער אידישער ענציקלאָפּעדיע, האָט ער „פאַרגעסן" אָנצוגעבן, אַז אין ניו־יאָרק איז אַרויסגעגאַנגען אַ גאַנץ וואַגיקער זשורנאַל פאַר ליטעראַטור און קריטיק, וואָס האָט געהייסן „אונזער בוך", רעדאַקטירט פון יצחק ליבמאַן, אין וועלכן ער, שאַצקי, בכבודו ובעצמו, האָט אָנטייל גענומען. צוזאַמען מיט שאַצקין האָבן מיט־געאַרבעט אין „אונזער בוך" נאָך פיל אַנדערע שריפטשטעלער — צו דערמאָנען בלויז אַט די נעמען: יהואש, אברהם רייזען, יעקב גלאַט־שטיין, ברוך גלאַזמאַן, ב. ריוועקין, דר. א. מוקדוני, א. וואַלינער, א. לעיעלעס, הערמאַן גאָלד, משה נאַדיר, א. לוצקי, ב. אַלקוויט, הלל ראָגאָף, א. ראַבאַי, ק. מרמר, מ. באַסין, א. רעוואוצקי, פּ. בימקאָ, מנחם, און ל. לערער. אָבער בעת דער חשובער דר. שאַצקי האָט געהאַלטן אין אויסרעכענען און דערמאָנען אין זיין אַרבעט אַלע אידישע ליטע־ראַרישע אויסגאַבעס אין אַמעריקע און ער איז געקומען צום זשורנאַל „אונזער בוך", האָט ער, פלוצלונג, פון דער העלער הויט, מיטאַמאָל „פאַרלאָרן" זיין „זכרון"?!

ער האָט אויך פונקט אַזוי „פאַרגעסן" אין דער זעלביקער אַר־

בעט זיינער פאַר דער ענציקלאָפּעדיע צו דערמאָנען, אַז אין ניו־יאָרק גייט שוין אַרויס 20 יאָר אַ „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט״, רעדאַקטירט פונם זעלביקן יצחק ליבמאַן??!

אָבער — איז דאָס בלויז טאַקע פאַרגעסנקייט? אַ נעכטיקער טאָג! עס נעמט זיך פון די געמיינע ליטעראַרישע חשבונות, וועלכע ווערן געפירט אויף דער אַמעריקאַנער אידישער שרייבער־גאַס; חש־בונות, וועלכע צעפרעסן און מאַכן אַ תל דאָ פון דער אידישער ליטעראַ־טור און קולטור; ברענגען אַריין צעריסנקייט און פאַרביטערטקייט דאָ אין די רייען פון די אידישע שרייבער און פאַרטרייבן די אידישע לייענער און די אידישע אינטעליגענץ פון דער אידישער פרעסע און פון אידישן בוך...

דער „מיר און מיר און מיר״־טאָן, פאַרנעמט דאָ דעם אויבנאָן אויף אַלע געביטן און פראַגנטן פונם אַמעריקאַנער אידישן לעבן. „מיר האָבן געבויט״; „מיר זיינען געווען די ערשטע״; „מיר וואַקסן״; „מיר טוען״; „מיר העלפן״; „מיר זאָגן״; „מיר דערקלערן״; „מיר קעמפן״; „מיר ראַטעווען״; הימל און ערד — און „מיר״! איר קענט זיך אין ערגעץ ניט אויסבאַהאַלטן פונם דאַזיקן „מיר״ — אַן אמתער דיקטאַ־טאָר!!! וואו איר גייט און וואו איר שטייט — אַהאַ: „מיר״!

מ׳פאַרקלאַפּט אייך ממש דעם קאָפּ מיט: „מיר תורה־אידן״; „מיר סאָציאַליסטן״; „מיר בונדיסטן״; „מיר ציוניסטן״; „מיר מזרחיסטן״; „מיר אַגודהניקעס״; „מיר אָרטאָדאָקסן״; „מיר רבנים״; „מיר חזנים״; „מיר שוחטים״; „מיר דיינים״; „מיר שרייבער״; „מיר קולטוריסטן״; „מיר אויפגעקלערטע״; „מיר אידישיסטן״; „מיר העברעאיסטן״, וכדומה... ווען וועלן שוין די אַלע „כל־זולכניקעס״ אַמאָל זאָגן: „מיר אידן!״ ניין, איר וועט דאָס נישט הערן פאַר קיין געלט אין דער וועלט ניט...

מ׳דערציילט פון אַ אידן, וואָס איז אַמאָל געגאַנגען אויף איסט־בראָדוויי און האָט זיך נאָכגעפרעגט ביי די פאַרבייגייער: „וואו וואוינט דאָ אַ רבי?״ „וואָס הייסט?״ האָבן אַלע ווי איינער אָנגעשטעלט די אויגן אויף אים און מ׳האָט דעם אידן אָנגעוויזן אויף שילדן, וואָס זיינען געהאָנגען אויף שטיבער איינער נאָכן אַנדערן: „דאָ וואוינט אַ רב, דאָרט וואוינט אַ רב — עס פעלן רבנים אויף איסט־בראָדוויי?!״ „יאָ״, האָט דער איד זיי געענטפערט, „אָבער אויף די אַלע שילדן

וואָס איר ווייזט מיר אָן שטייט אָנגעשריבן „גאון" — און איך זוך אַ רבי!"

פּאַרפּאַלן... אַזוי איז דאָ דאָס לעבן לכתחילה אַוועקגעשטעלט געוואָרן און עס וועט שוין קיין זאַך אין דער וועלט נישט העלפן. יע־דער באַזונדער דאָ איז פּאַראינטערעסירט בלויז אין איין זאַך: צו רימען און פאַרקויפן זיין אייגענע „סחורה" ווי וויט נאָר ער קען — וויטער גייט אים קיין זאַך ניט אָן... ער קריגט זיך נישט מיט קיינעם. אדרבה. ער לעבט מיט איטלעכן בשלום; ער איז מיט אַלעמען אַ גוטער־ברודער: דו טשעפּע מיך ניט און איך וועל דיך ניט טשעפּען... דו קריך נישט אויף מיין טעריטאָריע און איך וועל נישט קריכן אויף דיין טעריטאָריע... מ׳האָט זיך איינגעטיילט אין ספערן און — מ׳לעבט זיך אין נחת און אין פריידן! אַ אידיליע? — ס׳מזל אויף אונזערע שונאים, וואָס פאַר אַ „אידיליע" דאָס איז...

נישט אַ האָר בעסער אפילו איז עס מיט אונזער אידישער פּרעסע אין אַמעריקע — נישט בלויז מיט „געשיכטעס" און „ענ־ציקלאָפּעדיעס"...

פאַר זייטיקע, דערהויפּט אין אויסלאַנד, אַז מ׳לייענט די אַלע קאַזיאָנע רייד און שרייבעכצן אין דער אַמעריקאַנער אידישער פּרעסע און ליטעראַרישע זשורנאַלן, מיט קליינע אויסנאַמען, קען מען מיינען, — און מע מיינט! — אַז אַלצדינג איז אין אָרדענונג, בעסער קען גאָרנישט זיין. עס קומען פאַר גרויסע קאָנפערענצן, אָדער ווי מ׳זאָגט דאָ אויפן אַמעריקאַנער לשון קאָנווענשאָנס, באַראַטונגען, צוזאַמענפאָרן וועלכע מע צעפּויקט, און מ׳לייענט דערנאָך באַריכטן, וואָס ס׳איז נישט־געשטויגן און נישט־געפלויגן. אָבער אויף זייטיקע, דער עיקר אין אויסלאַנד, מאַכן די דאָזיקע ליגנערישע באַריכטן, רעדעס, רעפע־ראַטן אַ גוואַלדיקן איינדרוק..

ווי אַ באַווייז, וועל איך דאָ ברענגען מיין גוטן פריינט פון מעקסיקאָ, פּראָפעסאָר סאַלאָמאָן קאַהאַן. ער האָט איבערגעלייענט אין ניו־יאָרקער „טאָג" (פון 22טן יאַנואַר, 1954) אַן ענגלישן קאָלום פון דר. ש. מאַרגאָשעס, וואָס איז געווען באַטיטלט „אידיש אין די אוניווערסיטעטן" און ער האָט דערנאָך אָנגעשריבן אַ גרויסן באַגייס־טערטן אַרטיקל אין דער מעקסיקאַנער „די שטימע" (פון 6טן פעברואַר, 1954) אונטערן נאָמען „חשיבות פון אידיש און שטיצע פאַר אידישע

קולטור", וואו ער רעדט דאָרט צווישן אַנדערעס מיט וואַרעמקייט וועגן: „די אַנערקענונג און דער פּרעסטיזש, וואָס אידיש הייבט אָן צו קריגן אויף וואָס אַמאָל אַ ברייטערן מאַסשטאַב אין דער אַקאַדעמישער וועלט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, דאָס לאַנד, וואו היינט צו טאָג געפינט זיך אַזאַ גרויסער טייל פון אונזער פאָלק".

אינם זעלביקן אַרטיקל שטעלט זיך מיין נאָענטער פריינט סאַ־לאָמאָן קאַהאַן אויך אָפּ אויף דער גרויסער באַדייטונג פונם „אידישן קולטור־קאָנגרעס", וואָס קען „אויפוויזן וויכטיקע אויפטועך (?) אין יעדן איינעם פון די אַספּעקטן פון זיין טעטיקייט־געביט". ער פאַר־רופט זיך אויף די „באַבע־מעשות", וואָס אַ ניו־יאָרקער שליח פון אידישן קולטור קאָנגרעס האָט דאָרט אָנדערציילט...

אָבער וואָס איז דער אמת?

דער אמת איז אַזוי וויט פון דער ווירקלעכקייט, אַז עס צופּט אַזש ביים האַרצן...

וואָס טויג מיר „די אַנערקענונג און דער פרעסטיזש וואָס אידיש הויבט אָן צו קריגן אויף וואָס אַמאָל אַ ברייטערן מאַסשטאַב אין דער אַקאַדעמישער וועלט פון די פאַראייניקטע שטאַטן, דאָס לאַנד, וואו היינט צו טאָג געפינט זיך אַזאַ גרויסער טייל פון אונזער פאָלק", אַז דער גרעסטער טייל פון אונזער פאָלק אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט פאַקטיש אויפגעהערט צו רעדן און צו לייענען אידיש?!

וואָס טויג מיר די „וויכטיקע אויפטוען" פון אידישן קולטור קאָנגרעס, אַז אַלע אידישע טעאַטערס אין ניי־יאָרק, שטייען פאַרהאַקט און פאַרשלאָסן?! פון אידישע טעאַטערס אויף דער פראָווינץ, איז דאָך אָפּגערעדט...

וואָס פאַר אַ ווערט האָבן די אַלע באַשרייבעכצן אין דער אַמע־ריקאַנער קאַזיאַנער אידישער פּרעסע, וועגן גרויסע צאָלן ישיבות, תלמוד־תורות, חדרים, אידישע שולן דאָ, אַז דער גרעסטער טייל אי־דישע היימען אין אַמעריקע זיינען געוואָרן אויס אידישע היימען און עס מערן זיך פון טאָג צו טאָג די צאָלן געמישטע חתונות?!

וואָס טויגן מיר די אַלע רייד און רעדעס, רעפעראַטן און דע־קלאַראַציעס, שרייבעכצן און באַריכטן פון די „קאַזיאָנע שרייבער" און „פּראָפעסיאָנעלע אידן", וועגן דער חשיבות פון דער אידישער ליטעראַטור און קולטור, אידישן לשון, אַז אויף די גרויסע אידישע פאַרזאַמלונגען ברעכן זיך די ציינער צו רעדן ענגליש אַזעלכע אידישע

פאָלקס־מענטשן אַפּילו, ווי אייזיק העמלין, לואיס סיגאַל, ברוך צור־קערמאַן — שוין ניט רעדנדיק פון אַנדערע?!

וועגן דער אַמאַליקער שטאַרק באַלעבטער אידישער סעקאַנד עוועניו, — די אידישע בראָדוויי פון ניו־יאָרק! — וואו עס האָט גע־שוויבלט און געגריבלט מיט אידישע פאָלק־און קונסט־טעאַטערס, מו־זיקער, שרייבער, זינגער, חזנים, דראַמאַטורגן, רעסטאָראַנען און קאַ־פעס, גייט איצט אַרום אַ טראַגישער וויץ, וואָס רעדט מער ווי טויזנט געשריבענע קאָלומס פון אַ דר. ש. מאַרגאָשעס, און מער ווי טויזנט „באָבע־מעשׂות" פון אַ ניו־יאָרקער שליח פון אידישן קולטור קאָנגרעס אין מעקסיקאָ, אָדער ערגעץ אַנדערש־וואו...

דער וויץ גייט אַזוי: פון דער אַמאַליקער גאָלדענער אידישער סעקאַנד עוועניו איז איבערגעבליבן נישט מער ווי זיגמונד שוואַרצס „פיונעראַל פּאַרלאָר" (טויטן־שטיבל) און איטשע בידערמאַנס אידישער בוך־געשעפט. דער חילוק איז אָבער דער: צו שוואַרצן אין „פיונעראַל־פּאַרלאָר" גייט מען און צו בידערמאַנען אין בוך־געשעפט — גייט מען נישט...

טראַגיש? אַוודאי! אָבער דאָס איז דער ריינער אמת...

ווען איר לייענט אָבער די „קאַזיאָנע שרייבער" פון דער אי־דישער פרעסע אין אַמעריקע, אָדער אַז איר רעדט מיט די „פּראָפע־סיאָנעלע אידן" אין אַמעריקע, איז אַלצדינג אין אָרדענונג, בעסער קען גאָרנישט זיין...

אין קורצן: ניט פון די אַלע פראַגמענטן, שטיקלעך און ברעקלעך, וואָס דאַרף הייסן געשיכטע וועגן אידן און דעם אידישן לעבן אין אַמע־ריקע, וואָס זיינען ביז איצט דערשינען; און אויך נישט פון דער טעגלע־כער אידישער פרעסע אָדער ליטעראַרישע זשורנאַלן, מיט זייער וויניק אויסנאַמען, קענט איר דערגיין אַן אמתן טאָלק — וואָס איז פאַרגעקומען ביז אַהער — און וואָס קומט איצט פאָר — אינם אידישן לעבן אין אַמעריקע . . .

איז דעריבער אַ גרויסער פאַרגעניגן זיך צו טרעפן אויף דער אַמעריקאַנער אידישער גאַס מיט אַזאַ אידישן שרייבער ווי ב. שעפּ־נער, וואָס האַלט זיינע אויגן אָפן, וואָס זעט און הערט אַלצדינג, און, אויב אַפּילו ער קען צוליב אַזאַ אָדער אַן אַנדער סיבה נישט אַרויס־קומען אין דער עפנטלעכקייט אויף די שפּאַלטן פון זיין ציישונג (אין

„פאָרווערטס") וואו ער איז אַ מיטאַרבעטער, אַזוי שאַרף ווי ער וואָלט געוואָלט און געקענט קעגן דעם וואָס ער זעט און הערט אַלצדינג, איז — רעדט ער כאַטש דערפון! און אויך: בעת איר הערט אים רעדן דערפון, פילט איר, אַז עס טוט אים שטאַרק וויי, אַז די טעמפּקייט און פאַרגליווערטקייט, שימל און גראָבקייט, ביליקייט און ציניזם, וואָס הערשן אינם אַרומיקן אידישן לעבן, גיט אים נישט קיין רו, לאָזט אים ניט שלאָפן...

שעפנער איז פון די ניי־אַריבערגעקומענע אידישע שרייבער, מיט אַ פינקלדיקער פען, וואָס שפּרודלט מיט חכמה, מאַניער, ניואַנס, אידיש־ווּיסן, קולטור, בילדלעכקייט, וואָרט־ווענדונג און וואָרט־שפּיל, ראַפינירטקייט, טאָלעראַנץ — קורץ: אַ פעליעטאָניסט פאַר־עקסעלאַנץ!

אַפילו אין זיין שטאַרק־געצאַמטקייט פון זיין שרייבן דאָ הי פאַר דער צייטונג וואו ער אַרבעט וועגן דעם אַמעריקאַנער אידישן לעבן, פילט זיך ביים לייענען, אַז ווען ס׳וואָלט באמת געגעבן געוואָרן אים אַ פרייע האַנט אויף צום שרייבן: גיי שרייב וועגן וואָס דו ווילסט, ווי נאָר דו קענסט, און דאַרפסט פאַר קיינעם קיין מורא ניט האָבן! וואָלטן מיר געלייענט אַזעלכע פּרעכטיקע פעליעטאָנען פון אַמעריקאַנער אי־דישן לעבן אין אַלע זיינע אַספּעקטן און געביטן, אמתדיק שלום עליכמ־דיק, אַז מ׳וואָלט זיך געהאַלטן ביי די זייטן פון געלעכטער!

אין דער פאַרמלחמהדיקער פוילן, איז שעפנער ניט בלויז גע־ווען אַ באַרימטער שרייבער און דער סאַמע געלייענטסטער, נאָר אויך איינער פון די דריי רעדאַקטאָרן פון דער בונדישער „פאָלקס־צייטונג", וואָס איז אַרויסגעגאַנגען אין וואַרשע. ער איז אויך אין פוילן גאָר שטאַרק באַרימט געווען פאַר זיינע רעפעראַטן און לעקציעס. איך האָב דאָ אַמאָל געהערט אים האַלטן אַ לעקציע וועגן שלום עליכמען, האָט דער גאַנצער עולם געקראַכט ממש פון געלעכטער!

— אַנטשולדיקט, קאָלעגע ירדני, איין מינוטקעלע, זעצט זיך אַ ווײַלע, איך וועל באַלד ענדיקן מיין אַרטיקל, וועלן מיר דערנאָך קענען רואיק זיצן און שמועסן. — האָט זיך אָנגערופן דער חשובער שריפטשטע־לער ווען ער האָט מיך דערזען אַריינקומען אין זיין חדר אין דער רע־דאַקציע פון „פאָרווערטס" צו דער אָפּגערעדטער צייט.

— שטערט איך ניט, פריינט שעפנער, גייט אָן מיט אייער אַרבעט, איך האָב צייט. — האָב איך אים געענטפערט.

די „פאָרווערטס״־רעדאַקציע, וואָס געפינט זיך אויפן ניינטן שטאָק פון דער צען־שטאָקיקער „פאָרווערטס״־געביידע איז מיר נישט פרעמד, פונקט ווי ס'איז מיר נישט פרעמד די „טאָג״־רעדאַקציע און אויך די רעדאַקציע פונם געוועזענעם „מאָרגן־זשורנאַל״. דער חדר אין וועלכן דער חשובער שרייבער זיצט, איז ניט פון די גרעסטע אין דער „פאָר־ווערטס״־רעדאַקציע, אָבער עס פילט זיך אַ וואַרעמקייט, געמישט מיט אַ פריינטלעכקייט, וואָס מאַכט דיך פילן גוט. דורכן גרויסן פענצטער קוקט אַריין אַ בלויער הימל און דאָס אויג קען זען זייער ווייט און אויפכאַפּן גאַנצע שטיקער פון ניו־יאָרק, ספּעציעל דאָס האַרץ פונם מאַנהעטן אינזל, וואָס איז אָנגעזעצט מיט הויכע טורעמס אין פאַר־שיידענע סטילן און וועמעס שפּיצן קרויזן זיך אין דער לופט פון דער צעשפּרייטער ליכטיקייט, ביז צו די געקנייטשטע וואָלקנדלעך העט אויבן אַרויף. אין מיין האַרצן נעמט זינגען אַ ניגון צום וואונדערלעכן דרויסן, צום שיינעם זוניקן טאָג, ווי עס פּאַסט פאַרן חודש מאַי, צו דער וואַרעמער פריינטלעכער אַטמאָספערע וואָס הערשט אינם קליינעם חדרל וואו עס זיצט אַ אידישער שרייבער, וואָס כאָטש אידייאיש איז ער מיר פרעמד, הגם נישט אַזוי פרעמד ווי עס דאַכט זיך מיר, וואָרעם אויך דער בונדישער אידעאַל פאַרמאָגט געוויסע פּאָזיטיווע שטעלן, מיט וועלכע איך סימפּאַטיזיר גאָר שטאַרק, אָבער בדרך־כלל שטיי איך אָפּ פון פאַרטייען און האָב ניט ליב קיין צוגעשניטענע פּראָגראַמען (אפשר איז דאָס די שולד פון מיין נאַטור, מער ווי עמיצן אַנדערש ?), אָבער שרייבעריש און אויך ווי אַ מענטש איז ער מיר געוואַלדיק נאָענט.

— נו, אַט בין איך שוין מיט אייך, קאָלעגע ירדני, — האָט דער חשובער שריפטשטעלער אוועקלייגנדיק זיין פּען צו מיר אַ זאָג געטאָן. — איצט קענען מיר זיצן און רעדן און שמועסן וועגן וואָס נאָר איר ווילט אַליין.

— איך האָב אַ פּאַרטיקן צעטל מיט פראַגעס צו שטעלן אייך, פריינט שעפנער!

— נו, גוט, וואָס ווילט איר וויסן ?

— איך וויל איר זאָלט מיר זאָגן, וואָס דענקט איר פעלט דער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע ?

— אויף דער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, מיין פריינט, ליגט אויסגעגאָסן אַ טרויער און אַ פּאַטאַליזם. עס נעמט זיך דערפון, וואָס די שרייבער אין פּוילן זיינען געזעסן אויפן וואָגן פונם אידישן

לעבן, בעת די שרייבער אין אַמעריקע זיינען ניט געפאָרן אויפן וואָגן פונם אידישן לעבן — זיי זיינען געשטאַנען אָן אַ זייט.

— וואָס מיינט איר?

— די אידישע שרייבער אין אַמעריקע זיינען אַריין אין אַ געטאָ נאָך איידער היטלער האָט דערקלערט אַ געטאָ אין פוילן און אין אַנדערע לענדער פון מזרח און מערב־איראָפּע...

— למשל?

— אָט זיינען מיר געווען אין אַן אַנטיסעמיטישן לאַנד דאָך האָבן מיר זיך געחברט מיט פוילישע שרייבער, זשורנאַליסטן, מיר האָבן גע־שפּילט שאָך צוזאַמען, מען פלעגט זיך באַגעגענען אין פּאַרלאַמענט, טרעפן זיך אויף דער גאַס, אין קאַפע, אין קלוב, און מיר האָבן געהערט צו איין שרייבער־פעדעראַציע. אין אַמעריקע האָבן זיך די אידישע שרייבער אויפגעפירט ניט ווי עס וואָלט געווען אַ פרייע לאַנד, נאָר איך ווייס אַליין ניט וואָס...

— ווי אַזוי באַגרינדעט איר עס?

— ווען איך בין אַהער געקומען, האָט מיך שטאַרק געוואונדערט דער דאָזיקער פאַקט, איך האָב עס בשום אופן ניט געקענט פאַר־שטיין! איך האָב זיך גענומען אויספרעגן: וואו טרעפט מען זיך, וואו באַגעגנט מען זיך ערגעץ מיט אַמעריקאַנער ענגלישע שרייבער, זשורנאַליסטן, האָט מען אויף מיר געקוקט, ווי אויף אַ משוגענעם...

— דענקט איר ניט, פריינט שעפנער, אַז דער טרויער און פּאַ־טאַליזם, וואָס ליגן אויסגעגאָסן אויף דער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, נעמט זיך אפשר דערפון, וואָס די יוגנט איז נישטאָ מיט אונז?

— אוודאי מיינט דער דאָזיקער פאַקט זייער אַ סך. עס איז שווער צו שרייבן בלויז פאַר עלטערע אידן, פאַר עלטערע מענער און פרויען, און דערפאַר האָבן די אידישע שרייבער אין אַמעריקע זיך פאַרשיכורט מיט נאָסטאַלגיע, זיך אָוועקגעלאָזט אין דער פאַרגאַנגענהייט, און דאָס איז פאַר זיי אויך געווען גרינגער. ווארעם די מייסטע שרייבער האָבן מורא געהאַט זיך צוצורירן צום אידישן לעבן אין אַמעריקע, טאָמער וועלן זיי בלאָנדזשען מיט דער טעמאַטיק, ניואַנסן, קאָליר, דיאַלאָג, ווייל דער טאַטע מיטן זון, און די מאַמע מיט דער טאָכטער, רעדן צוויי שפּראַכן. דער פאַלשער וואולגאַרער קאָסמאָפּאָליטיזם, וואָס האָט

ווי אַ וואַלד־פייער אַרומגעכאַפּט די אַמעריקאַנער אידישע הייזער, וועלכע זיינען אויסגעליידיקט פון אידישן גייסט, אידישן לשון, איז דאָ אַ גרויסער שטער געווען פאַר די אידישע שרייבער.

— ווי אַזוי איז עס צוגעגאַנגען אין פּוילן?

— אין פּוילן האָט דער ווייסל גערעדט אין אידיש צום אידישן שרייבער! און אפילו דער קאַשטשיאַל האָט צו אים אויך גערעדט אין אידיש: גיי ניט דאָ! דער בוים אין פּוילן איז געווען אַ אידישער און האָט גערעדט צום אידישן שרייבער אין אידיש! דער אידישער שרייבער האָט ליב געהאַט פּוילן, דאָס לאַנד איז געווען אידיש! אָבער דאָ איז דער אידישער שרייבער געווען אַן אייביקער אימיגראַנט...

— וואָס איז אייער מיינונג וועגן אידישן בוך אין אַמעריקע?

— די צרה מיטן אידישן בוך אין אַמעריקע איז אַזאַ: ביכער וואָס מ'דאַרף ניט זיינען יאָ דערשינען און ביכער וואָס מ'דאַרף יאָ — זיינען ניט דערשינען. דער כוח פון די פּיס דעצידירן די אידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע. דאָס איז חל סיי אויף אַרויסגעבן ביכער און סיי אויף פאַרקויפן ביכער. ניט פיל בעסער האַלט עס מיטן קויפער פונם בוך... די בענקשאַפט וואָס אַ אידישער מענטש אין פּוילן האָט געפילט צו אַ אידישן שרייבער, איז דאָ נישטאָ.

— וואָס קען געטאָן ווערן דערצו?

— מיר האָט ניט לאַנג צוריק דערציילט אַן אַנגעזעענער אידישער שרייבער, אַז ווען ער איז דאָ ניט לאַנג געקומען צו אַ אידן ער זאָל ביי אים קויפן זיין נייעם בוך, האָט דער איד אויסגעראַטשעט אויף אים אַ פּאָר אויגן און האָט אַ פרעג געטאָן: „שוין ווידער אַ בוך? שרייבט אַ ביסל לאַנגזאַמער!"

אַ טרויעריקער שמייכל האָט נאָכגעפאָלגט און זיך באַוויזן אויף דעם שריפטשטעלערס קלוגן בלאַסן פּנים. קיין נחת פון אַזעלכע „גרוסן" ווי „שרייבט אַ ביסל לאַנגזאַמער!" קומט ניט צו. דער דאָזיקער זאָג פונם אידן, האָט דערנאָך לאַנג געעקבערט מיינע אויערן...

— זאָגט מיר, פריינט שעפנער, ווי אַזוי ווירקט אויף אייך דער „שמאָלץ", וואָס רינט גאַנצע פּודנוויז אַראָפּ פון דער אידישער ליטעראַטור און פּרעסע אין אַמעריקע איצט — כ'מיין: וועגן דער איבערטריבענער געמאַכטער פרומקייט?

— וועגן דעם, קאָלעגע ירדני, איז פאַראַן אַ סך צו רעדן, אָבער

איך וועל עס מאַכן זייער קורץ. אין פוילן, למשל, וואָלט אַזאַ זאַך נישט מעגלעך געווען, אַז אַ צייטונג, ווי דער „טאָג־מאָרגן זשורנאַל", וואָס גייט אַרויס שבת, זאָל זיך רופן אַן אָרטאָדאָקסישע צייטונג! עס וואָלט דאָך געווען אַ שרעק! אין פוילן וואָלטן אָרטאָדאָקסישע אידן געבראָכן שויבן, ס'וואָלט זיך געקערט וועלטן; מ'וואָלט גערופן אסיפות — און מ'וואָלט אַזאַ צייטונג שטאַרק פאַרדאַמט! דאָ אָבער הערשט אַ שטילער אָפּמאַך: איך וועל זיין כשר פאַר דיר, און דו וועסט זיין כשר — פאַר מיר... איך וועל דיר געבן אַן „אָרטאָדאָקסישע צייטונג" וואָס גייט אַרויס שבת, און דו וועסט מיר געבן אַן עוף מיט — אַ סרכא... דער זעלביקער רב כשרט ביידע!

— וואָס איז מכח די שרייבער?

— וועגן די שרייבער פון דער דאָזיקער „אָרטאָדאָקסישער צייטונג" איז אַזוי: זאָל זי מאָרגן ווערן אויס אָרטאָדאָקסישע צייטונג, וועלן זיי ווידער בעמען שרייבן אַנדערש... פונקט ווי ס'איז נישטאָ דאָ קיין אמתע אידישע יוגנט, אַזוי איז נישטאָ דאָ קיין אמתע פרומקייט אָדער אמונה. ס'איז אַ געמאַכטע פרומקייט און אַ געמאַכטע אמונה...

— וואָס איז וועגן אויסנאַמען?

וועגן אויסנאַמען רעדט מען נישט!

— בכן?

— און אַזוי ווי דאָס אַלצדינג איז נישטאָ דאָ, טראַנספּערירט מען דעריבער אַלע האָפענונגען, און אַלצדינג מיט אַן אַנדערן, קיין ארץ־ישראל! נאַציאָנאַלע פּיש עסן — דאָרט! חלומות, בענקשאַפטן, אמונה, פרומקייט, יוגנט, דערציאונג, ליטעראַטור, קולטור, טעאַטער, מוזיק, — דאָרט! דאָ זאָל גיין ווי עס גייט... „טעיק איט איזי!" זאָגט מען איך. וואָס עס פעלט דעם אידישן לעבן אין אַמעריקע, און אַ גרויסע טייל פון די אידישע שרייבער אַריינגערעכנט, איז עכטע התלהבות! דער „טעיק איט איזי!" דערהרגעט אַלצדינג דאָ. עס טעמפּט אָפּ די מוחות און די הערצער ביי יעדן איינעם — און דערפאַר איז דאָס אידישע לעבן דאָ אַזוי גרוי...

— איך וועל אייך לאַנג שוין נישט מאַטערן, פריינט שעפנער, אָבער איר מוזט מיר נאָך ענטפערן אויף צוויי פראַגעס: איך ווייס נישט אויב איר זענט געווען אַן ענג־האַרציקער פּאַרטיי־מענטש, אָבער אַז איר זענט געווען אַן אויפריכטיקער פּאַרטיי־מענטש — אין דעם בין

איך זיכער. עס איז מיר דערפאַר אינטערעסאַנט צו הערן פון אייך אַ מיינונג וועגן פּאַרטייען דאָרט אין פּוילן און דאָ אין אַמעריקע, זייער איינפלוס — און וואו ליגט דער אונטערשייד?

— אין אַמעריקע, מיין ליבער פריינט, זיינען נישטאָ קיין פּאַר־טייען, עס זיינען פאַראַן סימפּאַטיקער... מ׳סימפּאַטיזירט מיטן ציוניזם, מיטן סאָציאַליזם, מיטן בונדיזם — און אַזוי כסדר... עס איז געמאַכטע פּאַרטייען: די ציוניסטן זיינען קיין ציוניסטן ניט; די סאָציאַליסטן זיינען קיין סאָציאַליסטן ניט, און די בונדיסטן זיינען קיין בונדיסטן ניט... אין פּוילן האָט מען זיך געשלאָגן פאַר די נשמות פון די אידן — דאָ שלאָגט מען זיך פאַרן דאָלער! גיב מיר 10 סענט, נאָ דיר 10 סענט — און לאָמיר זיין טאָלעראַנט!

— גאָלדענע ווערטער!

— אַ ציוניסט אין פּוילן האָט געוואָלט פאַרן קיין ארץ־ישראל; אַ בונדיסט אין פּוילן האָט קיין צייט ניט געהאַט און האָט שוין געוואָלט ברענגען דעם סאָציאַליזם און די געגאַרטע פרייהייט פאַר דער מענטש־הייט, און די פרומע אידן ווידער האָבן געוואָלט וואָס שנעלער אַראָפּ־ברענגען משיחן! דאָ אָבער באַנוגנט מען זיך, ווי שוין געזאָגט, מיט סימפּאַטיזירן . . .

— איצט קום איך, פריינט שעפנער, צו דער לעצטער פראַגע אויף מיין צעטל. ווי אַזוי קוקט איר אויף די פאַרשיידענע ליטעראַ־רישע קליקעס, וועלכע האָבן זיך דאָ פאַרמירט, און זייער אַרומטאַנצן אויף אַלע חתונות — היינט דאָ און מאָרגן דאָרט?

— דאָ, קאָלעגע ירדני, מוז איך אייך זאָגן, אַז איך שטים ניט איין מיט די וועלכע האַלטן, אַז אַ שרייבער דאַרף זיך האַלטן פון דער וויטן, אַז ער טאָר ניט געהערן צו קיינע פּאַרטייען און דאַרף ניט אָנטיילנעמען אין קיין געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס אָדער באַווע־גונגען. איך האַלט, אַז אַ שרייבער טאָר זיך ניט פאַרשטעקן אין אַן עלפאַנטביין־טורעם און פון דאָרט אַראָפּקוקן צום לעבן און צו דער וועלט. מיך שרעקן ניט אָפּ קיין פּאַרטייען אָדער געזעלשאַפטלעכ־קייטן, איך קען נאָר נישט פאַרטראָגן אויב דאָס ווערט אויסגענוצט פאַר פערזענלעכע צוועקן! אויב אַ גופא שרייבער, לאָמיר זאָגן, אָר־גאַניזירן זיך מיטן צוועק צו: מאַך דו מיר אַ באַנקעט און איך וועל דיר מאַכן אַ באַנקעט; היינט שרייב דו וועגן מיר און מאָרגן וועל

איך שרייבן וועגן דיר, איז דאָס, נאַטירלעך, אי ניט שיין און אי אויך שעדלעך פאַר דער אַרומיקער ליטעראַרישער סביבה. איך בין מיט דער מיינונג, אַז ניט אַלע אידישע שרייבער אין אַמעריקע זיינען שלעכט און דעמאָראַליזירט, און אויך, אַז ניט אַלע אידישע שרייבער אין אַמעריקע זיינען שוין אויסגעוועפּט. איך גלויב אַז ס'זיינען נאָך דאָ פאַראַן אייניקע אידישע שרייבער, וואָס קענען זיך נאָך באַגייסטערן!

— איך האַלט אויך אַזוי, פריינט שעפּנער, אַז אַ שרייבער טאָר זיך ניט פאַרשטעקן אין אַן עלפאַנטביין־טורעם, אָבער איין זאַך איז זיך צו פאַרשטעקן אין אַן עלפאַנטביין־טורעם, און אַ צווייטע זאַך, ווידער, איז — צו זיין אַ מילדער־מחותן אויף אַלע חתונות!... עס איז אויך אמת וואָס איר האָט געזאָגט, אַז ניט אַלע אידישע שרייבער אין אַמעריקע זיינען שלעכט און דעמאָראַליזירט, און אויך, אַז ניט אַלע אידישע שרייבער אין אַמעריקע זיינען שוין אויסגעוועפּט. איך גלויב אויך, אַז ס'זיינען נאָך דאָ פאַראַן אייניקע שרייבער, וואָס קענען זיך נאָך באַגייסטערן. אָבער — וואו זיינען זיי? פאַרוואָס לאָזן זיי זיך ניט הערן?!

— איך קען אייך, פריינט ירדני, איצט אין די אויגן אַריין ניט זאָגן מיין מיינונג וועגן אייך, ווייל איר זיינט געקומען מיך זען, אָבער איר געפעלט מיר!

— אַ דאַנק, פריינט שעפּנער, איר געפעלט מיר אויך — און דערפאַר בין איך געקומען צו אייך נאָך אַן אינטערוויו!

21טער מאַי, 1954.

א. אַלמי

צוויי גרויסע היסטאָרישע מאָמענטן אין דער אידישער געשיכטע האָבן אידן דורכגעלאָזט — ניין, נישט דורכגעלאָזט, נאָר גאַנץ פשוט פאַרפּוטשעטע און אויסגעביטן אויף „קליינגעלט״: די פרייהייט פון אַמעריקע, וואָס אידן האָבן נישט אויסגענוצט אויף אַ געהעריקן אופן, און די אַנטשטייאונג פון דער אידישער מלוכה...


א. אַלמי

איך ווייס, אַז עס וועלן זיך ביי אונז געפינען פאַרשוינען וואָס וועלן עס אָפּלייקענען, אָבער עס וועט זיי גאָרנישט העלפן. דער אמת איז שטאַרקער פון זיי, און די געשיכטע וועט זיי דערפאַר שמייסן מיט אייזערנע ריטער — אויב עס וועלן זיך ביי אונז ווען עס איז געפינען היסטאָריקער, וואָס וועלן שטיין מיטביידע פיס אויף דער ערד און וועלן נישט נעמען קיין „אָרדערס״, און וועלן נישט וועלן געפעלן דעם אָדער יענעם...

צוויי טויזנט יאָר וואַנדערט אַ פאָלק אַרום וואו נאָר די וועלט האָט אַן עק; גייט אָפּ אין ימים בלוט, ליידט, ווערט געשלאָגן, גערודפט, באַלעסטיקט און פּאַג־ראָמירט, באַרויבט און באַגזלט, געטראָטן מיט די פיס, געמאַכט צו שאַנד און שפּאָט, אויסגעלאַכט און פאַרשפּיגן, אַפילו אין די סאַמע פרייסטע מדינות, און אונטער די סאַמע פרייסטע רעזשימען — אין אַלע צייטן, און אין אַלע דורות; הערט נישט אויף צו חלומען פונם

לאַנד פון וועלכן מ׳האָט אים פאַרטריבן און גיט ניט אויף די האָ־פענונג אויף צוריקקערן זיך; זעקס מיליאָן אידן ווערן פון די דייטשישע מערדער אומגעבראַכט דורך שיסן און גאַז־קאַמערן מיט איינמאָל; און אָט נאָך אַזאַ שוידערלעכן חורבן פּאַסירט אַ גרויסער נס: ער קריגט דאָס לאַנג־געגאַרטע, אויסגעחלומטע, אין טרערן אויסגעווייקטע און אויסגעבעבנקטע לאַנד ענדלעך צוריק — און וואָס זעען מיר?

אַנשטאָט אַ שטאַרק פּאַראייניקטן פאָלק, וואָס זאָל מיט פאַראיי־ניקטע כוחות וואָס שנעלער זיך נעמען אויפבויען דאָס לאַנד, ווערט די יונגע מלוכה צעפרעסן פון צעריסנקייט און צעפּיצלטקייט, פון פּאַרטייען און פּאַרטייעלעך, פון קאָרופּציע און ביוראָקראַטיזם...

אין אַן אינטערוויו מיט בן־גוריונען, וואָס איז ניט לאַנג צוריק געווען אָפּגעדרוקט פון דר. ראָזענבלום, אין דער צייטונג „ידיעות אַחרונות״, וואָס גייט אַרויס אין תל־אביב, האָט ער, בן־גוריון, אין איין אָרט געפרעגט: „גאָט מיינער, פאַרוואָס האָבן מיר זיך פאַרדינט אויף אַזאַ אומגעהויערע צאָל שווינדלער, גנבים, פאַרכאַפּערס פון מלוכהשע און געזעלשאַפטלעכע פאַרמעגנס? און וואו? אין אייגענעם פאָטערלאַנד...״

און מיט דער פרייהייט פון אַמעריקע איז געשען דאָס זעלביקע. עס זיינען געקומען קיין אַמעריקע גרויסע מאַסן אידישע אימיגראַנטן, וועלכע האָבן פאַרשטאַנען ווי אויסצונוצן די אַמעריקאַנער פרייהייט פאַר זייערע עקאָנאָמישע אינטערעסן, אָבער נישט פאַר זייערע קול־טורעלע אינטערעסן! שולדיק גאַר אַ סך אין דעם איז די אַסימילאַציע פון איין זייט און די פאַרשיידענע איזמס פון דער צווייטער זייט, וועלכע האָבן דאָ תחילת באַהערשט דעם אידישן עולם. סיי די אַסימילאַציע און סיי די פאַרשיידענע איזמס, האָבן דאָ פאַרשקלאַפט די מוחות פון די אידישע מאַסן — די ערשטע מיט איר ביליקן אַמע־ריקאַניזם, און די צווייטע מיט זייערע פאַרוואולגאַריזירטע אידעאַלן...

אין קיין שום לאַנד אויף דער וועלט ניט האָט די אידישע ליטעראַטור נישט געהאַט אַזעלכע גרויסע פרייהייטן און מעגלעכקייטן אויף זיך פאַנאַנדערצוואַקסן, פאַנאַנדערצובליען און שעפעריש פאַ־נאַנדערצונעמען אירע הענט, ווי אין אַמעריקע! אין קיין שום לאַנד אויף דער וועלט ניט זיינען אין קיין גרויסע שטעט נישט געווען קאָנצענטרירט אַזעלכע גרויסע אידישע מאַסן, הונדערטער טויזנטער

און מיליאָנען גאַנצע, ווי אין אַמעריקע! אין קיין שום לאַנד אויף דער וועלט ניט איז דער טיראַזש פון דער אידישער פּרעסע נישט געווען אַזוי גרויס, ווי אין אַמעריקע! אין קיין שום לאַנד אויף דער וועלט ניט זיינען זיך נישט אָנגעפּאַרן און צונויפגעקומען אַזויפיל שעפערישע כוחות, ווי אין אַמעריקע!

אָבער אויף דעם אַלעמען דאָ איז פון תחילת אָן געלעגן אויסגע־גאָסן אַ ביטערע קללה, וואָס האָט ווי אַ קענסער אַלצדינג אויפגע־פרעסן....

דער אידישער שרייבער אין אַמעריקע איז (ווער פריער און ווער שפּעטער) אין זיין גרעסטער מערהייט געוואָרן אַ שרייפּעלע, וואָס האָט זיך פון אַ ליאַדן שרויפנציער געלאָזט דרייען אויף אַלע זייטן. ער האָט אָנגעהויבן מורא האָבן פאַר אַ רעדאַקטאָר; פאַר דעם אידישן „גדול" און פאַר יענעם אידישן „גדול"; פאַר דער אידישער באַוועגונג און פאַר יענער אידישער באַוועגונג; פאַר דעם אידישן אָרדן און פאַר יענעם אידישן אָרדן; אַזוי ווייט און אַזוי ברייט, ביז ער האָט מורא געקראָגן פאַר זיין אייגענעם שאָטן. אָנשטאָט צו שרייבן אויפריכטיק, אמתדיק, מאָנענדיק, וועקנדיק, מיט באַק־ציינער, האָט ער אָנגעהויבן צו בעקען און צו מעקען. און אַז מע בעקעט און מע מעקעט, באַקומט זיך אַ שוואַכער אָפּקלאַנג...

דער לייענער האָט זיך גענומען אָפּקערן, אַנטלויפן, ווייל אויף בעקען און מעקען דאַרף ער ניט האָבן דעם שרייבער, דאָס קען ער אַליין אויך. דער לייענער דאַרף האָבן דעם שרייבער, אַז ער זאָל פאַר אים באַלויכטן זאַכן און געשעענישן, לערנען, אָנווייזן, אַנאַליזירן, קריטיקירן. אָבער אַז דער לייענער זעט און פילט ווי דער שרייבער דרייט זיך אויפן קאָרעק, רעדט מיט אַ האַלבן צונג, טאָ — ווהאָט דהי דיקענס? גלאַט קייען קליאַטשע, האָט קיין זין ניט...

דאָך, ניט געקוקט אָט אויף דעם־אָ טרויעריקן צושטאַנד דאָ, זיי־נען פונדעסטוועגן נאָך פאַראַן אַ צאָל אידישע שרייבער אין אַמעריקע, וואָס האָבן זיך בשום אופן נישט געלאָזן „איינברעכן". דער וועג פון אָט די שרייבער, איז, פאַרשטייט זיך, אַ שווערער ביז גאָר, פול מיט האַרבקייטן און דערנער, אָבער אַז מ'וויל בלייבן ביים אייגענעם פּנים, וואָרט, געוויסן, מיינונג און געדאַנק, איז נישטאָ קיין אַנדער אויס־וועג. דאָס איז דער גורל פונם אמתן קינסטלער — קיין אַנדער וועג

איז נישטאָ! אַ קינסטלער וואָס גייט איין אויף קאָמפּראָמיסן, איז ניט בלויז אַ פאַררעטער צו זיין קונסט, נאָר ער געזעגנט זיך אויך אָפּ מיט דער קונסט...

ליטעראַטור איז פאַר זיך אַליין אַן אידעאַל און דאַרף נישט אַנ־קומען צו קיין שום פּאַרטיי אָדער באַוועגונג נאָך אַן „הלוואה״! דאָס זעלביקע איז, פאַרשטייט זיך, אויך מיט מוזיק, מאַלעריי, סקולפּטור און אַנדערע קונסטן אויף דער וועלט. אויב אַ קונסט קען ניט שטיין אויף אירע אייגענע פיס, איז עס קיין קונסט ניט! און דער קינסטלער וואָס לאָזט זיך אַרויס איבער אַלע גאַסן און מאַרקן אויסבאָרגן אַן אידעאַל ביי דער צי ביי יענער פּאַרטיי, איז נישט בלויז אַ שוואַכער קינסטלער, נאָר ער ווייסט בכלל ניט ווער עס האָט אים געשלייערט. אַזאַ איינער זאָל בעסער גיין גראָבן קוילן, שיילן קאַרטאָפליעס, שאַרן שניי, האַקן האָלץ, טראָגן וואַסער, זיין אַ שמש אין באָד, נייען הויזן, קליידלעך, רעקלעך — זאָל ער אַלצדינג טאָן, אָבער ער טאָר זיך, למען השם, נישט פאַרנעמען מיט קיין קונסט...

ווי שוין געזאָגט, זיינען נאָך פאַראַן אַ צאָל אידישע שרייבער אין אַמעריקע, וועלכע האָבן „אויסגעהאַלטן אידישקייט״ און האָבן זיך בשום אופן נישט געלאָזן איינשפּאַנען אינם וואָגן פון דער אָדער יענער פּאַרטיי צי באַוועגונג. צו דער דאָזיקער קליינער צאָל אידי־שע שרייבער געהערט דער באַוואוסטער אידישער דיכטער, עסייאיסט, פעליעטאָניסט און קריטיקער א. אַלמי, וואָס פאַרנעמט אַ חשובן אָרט אין דער אַמעריקאַנער אידישער ליטעראַטור. ער איז געבענטשט מיט אַ שפּרודלדיקער פּען און אַ פּליסיקן לייכטן סטיל, וואָס זייער ווינציק אידישע שרייבער אין אַמעריקע פאַרמאָגן. עס איז זייער גרינג צו שרייבן שווער, אָבער אומגעהייער שווער צו שרייבן — גרינג. דאָס איז אַ מתנת־אלוקים!

א. אַלמי האָט אויך זיין אייגענעם אופן פון טראַכטן, דענקען און פילן. ער לאָזט זיך ניט מיטשלעפּן פונם שטראָם, פון געוויסע שטי־מונגען וואָס באַהערשן די היגע אידישע ליטעראַרישע גאַס, פון די פאַרשיידענערליי מאָדעס, קאַפּריזן, ניט־פאַרגינערישקייט, ענג־האַר־ציקייט און קלייזלדיקייט. ער האָט קיין מורא ניט אַרויסצוקומען מיט אַ פאַרקערטער מיינונג, אייגענער אָפּשאַצונג פון דעם און פון יע־

נעם אידישן שרייבער, ליטעראַרישן ווערק, דענקער, פילאָזאָף, פּאָלי־טיקער, קולטור־טוער און געזעלשאַפטלעכער פירער.

אַלמי פאַרמאָגט אַלע גוטיקע שרייבערישע אַטריבוטן, וואָס אַ שרייבער דאַרף האָבן. ער שרייבט פשוט און צום פּונקט. אין לויטערע זאַצן, און אין אַ גלאַטער אידישער שפּראַך, קען ער איבערגעבן דעם שווערסטן פילאָזאָפישן געדאַנק אויפן סאַמע קלאָרסטן אופן. ער שרייבט מיט הומאָר, מיט אַ שמייכל, דירעקט און פּרעציז. ער פילט זיך היימיש אין דער פילאָזאָפישער ליטעראַטור, ווי אין דער ליטעראַטור בכלל. ער האָט אין וואַרשע אָנגעהויבן זייער יונג צו שרייבן לידער און ער האָט דערנאָך באַוויזן זיך אויסצוצייכענען מיט זיין פּען אויף פאַרשיידענע ליטעראַרישע געביטן.

דער „פאַרם־פוד" רעסטאָראַן, וואָס געפינט זיך אויף דער 49טער גאַס, צווישן בראָדוויי און זעקסטער עוועניו, אָדער ווי זי הייסט איצט „עוועניו אָוו דהי אַמעריקאס" (די עוועניו פון די אַמעריקעס), איז כמעט דאָס שטענדיקע פּלאַץ, וואו איר קענט, ניט אָפּגערעדטער־הייט, זיך אָנשלאָגן אויפן חשובן שריפטשטעלער, וועלכער קומט גאַנץ אָפט אַריין דאָרט עסן. מיר איז נישט באַקאַנט צי אַלמי איז אַ וועגעטאַריער, אָבער אינם דערמאָנטן רעסטאָראַן סערווירט מען ניט קיין פליישיקע מאכלים. און אַזוי ווי איך בין בטבע אַ גאָר קנאַפּער חסיד פון פלייש עסן, איז דער „פאַרם־פוד" רעסטאָראַן גאַנץ אָפט אויך מיין „מקום־מנוחה". איז ווען מ'באַגעגנט זיך — זעצט מען זיך אַוועק שמועסן. פאַרשטייט זיך, אַז דער שמועס דרייט זיך אַלעמאָל אַרום: ליטעראַטור, שרייבער, טעאַטער, מוזיק, וכדומה. דאָס מאָל אָבער האָב איך אַלמין געזאָגט:

— איר זאָלט וויסן זיין, אַז אונזער היינטיקער שמועס וועט פאַר־וואַנדלט ווערן אין אַן אָפיציעלן אינטערוויו פאַר מיין סעריע „איב־טערוויוס מיט אידישע שרייבער", וואָס איך האַלט אין פאַרעפנטלעכן אין דער „ביו־יאָרקער וואָכנבלאַט" און איך וועל דערנאָך דעם אָנגעזאַמלטן מאַטעריאַל אַרויסגעבן אין אַ בוך — זענט איר דערצו מסכים, קאָלעגע אַלמי?

— אַדרבא, פריינט ירדני!

— אויב אַזוי, לאָמיר גלייך צוגיין צום פסוק: ווי קוקט איר איצט אויף דער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע?

דער חשובער שריפטשטעלער האָט אַ ווײַלע אַ טראַכט געטאָן און ער האָט דערנאָך געענטפערט:

— אויב, חבר ירדני, מ׳זאָל אונטערציִען אַ סך־הכל פון דער אידישער ליטעראַטור דאָ במשך פון די לעצטע יאָרן, מוז מען קומען צום אויספיר, אַז דער קוק איז אַ פעסימיסטישער, ביי וועמען באַוואוסט־זיניק, ביי וועמען אַן אינטואיטיווער; עס פעלט דעם אידישן שרייבער אינספּיראַציע — די אינספּיראַציע, וואָס קומט פונם געפיל, אַז ער איז נייטיק, אַז עס וואַרטן גרויסע צאָלן אָפנעמער אויף זיינע שאַ־פונגען. דאָס איז יעדנפאַלס מיין אייגענער קוק. אפשר איז דאָ און דאָרט דאָ אַן אויסנאַם, אַן אָפטימיסט, וואָס קען מאַנעווּרירן צו גיין צווישן די טראָפּנס און זיך איינרעדן, אַז ס׳רעגנט ניט... איך זע ניט איין ווי מ׳קען זיין אַזוי בלינד און נישט זען די ירידה אַרום אונז, פונם אידישן טעאַטער, פון דער אידישער פרעסע, פונם אידישן בוך, פונם אידישן וואָרט. דער ערגסטער בלינדער איז דער, וואָס וויל ניט זען, אָבער — וואויל איז אים!

— און ווי דענקט איר, קאָלעגע אַלמי, האָט דער אַמעריקאַנער אידישער קיבוץ אַ צוקונפט בכלל?

אַ דין וואָלקנדל האָט זיך פאַרצויגן איבערן שריפטשטעלערס ליכטיקן פנים און גרויסן שטערן, וואָס האָט זיך דערנאָך געגומען אויס־לייטערן און צוזאַמען מיט דעם איז אויך געקומען דער קלאָרער אי־בערצייגנדיקער ענטפער אויף מיין קשיא.

— אַוודאי האָט דער אַמעריקאַנער אידישער קיבוץ אַ צוקונפט — ס׳וועלן זיין סינאַגאָגן, טעמפּלען, איינפלוס, געמיינזאַמע סאָציאַלע אינטערעסן (דער עיקר צוליב דעם דרויסנדיקן אָפּשטויס) — אָבער אָן אַ געמיינזאַמער אידישער שפּראַך, וואָס דאָס מיינט, אָין אַ ברייטערן זין, אַ געמיינזאַמע אידישע קולטור. דאָס וועלן ניט זיין מיינע און נישט אייערע אידן. געמיינזאַמע שפּראַך איז דער צעמענט, וואָס בינדט צונויף איד מיט איד, שאַפט די נאַציאָנאַלע אייגנאַרט. אָן אָט־דעם שפּראַך־צעמענט וועלן מיר דאָ נאָך אַ „קירך“ צווישן אַ סך אַנדערע, די עפיסקאָפּאַלער, קוויקערס, אוניטאַריער און די אַנדערע... וויסן מיר דאָך אַלע וואָס פאַר אַ פנים עס האָבן באַקומען די אידן אין פראַנקרייך, דייטשלאַנד, איטאַליע, נאָכדעם ווי זיי האָבן פאַרלאָרן זייער אידישע שפּראַך.

אויף ווי ווייט מיר איז באַקאַנט, האָט קיינער נאָך פון די שרייבער און אידישע פירער אין אַמעריקע אַזוי ריכטיק ניט פאָרמולירט די צוקונפט פונם אַמעריקאַנער אידישן קיבוץ, ווי אַלמי!

איך קען דאָס אַמעריקאַנער אידישע לעבן פון אינעווייניק און פון דרויסן; פון לאַנגע יאָרן אַרומרייזן אין דער לענג און דער ברייט איבער אַמעריקע, און פון קומען אין נאָענטן קאָנטאַקט מיט אַלערליי שיכטן אידן, ווייס איך אויף זיכער, אַז עס גייט דערצו, און, וואָס פאַר אַ פּנים די אידישע „קירך״ וועט דאַ האָבן, — אַזאַ יאָר אויף די נוסח־אַמעריקאַניסטן!

— און וואָס זאָגט איר עפּעס, פריינט אַלמי, צו דעם עסקעפּיזם, וואָס גייט איצט אָן אין דער אידישער ליטעראַטור פון אַמעריקע?

— אין אַ ברייטערן זין, מיין ליבער ירדני, איז יעדע שאַפונג, יעדע טואונג — עסקעפּיזם. מיר אַנטלויפן פון דער באַלדיקער רעאַליטעט, איבערהויפּט דער שעפערישער מענטש. וואָס אומזיכערער און טראַגישער די רעאַליטעט איז, אַלץ גרעסער דער עסקעפּיזם. איז פרץ דען ניט געווען אַן עסקעפּיסט? ער איז אַנטלאָפן פון דער טרויעריקער אידישער רעאַליטעט אין דער פאָלקסטימלעכער מעשה אַריין; פונם פדיונות־חסידיזם צו אַן אויסגעחלומטן חסידיזם, צו אַ פילאָסאָפיש חסידות; שלום עליכם איז אויף זיין שטייגער אַנטלאָפן פונם קלאָגנדיקן אידישן לעבן אין געלעכטער אַריין; שלום אַש האָט אין קאָנטראַסט צום רעאַלן שטעטל אויסגעחלומט אַן אייגן שטעטל. אַוודאי איז עסקעפּיזם בפירוש נויטיק איצט, בעת דער מוראדיקער ירידה פון אידישן לעבן אין אַמעריקע (דער עיקר וואָס ס'איז שייך אידישער קולטור). אָבער „עסקעפּיזם״, וואָס איז ביי געוויסע אידישע פובליציסטן געוואָרן אַ זידל־וואָרט, קען סוף־כל־סוף פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ ברכה. אפשר איז ב. ריווקין טאַקע גערעכט געווען, אַז דער וואָרט־קינסטלער דאַרף ניט שילדערן דאָס לעבן ווי עס איז, נאָר ווי עס וואָלט געדאַרפט זיין, פאַרשענערן, הייסט עס, און דער־מיט געבן דעם פאָלק אַ חלום־בילד פון דעם, וואָס עס דאַרף טראַנס־פאָרמירן אין אַ רעאַליטעט...

עס טוט מיר לייד, אָבער איך מוז דאָ זאָגן, אַז איך שטים נישט אין מיט אַזאַ צוגאַנג. די אויפגאַבע פון אַ וואָרט־קינסטלער קען ניט זיין עפּעס אַנדערש, ווי דורכאויס צו שילדערן דאָס לעבן ווי עס

איז; ניט עסקעפּיזם, נאָר קוקן דעם אמת גלייך אין די אויגן אַריין. עסקעפּיזם מיינט אין פּשוטע ווערטער: פּחדנות! און ווי איז צו אַ ליטעראַטור, וועמעס קינסטלער אַנטלױפן פון רעאַלן לעבן ערגעץ אין אויסגעחלומטע וועלטן און גיבן דעם פאָלק זאַכן, וואָס זיינען ניט־געשטויגן און ניט־געפלויגן! אונזער ליטעראַטור ליידט גאָר שטאַרק דערפון; דער באַלאַנס פון „חלום־בילדער" שטייגט ווייט אַריבער די רעאַליטעט, די אַלע טרויעריקע אמתן, וואָס עקזיסטירן אינם ווירקלעכן אידישן לעבן און ווערן אויסגעלאָזן...

— און איצט, פריינט אַלמי, אַ פּערזענלעכע פראַגע: וועלכע ביכער האָט איר ביז אהער אַרויסגעגעבן, און וואָס זיינען די צוויי הויפּט־מאָטיוון פון אייער שרייבן?

— איך האָב ביז אהער פאַרעפנטלעכט 25 ווערק — צווישן זיי: 5 בענד לידער; 1 באַנד דערציילונגען; 4 בענד פעליעטאָנען, הומאָר, און 1 באַנד זכרונות („מאָמענטן פון אַ לעבן", 1948; דער צווייטער באַנד — 40 יאָר אידיש לעבן אין אַמעריקע, געפינט זיך נאָך אין מאַנוסקריפּט). 15 בענד זיינען זאַמלונגען פון מיינע עסייען. קיין ראָמאַנען און דראַמען האָב איך קיינמאָל ניט געשריבן. די לעגענדע וועגן מיין „אַלזייטיקייט" איז דעריבער שטאַרק איבערטריבן... אַגב: פילזייטיקייט, אָדער אַלזייטיקייט, וואָס איז אין אַנדערע ליטעראַטורן אַ מעלה, איז ביי אונז פאַרשריגן געוואָרן ווי אַ חסרון, שיעור ניט אַ זינד... וואָס ס'איז שייך ערנסטע לידער און עסייען פון איין זייט און הומאָר פון דער אַנדערער — איז דערין ניט קיין ווידערשפּרוך. פילאָזאָפישער וועלט־באַנעם און הומאָר זיינען צוויי גלעזלעך פון די זעלביקע שפּאַקולן, מיט וועלכער מיר אָבסערווירן די וועלט. אין לעבן מישן זיך כסדר דאָס טראַגישע און דאָס קאָמישע, געוויין און געלעכטער.

אַלמי איז פולשטענדיק גערעכט מיט דעם, וואָס ער האָט דאָ געזאָגט, אַז „פילזייטיקייט, אָדער אַלזייטיקייט, וואָס איז אין אַנדערע ליטעראַטורן אַ מעלה, איז ביי אונז פאַרשריגן געוואָרן ווי אַ חסרון, שיעור ניט אַ זינד"! און וואָס איז מכוח סטיל? ביי אונז אויב איינער האָט אַ לייכטן סטיל און שרייבט קלאָר און פאַרשטענדלעך, צום פונקט, לאַגיש, אָן פאַרהוילעניש, קוקט מען אויף אים ווי ער וואָלט

גאָר קיין שרייבער ניט געווען! אָבער גיי טענה זיך אויס, אַז ביי אונז איז אַלץ פאַרקערט...

— ווי אַן עסייאיסט, קאָלעגע אַלמי, דאַרף איך לחלוטין ניט אָרן די „פּילזייטיקייט, אָדער אַלזייטיקייט" אין אייערע עסייען!

— געוויס, יעדער עסיאיסט, חבר ירדני, איז פּילזייטיק. אַן עסייאיסט, וואָס וואָלט כסדר זיך פאַרנומען מיט איין טעמע, אָדער צוויי־דריי טעמעס, וואָלט דערמיט דעמאָנסטרירט די באַשרענקטקייט פון דער ספערע, אין וועלכער ער באַוועגט זיך, ווי אַ דערציילער, וואָס וואָלט זיך כסדר צוריקגעקערט צו די אייגענע פּאָר סיטואַציעס און טיפּן — וואָלט עווענטועל זיך פאַרוואַנדלט אין אַ נודניק... אין מיינע עסייען־זאַמלונגען — אַרויסצוכאַפּן עטלעכע: „וועלט און מענטש", „מענטשן און אידייען", „קריטיק און פּאָלעמיק", „ליטעראַרישע נסיעות" — ווערן באַהאַנדלט קינסטלערישע, רעליגיעזע, פילאָסאָפישע און סאָציאַלע פּראָבלעמען. די צוויי הויפּט־מאָטיוון, וואָס ווערן אין זיי אַרויס־געבראַכט, זיינען: אַ פילאָסאָפיש־רעליגיעזער און אַ — פּעסימיס־טישער... אין פלוג קלינגט דאָס ווי אַ סתירה. אין אמתן זיינען זיי איינס. איך וועל דאָ פּרובירן אין עטלעכע ווערטער אויפקלערן דעם פּונקט, וואָס איך ברענג אַרויס באַריכותדיקער אין מיין קליין ביכל אין ענגליש „מאַי קרעדאָ" (מיין אני־מאמין), וואָס דער ספּינאָזאַ־אינסטיטוט האָט מיט עטלעכע יאָר צוריק אַרויסגעגעבן. דהיינו: דער באַשאַף מיט אַלץ, וואָס עקזיסטירט, האָט אַ פּלאַן, אַ תכלית, אַ צוועק. מיר קענען דאָס אָבער ניט וויסן. דער באַשרענקטער מענטשלעכער שכל קען דאָס בשום־אופן ניט תופס זיין. איז דערפאַר פאַר אונז נישטאָ קיין צוועק און קיין זין אין דער עקזיסטענץ.

— און וואָס איז מיט אייערע אַנדערע ווערק, וואו איר גיט זיך אָפּ מיט די אָריענטאַלישע רעליגיעס און פילאָסאָפיעס? וואָס האָט איך, קאָלעגע אַלמי, געפירט דערצו?

— די גריבלעניש אין דער מיסטעריע פון דער וועלט, קאָלע־גע ירדני, האָט מיך נאָך אין דער פריער יוגנט געצויגן צום אָריענט, דער עיקר צו אינדיע. און איך בין שטאָלץ דערויף, וואָס איך האָב דער ערשטער אַריינגעבראַכט אין דער אידישער ליטעראַטור די אָריענטאַלישע רעליגיעס און פילאָסאָפיעס, דער עיקר דורך אַזעלכע ווערק ווי „די רייד פון בודאַ", „אויפן וועג פון די געטער", און „די

כינעזישע פילאָסאָפיע״. דער אָריענטאַליזם איז ביי מיר ניט בלויז אַן אוממיטלבאַרע ליבשאַפט, נאָר אויך אַ באַוואוסטזיניק פּראָגראַם, וואָס איך האָב אַרויסגעבראַכט אין מיין ענגלישער בראָשור „פּאַן־אָריענטאַ־ליזם״, וואָס איז דערשינען אין 1936, וואו איך רוף אונזער פאָלק זיך צו אָריענטירן אויפן אָריענט, אַנשטאָט אויפן אָקצידענט, אויפן מערב.

— איצט זאָגט מיר, פריינט אַלמי, וואָס איז אייער מיינונג וועגן די פאַרשיידענע ליטעראַרישע קליקעס, וועלכע האָבן זיך אַנגעוואַקסן אין דער היגער אידישער ליטעראַרישער גאַס?

— גרופּעס, קלייזלעך, מיין טייערער ירדני, זיינען בעצם אַ גע־זונטע זאַך, אויב די אַנגעהעריקע זיינען באַזעלט פון געמיינשאַפטלעכע שעפערישע אידייען. די מיינסטע מענטשן האָבן ליב צו דאַוונען בציבור, בעת אַנדערע, ווי וויניקע, געפינען זיך און גאָט — ביחידות. אויב אָבער אַ גרופּע, אַ ליטעראַרישע, צי אַ פּאָליטישע, פּראָקלאַמירט איר געמיינזאַמע אידייע ווי די איינציק־אמתע און באַקעמפט מיט אַלע מיטלען אַנדערע, וואָס דענקען, שרייבן אַנדערש, ווערט זי גע־פערלעך ווי יעדע סעקטע, אָדער פּאָליטישע קליקע. אַ גרופּע, וואָס האָט בכלל קיין שותפותדיקע אידייע ניט און האַלט זיך צוזאַמען בלויז צוליב מאַכט־לוסט, צו שטופּן איינער דעם אַנדערן, צו פאַרכאַפּן אַלע פּאָזיציעס און ניט צוצולאָזן קיין אַנדערע — אַזאַ גרופּע, אויב איר געלינגט טאַקע אויסצופירן דאָס איריקע, ווערט אַן אומגליק פאַר דער ליטעראַטור. מ׳מוז אָבער דערביי מוסיף זיין, אַז אַזעלכע גרופּעס, ליטעראַרישע, ווי פּאָליטישע, האַלטן זיך ניט אַזוי אויף זייער אייגע־נעם אַגרעסיוון כוח, ווי אויף דער פּאַסיוקייט פון אַלע אַנדערע...

— זייער ריכטיק, קאָלעגע אַלמי! אָבער וואָס דענקט איר קען געטאָן ווערן קעגן דער דאָזיקער פּאַסיווקייט? וועלכע מיטלען קענען דערצו אָנגעווענדט ווערן?

די פראַגע איז געבליבן הענגען ניט פאַרענטפערט.

5טער מאַי, 1954.

ש. טענענבוים

דאָס אָרט וואו איך שרייב די דאָזיקע שורות פאַסט זיך זייער פאַרן העלד פון מיין היינטיקן אינטערוויו, וואָס האָט שטאַרק ליב די נאַטור, שיינע לאַנדשאַפטן און דעם גאַנצן קאָסמאָס. די דאָזיקע ליבע גייט ווי אַ רויטער שנור דורך אַלע זיינע צען בענדער שריפטן מיט

ש. טענענבוים

דערציילונגען, עסייען און רעפּאָרטאַזשן, וועלכע זיינען ביז איצט דערשינען. איך זיץ אַצינד אין דרויסן אויף דער פרייער לופט ביי אַ טישל אין מיטן פון אַ גראָמאַדנעם גרינעם הויף, ווי מיט גרינעם פּליוש באַדעקט, אויסגעצאָליעט פון אַ געניטן גערטנערס האַנט און אויג, וואָס איז אַרומגעהימלט פון אַ טיפן בלוי, אָנגעקוואָלן אויף אַ צעהעלטן גאָלדענעם האַרבסטיקן אָקטאָבער־טאָג, וואָס בלויז דער אַמעריקאַנער אינדיאַנער־זומער איז ביכולת צוצושטעלן אַזוינעם, אַרומגערונדיקט מיט פאַסן וואַלד פון דעמבאָווע, בערעזאָווע, יאַסנאָווע, ליפּאָווע, סאָסנאָווע, סמאָלאָווע און קאַשטאַנאָווע ביימער, וועלכע דערמאָנען מיר אַזוי שטאַרק אין מיין געבורט־שטעטל סלאָווושניע, ערגעץ אין וואָלין, אין דער רייכער אוקראַינע.

אייניקע ביימער זיינען נאָך געדיכט באַבלעטערט מיט הויטן פון פאַרשיידענע קאָלירן: ווי רויטער ווייַן, גרינע אַגרעסן, רויטע ווייַנפערלעך, העל־גרינע און געל־כראָמע אַרבוזן, זוניקער קוקורוזע, רויטע

בוריקעס, געלע סקוואַשעס און קירבעסלעך, גאָלדענע מאַראַנצן, ציגל־רויטער זשאַוועד, טונקל־ברוינע באַרן, רויטע און גרינע עפּל, פלאַמיק־געלע מעלאָנען, קופּערנע טאַצן, מעשענע סאַמאָוואַרן — אַט די אַלע קאָלירן פלאַקערן און מיניען זיך קאָנטראַסטיש, און דאָך האַרמאָניש, אין די שטאַרק שימערירנדיקע שטראַלן פון דער פלייצנדיקער בריליאַנטענער זון וואָס שטראָמען מבולדיק פון אַלע זייטן צו דער ערד אַראָפּ.

אַנדערע ביימער, ווידער, שטייען שוין האַלב נאַקעטע, אָן בלעטער, ווי איינגעקוטעטע מיט אַ דינעם טול פון שעמעוודיקייט, ווי זיי וואָלטן מיט דעם געוואָלט צודעקן זייער צעכראַסטעטקייט און וועמעס הוילע צווייגן קוקן אויס אין דער לויטערער לופט, ווי איבערגעשראָקענע גענז מיט לאַנגע אויסגעשטרעקטע אָפּגעפליקטע העלזער און עס טראָגט זיך פון זיי אַ שטילער אומעט...

איך געפין זיך דאָ צו גאַסט ביי מיינעם אַ נאָענטן פריינט, וואָס האָט זיך ניט לאַנג צוריק איינגעהאַנדלט אַ פּרעכטיקע ווילע אין ראַי, וועסטשעסטער קאַונטי, איינער פון די שענסטע ווינקלען אינם שטאַט ניו־יאָרק, וואו עס וואוינען אַ חוץ רייכע מענטשן, צווישן זיי מיליאָנערן און מולטי־מיליאָנערן, אויך פאַרשיידענע באַרימטע קינסטלער, שרייבער, מוזיקער, פילם־און בינע־שטערן, דראַמאַטורגן, רעזשיסאָרן, פּראָדוסערס, און האַלט אין צוגרייטן אַן אַרבעט וועגן מיין נאָענטן קאָלעגע און חבר ש. טענענבוים.

מיט אַ וואָך צוריק האָבן מירביידע, נאָך לאַנגע שעהן אַרומשפּאַצירן איבער די גאַסן פון גריניטש ווילעדזש, פאַרבראַכט אין אַ קאַפע, ביז שפּעט אין אָוונט, וואו מיר האָבן געכאַפּט אַ ביים, געטרונקען גוטן אימפּאָרטירטן פראַנצויזישן באָרדאָ־ווייַן און געשמועסט. דערנאָך בין איך מיט טענענבוימען געפאָרן צו אים אַהיים, אין סאָניסייד, לאָנג איילאַנד, וואו איך האָב מיט אים געהאַט דעם אינטערוויו, וואָס איך האַלט דאָ איצט אין איבערשרייבן און פאַרטיק מאַכן צום דרוק פאַרן „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט".

טענענבוים האָט שטאַרק ליב דעם ווילעדזש. ער האַלט אַז דאָס איז דער איינציקער ווינקל אין דער ריזיקער ניו־יאָרק, וואו אַ קינסטלער דערפילט זיך היימיש און שפּירט די לופט פון אַ קינסטלער־קוואַרטאַל, וואָס דערמאָנט אין די קינסטלער־קוואַרטאַלן פון פאַריז און פון נאָך אַנדערע גרויסע אייראָפּעאישע שטעט. טענענבוים איז אַ

געבאָרענער באָהעם, וואָס איז איצט שטאַרק נישט אין דער מאָדע אויף דער אַמעריקאַנער אידישער ליטעראַרישער גאַס, וואו די מייסטע אידישע שרייבער זיינען שוין אַלט, אָפּגעלעבט און אָפּגעריבן, קאַלט, אייזיק און פאַרפרוירן; אַ טייל שפּילן די ראָלע פון פרומע, פון בעלי־תשובהניקעס, פון צדיקים אין פּעלצן, פון גאָטס סטראַפּטשעס, וואָס הויבט זיך נישט אָן און לאָזט זיך נישט אויס... ער, טענענבוים, כאָטש ער איז שוין אַריבער די פערציקער, פילט זיך נאָך יונג, ראָמאַנטיש, איז נאָך פול מיט לעבן, מיט באַגערן, מיט נייגעריקייט, מיט אַ שטאַרקן הונגער נאָך מענטשן, ליטעראַטור, מאַלעריי, מוזיק, שיינקייט, וכדומה.

כ׳האָב דאָ פריער געזאָגט, אַז טענענבוים איז אַ געבאָרענער באָהעם. מ׳דאַרף אָבער צוגעבן, אַז עס זיינען פאַראַן פאַרשיידענע „באָהעמער" און „באָהעמיעס". פאַראַן אַ באָהעמיע, וואָס איז פאַרבונדן מיט הפקרות, מיט שיכרות, אויסגעלאַסנקייט, מיט פרעסן און זויפן, מיט שפּילן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַריין אין קאָרטן, מיט רעדן גראָבע רייד, מיט ציניזם, אָפּגעלאָזנקייט, ברודיקייט, מיט אויסלאַכן אַלץ און אַלעמען, מיט פייפן אויף דער וועלט, מיט טרעטן מיט די פיס הייליקייטן, טראַדיציע, שיינקייטן, באַריידן, דערציילן אויף אַ לייכטזיניקן אופן געשיכטעס פון דערפאַלגן מיט פרויען, פון ווילדע הוליאַנקעס, אָרגיעס — ניין, די סאָרט באָהעמיע איז טענענבוימען אַבסאָלוט פרעמד! טענענבוימס באָהעמיע איז אַ דערהויבענע, אַ יום־טובדיקע, אַ ראָמאַנטישע, אַ ריטערלעכע, אַ פּאָעטישע, אַ דורכאויס עסטעטישע...

טענענבוים פילט זיך פונקט אַזוי היימיש אין פרעמדע ליטעראַטורן און קולטורן, ווי אין דער אייגענער אידישער ליטעראַטור און קולטור. ביי אים רעדן זיך דורך די נביאים, דער רמב״ם — מיט סאָקראַטעס, פּלאַטאָ, שפּינאָזאַ, רוסאָ, וואָלטער, שעקספּיר, באַלזאַק, דאַנטע און ראַבינדראַנאַט טאַגאָר; יהודה הלוי, איבן־גבירול, מענדעלע, שלום עליכם, פּרץ — מיט דיקענס, האַרדי, שעלי, מאַרק טווין, קיעטס און יעיטס; אברהם רייזען, לייב ניידוס, האַימאָוויטש, משה־לייב האַלפּערן, מאַני לייב, משה נאַדיר — מיט היינע, וואָלט וויטמאַן, אָסקאַר ווײַלד, סטעפאַן צווייג, באָדלער, פּיטער אַלטענבערג, עדגאַר עלאַן פּאָו און הענרי דייוויד טאָראָ, וועלכע באַגעגענען זיך אויף די קרייץ־וועגן פונם לעבן, פון דער מענטשלעכער געשיכטע און ער פאַרבינדט זיי

אינם גאַנג פון זיין שרייבן, וואָס דריקט זיך ביי אים אויס אין פאַר־שיידענע שטימונגען און פאָרמען.

פון טענענבוימס שריפטן קען מען אויך זען, אַז ער גייט נישט מיטן שטראָם; אַז ער איז נישט קיין פּרעדיקער פון צוויי מאָראַלן — איינע פאַר זיך און אַ צווייטע פאַר יענעם; אַז ער איז נישט קיין דעמאַגאָג און קיין אויסנוצער; אַז ער איז נישט פון דעם סאָרט אי־דישע שרייבער אין אַמעריקע, וועלכע ווערן פאַרכאַפּט היינט פון דעם און מאָרגן פון יענעם מאַסן־פּסיכאָז; אַז ער האָט זיין פּען נישט פאַר־קויפט ווי די מייסטע אידישע שרייבער אין אַמעריקע, וועלכע האָבן זיך פאַרדונגען אַלס באַצאָלטע פּובליסיטי־אַגענטן, רעקלאַמע־פויקערס, לויב־משרתים צו דער אָדער אַן אַנדערער באַוועגונג, פּאַרטיי, אָרדן, אינסטיטוציע, אָרגאַניזאַציע — ניין, זיין וועג איז אַן אַליינקער, אַ זעלבסטשטענדיקער, אַ ציל־באַוואוסטזיניקער, אַן עטישער, אַ מאָראַלי־שער. ער גייט זיין שווערן וועג אַנטקעגן מיט אַ שמייכל, מיט אַ זו־ניקער בענקשאַפט, מיט ליבשאַפט צו גאָט, צום מענטש און צו דער וועלט. האָפענונג און גלויבן פילן אָן אַלע זיינע שריפטן; רחמנות צום אָרעמאַן, צום ליידנדיקן, צום באַעוולטן, צום אונטערדריקטן, צום פאַרקנעכטן און פאַרשקלאַפטן; שנאה, שפּאָט און פאַראַכטונג צום אונטערדריקער, צום רויבער און בלוט־זויגער, צום דעמאַגאָג און ליג־נער, צום שווינדלער און פאַלש־צונגער...

ווען דר. א. מוקדוני וואָלט אין זיין פּובליציסטישן־אַרטיקל „דער מאַסקאַראַד״, וואָס איז געווען געדרוקט אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע״, פונם 27טן אויגוסט, 1954 (אין שייכות מיט אַ גרעסערער אַרבעט זיינער וואָס איז געווען געדרוקט אין דער „גאָלדענער קייט״ פון תל־אביב, וואו ער האָט פּרובירט געבן אַן אמתדיק בילד פון דער „גאַלאָפּירנדיקער אידישער אַסימילאַציע אין אַמעריקע און פון אירע כוהנים די ראַבאָיס״, וואָס האָט דאַ־הי אַרויסגערופן דעם צאָרן פון דר. ש. מאַרגאָשעסן, וועלכער איז אַרויס מיט טענות קעגן אים), אויס־גערעכנט אַ צעטל מיט אידישע שרייבער פון דער היגער „שרייבעריש־וועלטל״, וואָס האָבן „אינגאַנצן געביטן״ זייערע פּנימער „ווי אויף אַ מאַסקאַראַד״, וואָלט ער ש. טענענבוימען זיכער נישט אַריינגענומען.

אָט וואָס דער חשובער וועטעראַן טעאַטער־ און ליטעראַטור־קרי־טיקער און פּובליציסט שרייבט דאָרט צווישן אַנדערעס:

„טוט איר איצט אַ קוק אויף אונזער שרייבעריש־וועלטל ווערט איר ממש געפּלעפט — עס האָט אינגאַנצן געביטן זיין פּנים ווי אויף אַ מאַסקאַראַד.

„דאָ שטייט אַ שרייבער אין טלית און תפילין און דאַוונט פרום.

„דאָ שטייט אַ נעכטיקער אידישיסט אויסגעפּוצט און איז אינגאַנצן גרייט מקבל־פּנים זיין אַ נייע אידישקייט אין ענגליש.

„און דאָ שטייט אַ ציוניסט (מיינענדיק דר. ש. מאַרגאָשעסן — מ. י.), און ניט סתם אַ ציוניסט, נאָר אַ ציוניסטישער באַאַמטער, וואָס טוט און פּליט פון אַמעריקע קיין ישראל און צוריק (אויף קהלס חשבון! — מ. י.), און לאָזט ניט פאַלן קיין שטויבעלע אויפן אַמעריקאַנער גלות, און אויף דער קומענדיקער נייער אידישקייט.

„און טאָמער טוט איינער און צווייפלט אין דאָס אָנקומען פון אַ נייער אידישקייט אין אַמעריקע; ער זעט גאָר ווי אַ פינצטערע אַסימי־לאַציע רוקט זיך אויף אונז, זיינען אַלע גרייט צו דורס זיין אים.

„אָט זאָגט לייבוש לערער אַליין און מיט אים בצלאל שערמאַן, אַז זיי הערן און זעען ווי אַ נייע אידישקייט אין ענגליש קומט אָן.

„די איצטיקע אידישקייט, די וועלטלעכע אידישקייט גייט טאַקע אַוועק לעולמה, דאָס לייקענען זיי ניט (און אַז זיי וועלן לייקענען וועט זיי דען העלפן? — מ. י.), אָבער מיר אין אַמעריקע וועלן זיך פאַרנעמען אויף גאָר נייע שליאַכן, אויף גאָר נייע וועגן.

„לייבוש לערער און בצלאל שערמאַן זיינען פון דער העלער הויט געוואָרן די אויטאָריטעטןביים ציוניסטישן שרייבער און טוער.

„יאָ, און דער ראַבאַי איז גוט און זיינע דרשות זיינען גוט.

„הכלל — איר דערקענט ניט אונזער שרייבעריש־וועלטל, איר זעט זיי ניט אויף זייערע אַלטע, שטאַרקע פּאָזיציעס.

„איר דערקענט זיי ניט ממש ווי אין אַ מאַסקאַראַד.

„אָבער ניט דר. מאַרגאָשעסעס לייכטזיניקער (מיין אונטערשטריי־כונג — מ. י.) און גאָר וויניק געוויסנהאַפטיקער (מיין אונטערשטרייכונג — מ. י.) פאָלעמיק איז דאָ דער עיקר.

„דער עיקר איז ממש די עפּידעמישע דעזערטירעריי (מיין אונ־טערשטרייכונג — מ. י.) פון דעם אידישן, אָדער אידישיסטישן (מיין אונ־טערשטרייכונג — מ. י.) פראָנט.

„מען ראַטעוועט זיך עפּעס ווי פון אַ זינקענדיקער שיף, אָדער ווי

פון אַ פייער, מען לויפט אין בית־המדרש ניט מיטנעמענדיק גאָט אין הארצן, מען מאַכט פשרות, אויפגעבנדיק די פּאָזיציעס פון אידיש אָן אַ קאַמף און אָן אַ געהעריקן ווידערשטאַנד.

„פּרובירט קעמפן!

„קאַמף אַליין איז עפּעס ווערט פאַר אונז.

זאָל אָפּגעשטעלט ווערן די משוגענע לויפעניש פון אידיש.

„דאָס איז נאַציאָנאַלער זעלבסטמאָרד!"

עד כאן — דר. מוקדוני.

— איז וואָס זאָגט איר, חבר טענענבוים, — האָב איך, קוקנדיק אויף די פאַרשיידענע מאַלערייען מיט וועלכע די ווענט פון טענענבוימס חדר וואו ער שרייבט, און אויך זיין שלאָף־חדר, זיינען פון דער ערד ביז צו דער סטעליע באַהאַנגען מיט בילדער און צייכענונגען, זיך אָנגערופן — מיר וועלן אָנהויבן אונזער אינטערוויו, ווייל עס ווערט שוין זייער שפּעט.

— גוט, חבר ירדני, אָבער וואָס זאָגט איר עפּעס צו סאָיערס פּאָרטרעט? עס געפעלט אייך?

— זייער איינדרוקספול!

— און וואָס איז מיט דייוויד בורלוקס טענצערין רוענדיק אויף דער סאָפע?

— חבר טענענבוים, — שלאָג איך אים איבער — מיר מוזן מאַכן היינט דעם אינטערוויו, ווייל איך קלייב זיך אַוועקצופאָרן אויף אַ פּאָר וואָכן.

— אָ־קעי, חבר ירדני, איך פאָלג אייך שוין. כ'וועל נאָר אָנגיסן פאַר אונז צו ביסלעך איטאַליענישן ווין און דערנאָך וועל איך זיך מיט אייך אַוועקזעצן און וועל פּרובירן ענטפערן אויף אַלע אייערע פראַגעס וואָס איר וועט מיר שטעלן.

— אייער מיינונג, חבר טענענבוים, — האָב איך אָנגעהויבן, נאָכדעם ווי מיין באַקאַנטער קאָלעגע האָט זיך אַוועקגעזעצט מיט אַ רויטן גלאָז וויין אין דער האַנט קעגן מיר אין אַן אַלט־מאָדישן הילצערנעם וויג־שטול — וועגן דער אידישער ליטעראַטור איז מיר גוט באַקאַנט. איך וויל אָבער הערן פון אייך, וואָס איר האָט צו זאָגן וועגן דעם מבול פון „פרומקייט", „נאָסטאַלגישקייט" און „רעליגיעזקייט", וואָס פאַרפלייצן דער אַמעריקאַנער אידישער ליטעראַטור און פּרעסע?

— די אידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע, חבר ירדני, איז נישט קיין „פרומע". אויך נישט קיין דורכאויס „באָסטאַלגישע". די אידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע איז נישט קיין „רעליגיעזע". ביי די אַלע אידישע דיכטער וואָס רופן צוריק צו רעליגיע, איז נישט פאַראַן דער מינדסטער עכט־רעליגיעזער טאָן, קיין טיף געפיל, קיין אמתע פרומ־קייט, קיין געבראָכנקייט פון געמיט פאַרן רבונו של עולם, קיין עמאָציע וואָס קומט פון די טיפענישן פון האַרצן און פון דער נשמה. אין אידישן אַמעריקע איז נישט געשאַפן געוואָרן קיין איינציק רעליגיעז בוך.

— וואָס דען?

— ס'איז אַ ליגן אַז עס זיינען דאָ פאַראַן רעליגיעזע דיכטער. אויף צו שאַפן פרומע ליטעראַטור פאָדערט זיך אמתדיקער גלויבן, קאָסמישער באַוואוסטזיין, די רעליגיעזע נאַאיוויטעט פון אַן עפּאָכע.

— צום ביישפּיל?

— די נביאים האָבן געשאַפן צו איין באַשטימטער צייט און זיי האָבן אויפגעהערט. פאַרוואָס? ווייל זייער אַרט־מעכטיקער גלויבן און גוואַל־דיקע גאָט־עקזאַלטאַציע האָט נישט מער געקענט איבערגעחזרט ווערן. בלויז איינמאָל האָט אין דער אידישער געשיכטע, ביי אויסערגעוויינ־לעכע היסטאָרישע באַדינגונגען, אויפגעשטראַלט און אויפגעפלאַמט די גוואַלדיקע דערשיינונג־נבואה. דאַנטע, למשל, איז געווען אַ דורכאויס רעליגיעזער פּאָעט. און פון זיין אייזערנער לאָגיק פונם רעליגיעזן וועלט־גלויבן האָט ער געשאַפן זיין אומשטערבלעכע „געטלעכע קאָמעדיע". זיין רעליגיעזער אַנשויאונג איז געווען גאַנץ, פון איין פלאַמיקן גאָס: אין אַסטראָנאָמיע, רעליגיע, פּאָליטיק, געזעלשאַפט, קונסט און מאָראַל. רעליגיעזע ווערק, מיין טייערער ירדני, טראָגן אין זיך די גרויסע נאַ־איוויטעט און די פייערלעכקייט פון אַ בית־המקדש.

— זייער אמתדיק!

— וואו איז פאַראַן אין דער איצטיקער אידישער ליטעראַטור־שאַפונג אין אַמעריקע רעליגיעזע, עכט־פרומע, געטלעך־נאַאיווע ווערק? ביי אונזערע אידישע שרייבער אין אַמעריקע איז רעליגיע אַ מיטל פאַר קאַריערע — אָבער נישט קיין פייער צום שאַפן. רעליגיע ביי אונז איז אַ מין פּסעדאָ־רעליגיע, איז פאַלשע תשובה און דאָס אומערלעכע שטראָפן אַנדערע און זוכן זינד ביי יענעם — נישט ביי זיך, וואו מ'זוכט די זינד צו פאַרבאָרגן און צו פאַרמאַסקירן.

— איך זע אַז איר קענט גוט אונזערע שרייבער!

— גייען די אידישע שרייבער אין שול אַריין? טראָגן זיי ציצית? עסן זיי נישט קיין טרפות? גיבן זיי צדקה? וואַשן זיי זייערע נשמות אינם פייער פון חרטה און זעלבסט־פייניקונג? גלויבן זיי אין גאָט? גייען זיי העלפן אין שפּיטעלער די אָרעמע און קראַנקע ווי וואַן גאָג האָט עס געטאָן? וואָס טוען זיי ממשותדיקס צו לינדערן מענטשלעכע ליידן? שאַפן זיי מיט זייער רעליגיע וויכטיקע רעליגיעזע ווערק? צי האָבן זיי גאָט אין האַרצן? דריקט עס אונטער זייערע ליידנשאַפטן נאָך דזשאַבס (איינעם און אַ צווייטן און אַ דריטן), כבוד, געלט, און אַמביציעס?

— וואָס־זשע איז דער רעזולטאַט פון דעם אַלעמען, קאָלעגע טענענבוים?

— דער רעזולטאַט איז, טייערער חבר ירדני, מיר האָבן נישט קיין איינציק וויכטיקן רעליגיעזן ווערק אויפן געביט פון דער אַזוי גערופענער רעליגיעזער ליטעראַטור. די פראַנצויזישע שריפטשטע־לער, ווי ווערלען, פּאָל קלאָדעל, מאָריאַק און זשיד האָבן יאָ געשאַפן גאַנצע, רעליגיעזע ווערק! וואָס דען? אונזערע אידישע שרייבער אין אַמעריקע טאַראַראַמעווען וועגן רעליגיע, אָבער זיי האָבן זי נישט אין זייערע נשמות. זיי רעדן וועגן רעליגיע אין די פּובליציסטישע אַרטיק־לען און שרייענדיקע זשורנאַליסטישע לידער — און דאָס איז אַלץ. אין זייערע לידער וואוינט נישט גאָט. זייערע מעשים ווייזן נישט קיין תשובה. אַלץ וואָס זיי טוען, איז: זיי נעמען אַרויס די צדיקים, די הייליקע פון דער אידישער געשיכטע און זיי שטעלן זיך הינטער זיי און פאַראַדירן מיט זיי אין זייערע ווערק.

— צום ביישפּיל, חבר טענענבוים?

— אָט איז, חבר ירדני, אַ רשימה פון הייליקע, אונטער וועלכע אידישע שרייבער אין אַמעריקע האָבן זיך געשטעלט: יעקב גלאַט־שטיין האָט זיך גענומען דעם בראַסלאַווער און אים אין מויל אַריינ־געגעבן נבול־פּהדיקע, וואולגאַרע רייד, ווי אַ שטייגער: „די ביימער שטעלן זיך מיט די זייטשע־מויכלס צו מיר"; „די בלומען לאָזן נעבעך אַרויס אַ פּינצטערע געסראָכע"; „כ'וועל דיר דערלאַנגען אַ פּראַסק, אויב דו וועסט היינט אויסקוועטשן אַ געדאַנק"; „לאָמיר כאַפּן אַ כראָפּ און אַ שנאָרך"; און נאָך אַזעלכע איידלקייטן. אהרן ניסנזאָן גייט נישט

מער און נישט וויניקער ווי „אין צדיקס טריט". ער שרייבט: „דאָס העכסטע גליק איז גוטס צו טאָן דעם מענטשן". די פראַגע איז: אויף וויפל איז ניסנזאָן מקיים דעם געבאָט? אויערבאַך גיט זיך נישט קיין ריר פון דאַנען אַהין אָן גאָט, עס גיסט זיך ממשביימל פון זיינע לידער און אַרטיקלען. שלום אַש איז רייך געוואָרן פון קריסטוסן, דעם אַרצי־אַנטיסעמיט פּאָולוס און די „יונגפרוי מרים". ה. לייוויק האָט אויסער דעם מהר"ל, פּאַראייגנט וואו נאָר אַ צדיק און אַ מאַרטירער: אַבעלאַר און העלואיז, יצחק און איוב, מאָריס ראָזנפעלד. און גלאַנץ־לעיעלעס האָט פאַר זיך געגומען שלמה מולכו. יוסף אָפּאַטאָשו — דעם קאָרקער רבין, רבי עקיבא און בר־כוכבא. ל. פיינבערג האָט זיך אויך פאַרשאַפט אַ צדיק, אמת, נישט זייער קיין פּאָפּולערן — רבי עזאי. ס'איז באמת קאָמיש ווי אַזוי ניכטערע, קאַלטע, סאָפּיסטישע און וואויל־יונגערישע דיכטער האָבן זיך גענומען צו די צדיקים, נישט באַזיצנדיק די געבראָכנקייט פון געמיט, די פשטות און די עקזאַלטאַציע, דאָס חדטה־געפיל און די מעשים בכל־יום, וואָס זיינען נויטיק אויף צו שרייבן טיף־עמאָציאָנעלע, רעליגיעזע פּאָעזיע.

— אייער אַנאַליז, חבר טענענבוים, איז אַ גאַר שאַרפער, אָבער אַזוי שטאַרק אמתדיק! קיין קניפּ אין בעקל אַריין דערפאַר וועלן מיר ביידע נישט קריגן. אָבער — ווען אַרט עס... איצט זאָגט מיר, וואָס איז אייער מיינונג וועגן די פאַרשיידענע ליטעראַרישע קליקעס, וואָס האָבן זיך אָנגעפּלאָדיעט אַרום דער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע?

— וועגן דעם, טייערער ירדני, האָב איך שוין אַ סך געשריבן אין מיינע פריערדיקע אַרבעטן, אין „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט", ווי אַ שטייגער: „דיקטאַטורן און קליקעס". אין די דאָזיקע שוין געדרוקטע אַרבעטן האָב איך געגוי אָנגעוויזן ווי אַזוי ליטעראַרישע קליקעס אין סאָוועט־רוסלאַנד האָבן איינע די אַנדערע פיזיש פאַרניכטעט און קולטורעל אויסגעראָטן. וואָלט אַמעריקע נישט געווען קיין דעמאָקראַ־טישע מדינה, וואָלט זיך דאָ אויך געגאָסן בלוט פון אידישע שרייבער. אין אַמעריקע האָט אידיש געקענט היפּש אויפלעבן און לעבן, ווען עס וואָלטן נישט געשען צוויי זאַכן: ווען דער איד אין אַמעריקע וואָלט נישט אַזוי שטאַרק מאַטעריאַליזירט געוואָרן; ווען ער וואָלט פאַרשטאַנען אַז מיטן אַראָפּוואַרפן דעם אידישן בגד געווינט ער נישט

דורכדעם קיין וועלטלעכע קולטור. עס איז בכלל נישטאָ קיין וועלט־לעכע קולטור. עס איז פאַראַן אַ נאַציאָנאַלע קולטור. יעדער מענטש לעבט מיט דער קולטור פון זיין פאָלק, וואָס גיסט זיך אַריין אינם אוניווערסאַלן ים פון וועלט־קולטור. פון איין זייט פילט דאָס אידישע פאָלק אין אַמעריקע נישט קיין שום באַדערפעניש פאַר דער אידישער קולטור. פון דער צווייטער זייט האָבן די היגע אידישע אינסטיטוציעס קיין אידישע קולטור נישט געזוכט צו פאַרשפרייטן. אידישע רעדאַק־טאָרן און פירער האָבן זיך באַצויגן סקעפּטיש צו אידיש. אַב. קאַהאַן האָט געהאַלטן אַז באַלד וועט מען דעם „פאָרווערטס" דרוקן אויף ענגליש. די ציוניסטישע באַוועגונג דאָ האָט נעגירט אידיש. אַזאַ שטאָט ווי ניו־יאָרק האָט זיך פאַרן לעצטן האַלבן יאָרהונדערט געגוויטיקט אין אַ אידישער פאָלקס־היים. דער אַרבעטער־רינג מיט זיינע צען מיליאָן דאָלער אין באַנק, איז שטאַרק „ביזי" מיט זיין „סעמעטערי־דעפּאַרט־מענט". אָבער וועגן אויפשטעלן אַ אידישע קולטור־הויז, האָט מען קיינמאָל נישט געטראַכט. דער אידישער נאַציאָנאַלער אַרבעטער־פאַרבאַנד איז פאַרנומען מיט קאַמפּעינס. און אַנדערע אידישע פאָלקס־אָרדנס האָבן אויך גאָרנישט געטאָן דערצו.

— וואָס וואָלט געווען, חבר טענענבוים, ווען אַזאַ אידישע קול־טור־הויז וואָלט שוין אויפגעשטעלט געוואָרן?

— דער אידישער אינטעליגענט, חבר ירדני, וואָלט נישט באַ־דאַרפט גיין אין „קאַווקאַז"־רעסטאָראַן, אָדער אין „בילטמאָר", צי אין „אויטאָמאַט". אַ ז. סעגאַלאָוויטש, ווען ער איז דאָ אַהער געקומען, וואָלט געהאַט וואו צו פאַרברענגען און זיינע לעצטע טעג נישט דאַרפן זיצן אויף די שטיינערנע טרעפּ פון דער „פאָרווערטס"־געביידע. טאָמער וואָלט זיך אַ אידישן פאָלקס־מענטש פאַרגלוסט צו באַגעגענען זיך פּנים אל פּנים מיט אַ אידישן שרייבער ביי אַ טישל מיט אַ טישטעך און ביים בילד פון מענדעלע, שלום עליכם, פּרץ, וואָלט ער געהאַט וואוהין אַריינצוקומען. ניו־יאָרק מיט אירע קנאַפּע דריי מיליאָן אידן טאָר נישט האָבן קיין קולטור־הויז, אַזאַ ווי מאָנטרעאַל און טאָראָנטאָ האָבן, מיט פיינע אידישע ביבליאָטעקן. אַפילו ווי אַמסטערדאַם האָט. ניו־יאָרק באַדאַרף נישט האָבן קיין צענטראַלע אידישע ביבליאָטעק, מיט אַ לייען־זאַל וואו מ׳זאָל געפינען די אידישע פּרעסע פון גאָר דער וועלט. ווען ניט דער קרייז „אהבת־אידיש", וואָס קאָלעגע יצחק ליבמאַן האָט

געשאַפן און קומט זיך צונויף עטלעכע מאָל אַ וואָך אין די רעדאַקציע־צימערן פון „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט", וואָלט אַ אידישער שריפטשטע־לער נישט געהאַט וואו זיך צו באַגעגענען מיט שרייבער און קינסטלער.

— אייך, חבר טענענבוים, דאַרף איך דאָך נישט דערציילן, אַז די מייסטע פון אונזערע היגע אידישע שרייבער זיינען שוין אַלט און אָפּגעלעבט און זיי דאַרפן שוין מער קיין זאַך ניט. דאָס זעלביקע איז אויך מיט די מייסטע פון אונזערע היגע אידישע קולטור־טוער, פאַר־שיידענע מנהיגים, ווי עס זיינען אויך די מייסטע מיטגלידער פון די פאַרשיידענע אידישע פאַלקס־אָרדנס און אויך די לייענער פון דער אידישער פרעסע. אָבער וואו זיינען ערגעץ די צענדליקער טויזנטער פרישע, ניי־אָריבערגעקומענע אידישע אימיגראַנטן?

— יאָ, קאָלעגע ירדני, איך ווייס עס גאַנץ גוט. אָבער וועגן די צענדליקער טויזנטער פרישע, ניי־אָריבערגעקומענע אי־דישע אימיגראַנטן, וואָס איר האָט דאָ דערמאָנט, איז די מעשה אַזאַ: זיי זיינען זיך צעלאָפן איבער גאַנץ אַמעריקע. דער „דזשאָינט", דער „האיאַס", די אַנדערע אידישע אימיגראַציע־ און פאַרזאָרג־אינסטיטו־ציעס האָבן גאַנץ גוט געזאָרגט פאַרן מאַטעריעלן צושטאַנד פונם אי־מיגראַנט. אָבער צו עפּענען פאַרן אימיגראַנט אידישע קולטור־קלובן איז קיינעם ביז איצט נישט איינגעפאַלן. האָבן מיר דאָ, מיט אַ ישוב פון פינף מיליאָן אידן, אויפגעבויט אידישע שולן ווי אין אַרגענטינע? האָבן מיר אַזאַ קולטור־הויז און אַ היים פאַרן אידישן מענטש ווי ס'האָבן עס געהאַט די אידישע שטעטלעך אין פוילן? אינם געוועזענעם באַרימטן קאַפע „ראָיאַל" אויף סעקאַנד עוועניו פרעסן איצט פאַרטאָ־ריקאַנער הויזן און העמדער. וואָס פאַר אַן אָרט אין היגן אידישן לעבן פאַרנעמט דער „איוואָ"? דאָס איז דער טרויעריקער סך־הכל פון אידיש אין אַמעריקע. קיין נייע יונגע שרייבער קומען נישט צו. טאָמער יאָוועט זיך אַ נייער פּנים, לאָזן אים די אַלטע נישט צו...

— און וואָס איז, חבר טענענבוים, אייער מיינונג, וועגן אידיש אין דער אַלגעמיינער וועלט, מחוץ אַמעריקע?

— אין דייטשלאַנד, עסטרייך און איטאַליע, חבר ירדני, דאָרטן וואו נאָכן מבול האָט דאָס איבערגעבליבענע שארית־הפליטה אַרויס־געשטעלט די האַנט און פאַראויסגעשיקט די ווייסע טויב, האָט אידיש אויף אַ ווײַלע ווידער געקראָגן אַ צונג. אַרום אַ פּופּציק פּעריאָדישע

זשורנאַלן, טעגלעכע צייטונגען אַפילו, כלערליי פּעריאָדישע שריפטן האָבן אָנגעהויבן צו דערשיינען. עס האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. אין איין שיינעם פרימאָרגן האָבן זיך אָנגעהויבן צו שליסן כמעט אַלע וואָכנבלעטער און זשורנאַלן. די רעדאַקטאָרן, די שרייבער, די לייענערס, אַלע זיינען אַוועקגעפאָרן קיין ארץ־ישראל. מ'האָט באַדאַרפט דערוואַרטן, אַז די געוועזענע רעדאַקטאָרן און מיטאַרבעטער פון וואַרשעווער, לעמבערגער, לאָדזשער און לובלינער צייטונגען, וועלכע האָבן שפּעטער פאַרטגעזעצט זייער אַרבעט אין מינכען, אין בערלין, אין רזים און אין ווין, וועלן אויך אין תל־אביב, ירושלים און חיפה קעמפן פאַר זייער רעכט אויף אויסצולעבן זיך אין „אידיש־קודש" (חבר ליבמאַנס אַ געלונגענער אויסדרוק!) און זיי וועלן ממשיך זיין זייער קולטורעלע אַרבעט אויף אידיש. דאָס איז, צום גרויסן באַדויערן, נישט געשען. די רעדאַקטאָרן און זייערע מיטאַרבעטער, ביים ערשטן צוזאַמענטרעף און צוזאַמענשטויס מיט דער אַזוי־גערופענער רעאַליטעט, האָבן פאַרלאָרן דעם מוט און זיי האָבן מער מיט זייער אומגליקלעכן אידיש נישט געוואָלט פאַרלירן די גונסט ביי דער העברעאישער נאַטשאַלסטווע . . .

— דענקט איר, חבר טענענבוים, אַז די ניי־אָריבערגעקומענע רעדאַקטאָרן און שרייבער וואָלטן ווירקלעך געקענט דאָרט עפּעס אויפטאָן פאַר אידיש בעת העברעאיש איז די אָפיציעלע שפּראַך פון לאַנד און די העברעער האָבן אין דעם אַזויפיל כוחות אַריינגעטאָן — ווען אין דער זעלביקער צייט זיינען די מייסטע אידישיסטן פון אַלע לענדער וואויל־יונגעריש געשטאַנען פון ווייטן און האָבן נישט אַריינגעטאָן קיין פינגער אין קאַלטער וואַסער דורך די אַלע יאָרן פאַר ארץ־ישראל ? !

— איך בין איבערצייגט, חבר ירדני, אַז יאָ! אָבער דאָס איז איצט נישט די פראַגע. דער פאַקט איז: אַז אויף זיין היסטאָרישן גאַנג דורך די אַלערליי בייזוויליקע פעלקער און אידן־שונאים האָט אידיש קיין ערגערן שונא אויף זיין היסטאָרישן וועג נישט באַגעגנט ווי אין ישראל.

— אדרבה, חבר טענענבוים, קענט איר מיר זאָגן, וואו זיינען די אַלע יאָרן געווען אַזעלכע געטרייע אידישיסטן ווי: י. אָפּאַטאָשו, ה. לייוויק, יעקב גלאַטשטיין און א. גלאַנץ־לעיעלעס, ביז זיי האָבן

זיך אַרויפגעכאַפּט אויף דער ציוניסטישער קאַרעטע און אויפן „בענד־וועגאָן" פון דער ניי־געבאָרענער אידישער מלוכה?! כ'וואָלט אייך געקענט ציטירן פון זייערע אייגענע ווערק וואו זיי זיינען געווען, אָבער נישט דאָ איז דער פּלאַץ דערפאַר.

— איר זייט אַבסאָלוט גערעכט, חבר ירדני, אָבער דאָס האָט גאָרנישט צו טאָן איינס מיטן אַנדערן. איר וועט מיר דערלויבן אי־בערצוחזרן אייערס אַ וואָרט: „דאָס האָבן די אָפיציעלע אידישיסטן, די פּאָליטיקאַנטן און אייביקע מיטלויפערס פאַרשפעטיקט דעם היס־טאָרישן אָמניבוס, אָבער נישט מיר, די פשוטע אידיש־ליבהאָבער!" נאָכדעם ווי דאָס געפייניקטע פאָלק האָט יאָרהונדערטער לאַנג געטראָגן אין זיינע פאַרקריצטע ציין זיין הייליקע תורה און זיין אידיש שאַפן; נאָכדעם ווי ס'האָט אַזוי העלדיש געקעמפט אויף דורכצושלאָגן זיך מיט זיין הייליקן אידיש־ווערק דורך אַלע היסטאָרישע שונאים — האָט דווקא אין ישראל, ביים אייגענעם פאָלק, זיך עס אָנגעהויבן אויסצולעשן, אָט דער דאָזיקער גוואַלדיקער און הערצאָישער פלאַם. די אַמעריקאַנער פּיאָנערן האָבן ליקווידירט די היגע אינדיאַנער און זייער פּרימיטיווע קולטור. די קאָנקוויסטאַדאָרס האָבן ברוטאַל ליקווי־דירט די אַצטעקן אין מעקסיקאָ, זייערע גאָלד־געדעקטע טעמפּלען און שטיינערנע, הידנישע געטער. די שפּאַניער און די פּאָרטוגעזער אונטערוועלט־זיגער, זיך יאָגנדיק אין אַ משוגענעם אַמאָק נאָך גאָלד, האָבן בלוטדורשטיקע אויסגעראָטעט פעלקער און לענדער, מיט זייערע קולטורן, פאָלקלאָרן און רעליגיעס.

— וואָס פאַר אַ שייכות האָט דאָס צו ישראל?

— ישראל האָט מכלומרשט אָן ברוטאַליטעט אונטערדריקט אי־דיש, פאַרבאָטן אידן צו רעדן אידיש אויף פאַרזאַמלונגען, אַרויסצו־געבן צייטונגען און צו שפּילן אידיש טעאַטער. בן־גוריון, זיך צו־הערנדיק צו דעם באַריכט פון אַ אידישער העלדין פון געטאָ־אויפ־שטאַנד, נאָכדעם ווי זי האָט זיך הערצאָיש געראַנגלט פאַר איר אייגן לעבן און פאַרן כבוד פון פאָלק, און ווען זי האָט דערציילט מיט טרערן און מיט אַנגסטן וועגן אירע דערפאַרונגען אין פוילישן וואַלד, וועגן דעם גוואַלדיקן קאַמף פון דער אומבאַוואָפנטער אידישער יוגנט אַנטקעגן דעם מערדערישן אָקופּאַנט — בן־גוריון דריקט זיך אויס אויף איר רעדע אין אידיש אַז זי רעדט אין אַ שפּראַך וואָס גרילצט אין די

אויערן... עס איז דער זעלביקער בן־גוריון וואָס ווייזט אַרויס אַזאַ טיפן אינטערעס אין דער אַלטער גריכישער קולטור...

— זיינט איר זיכער אין דעם, חבר טענענבוים, אַז בן־גוריון האָט זיך אַזוי אויסגעדריקט, אָדער איר חזרט דאָ איבער אַ אידישיסטישן פּזמון ?

— אַזוי האָב איך געלייענט אין די היגע אידישע צייטונגען, חבר ירדני !

— נו, זעט איר, חבר טענענבוים, אויף די היגע אידישע צייטונ־גען מיט זייערע שרייבער קענט איר אַ סך בויען... מאַלע וואָס זיי שרייבן דאָרט... אַזאַ זאַך דאַרף מען אַליין דערביי זיין און הערן מיט די אייגענע אויערן. עס גלויבט זיך מיר פּשוט ניט, אַז בן־גוריון זאָל זיך אַזוי נאַריש אויסדריקן. און אויב יאָ אַפילו, איז בן־גוריון נישט ישראל.

— אין ישראל, חבר ירדני, האָט געדאַרפט זיין פּלאַץ פאַרביידע היסטאָרישע שפּראַכן און קולטורן. ווי אין בעלגיע. ווי אין דער שווייץ. אַ פאָלק קען זיך נאָרמאַל אויסלעבן אין צוויי שפּראַכן און קולטורן. ס'איז נישט געהערט געוואָרן אין דער וועלט אַז אַ פאָלק זאָל אַוועק־וואַרפן טויזנט יאָר קולטור פון איר פיל טויזנט־יאָריקער געשיכטע. אָבער איר וועט מיר מוזן אַנטשולדיקן, חבר ירדני, איך מוז זיך אָפּרוען אַ ווײַלע.

— גוט, חבר טענענבוים, רוט זיך אָפּ אַ וויַיל. טרינקט אַ ביסל וויין, וועט איר זיך אָננעמען מיט פרישע כוחות און דערנאָך וועלן מיר קענען פאָרזעצן דעם אינטערוויו ווייטער.

טענענבוים האָט מיך געפאָלגט. אויך איך האָב אַוועקגעלייגט די פען און האָב געטרונקען פון מיין גלאָז דעם רויטן איטאַליענישן וויין, וואָס האָט זיך באַטעמט אַראָפּגעגליטשט אין האַלדז אַריין און איך האָב בעת מעשה געטונקען מיינע בלויע אויגן — ווער ווייסט צום וויפלטן מאָל ? — אין די באַהאַנגענע ווענט מיט בילדער, פון וועל־כע עס האָט אַראָפּגעזונגען אַ שטילער מיסטעריעזער ניגון, וואָס איז זיך פאַרגאַנגען אין דער שטילקייט פון דער שפּעטער האַרבסטיקער נאַכט מיט טויזנט טעמען. צוויי יונגע אידישע שרייבער, נאָך ניט קיין קאַליע געוואָרענע, זיינען געזעסן ערגעץ אין אַ שטוב אין אַ ווינקל פון דער ריזיקער שטאָרק־פאַרנומענער, שטענדיק־יאָגנדיקער ניו־יאָרק, איינער קעגן אַנדערן, ביז אַ שעה־פאַרטאָג — פאַרטאָן אין אַן ערנסטן

שמועס וועגן אידיש־לשון, אידישע ליטעראַטור, אידישע קולטור און אידיש־לעבן בכלל אין אַמעריקע.

— נו, חבר טענענבוים, איך גלויב אַז מיר קענען שוין פאַרט־זעצן דעם אינטערוויו.

— איך גלויב אויך אַזוי, חבר ירדני.

— איר האָט ביז איצט אַרויסגעגעבן צען ביכער, נישט אַזוי חבר טענענבוים?

— יאָ, קאָלעגע ירדני, אָבער דאָס איז אַ טראָפּן אין ים וואָס איך האָב געשריבן אין מיין לעבן. אַגב, וויל איך באַמערקן, אַז דער גרעסטער טייל פון מיינע מאַטעריאַלן, איבערהויפּט פאַר די לעצ־טע צוואַנציק יאָר וואָס איך בין אין אַמעריקע, זיינען פריער געדרוקט געוואָרן אין „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט", פאַרוואָס איך בין העכסט־דאַנקבאַר דעם קאָלעגע יצחק ליבמאַן, דעם רעדאַקטאָר פונם אייג־ציקן ליטעראַרישן זשורנאַל אין אַמעריקע, וואו אַ אידישער שרייבער קען זיך אויסדריקן אַזוי פריי ווי ער וויל. ווען איך קוק אָן מיינע פּיראַמידן מיט מאַנוסקריפּטן, באַפאַלט מיך אָן אימה: ווען וועל איך דאָס קענען איבערשרייבן? ווען וועל איך דאָס פאַרעפנטלעכן? ווען וועל איך אַ טייל דערפון אימשטאַנד זיין אַרויסצוגעבן? איך שטיי ביים באַרג פון מיינע צען טויזנט אָנגעשריבענע זאַכן באַלאָדן מיט אַ פינצטערער מרה־שחורה. אָבער, לאָמיר בעטן גאָט, צו לעבן, צו זיין געזונט, און אָנצוגיין מיט דער גרויסער אַרבעט.

— אָט דער טאָן אייערער, חבר טענענבוים, געפעלט מיר אַ סך בעסער, ווי דער פריערדיקער. כ'האָב נישט ליב, ווען אַ מענטש, אַ שרייבער, דערצו אַ יונגער, לאָזט זיך באַהערשן פון מרה־שחורה־גע־פילן אַפילו ווען זיי זיינען בלויז מאָמענטאַלע. נישט קיין פּעסימיזם, נאָר געזונטער אָפּטימיזם, ליכטיקע האָפענונגען, לעבנס־לוסטיקייט, ציל־באַוואוסטזיניקייט, אידעאַליזם און קעמפערישקייט, גלויבן און די־נאַמישקייט — קענען און וועלן אונז פירן צו בעסערע צייטן, צו ליכ־טיקערע טעג, יאָרן און אייביקייטן. איצט זאָגט מיר, וואָס זיינען די צוויי הויפּט־מאָטיוון אין אייער שרייבן?

— דער ענטפער איז, חבר ירדני, אַן אַלזייטיקער. קודם־כל בין איך שיכור פון מענטש. די גרעסטע געשעעניש אין מיין לעבן איז צו זען מענטשן אין גאַס, אין די הייזער, אויף פאַרזאַמלונגען, אין די

פּאַרקן. מיין גאַנץ לעבן שרייב איך וועגן דעם מענטש. איך באַשרייב קריפּלען און קלאָונען, צווערגן און זיבעלעך וואָס ווערן געוואָרפן אויף די רעלסן פון לעבן אַזוי ווי שטיקער קליי וואָס פאַלן אַוועק פון די הענט פון סקולפּטאָר בשעת ער פורעמט געשטאַלטן. איך באַמי זיך צו באַרירן מיט מיין פּען גרויע, קראַנקע, נישט־דערגאַנגענע, אַנטויש־טע, צאַרטע און סענסיטיווע כאַראַקטערן, אָרעמע און באַליידיקטע, דאָן־קיכאָטן, בעלי־חלומות און די איינזאַמע שאָטנס פון דער ערד — זיי האָבן מיין סימפּאַטיע. איך בין איינער פון זיי. איך באַפעלקער מיט זיי מיין פּראָזע.

— למשל?

— אין מיין עסיי — „קעגן פעלקער־אויסשלאַכטעריי, מלחמה און מאַסנמאָרד" — ברענג איך אַריין דעם אוניווערסאַלן געניוס, אַן אייביק־ליידנדיקן, אַן אונטערשייד פון ראַסע און פון עפּאָכע. שטענדיק פאַרבלוטנדיק פאַר די העכסטע אידעאַלן פון דער מענטשהייט. איך באַמי זיך צו דעמאַנסטרירן אַז דער געניאַלער מאַן, דער טראַגישער טיטאַן, אַרויסגעוואַקסן פון זיין נאַציאָנאַלער מיליע, איז נישט שאָוויניסטיש, איז פריי פון שנאה, אויסער פון דער שנאה צום שלעכטס. יעדער נאַציע האָט זיך אירע גרויסע מענטשן, און זיי אַלע זיינען ברי־דער פון איין רעליגיע, וואָס שטרעבט צו היילן דעם ליידנדיקן מענטש. אַלע ווערן זיי געקרייציקט פאַר די זעלביקע אידעאַלן. די דאָזיקע טיטאַנען זיינען די פּיאָנערן, די פאָרגייער פון אַ ראַסע וואָס וועט נישט וויסן פון קיין אונטערשייד פון קלאַס, שיכט און פאָלק.

— דאָס איז דאָך, חבר טענענבוים, לחלוטין קעגן דער איצטיקער קאָנצעפּציע אויף דער אידישער גאַס — דער עיקר אין אַמעריקע, און נישט אַזוי צווישן דעם פאָלק, צווישן די ברייטע אידישע מאַסן, ווי דווקא צווישן די אידישע פּאָעטן, דערציילער, ראָמאַניסטן, פּובלי־ציסטן, פעליעטאָניסטן און אידישע שרייבער בכלל!

— דאָס גייט מיך ניט אָן, חבר ירדני! דער תנ״ך איז דער אורמאָדעל פון דער וועלט־ליטעראַטור. אונזערע נביאים האָבן געפּרע־דיקט אוניווערסאַלן שלום. אונזער גאָט איז איין גאָט איבער אַלע פעלקער. דאָס אידישע פאָלק באַטייליקט זיך אין דער קולטור־שאַ־פונג פונם דאָזיקן גרויסן אמת און אידעאַל פון תנ״ך אָן.

— וואָס שטויסט איך צו שרייבן אַזויפיל?

— איך שרייב, ווייל איך גלויב אינם גוואַלדיקן כוח פון וואָרט. ליטעראַטור, טראָץ די גרויסע אַנטוישונגען אין אונזער צייט, האָט ביז איצט געמאַכט און וועט מאַכן געשיכטע. ליטעראַטור מאַכט רעוואָלוציעס אָן בלוט־פאַרגיסונגען. ליטעראַטור האָט אַ גרויסע מיסיע: באַוואוסטזיניק צו מאַכן דעם מענטש פון זיין געוואַלדיקער באַדייטונג און פון זיין ראָלע אין דער עוואָלוציע פונם וועלטאַל. די געשיכטע פון דער מענטשהייט איז סוף־כל־סוף די געשיכטע פון וואָרט, וואָס באַזיצט אַ געוואַלדיקן מאָראַלישן כוח, און איז, לײדער, צו אָפט אויסגענוצט געוואָרן פון דעמאַגאָג און טייוול. מיטן וואָרט „זאָל זיין ליכט" האָט גאָט נישט נאָר אָנגעצונדן די וועלט, נאָר האָט איר געגעבן אַן אייביקע דינאַמיק. די ליטעראַטור איז אַ פאָרזעצונג פון גאָטס וואָרט. די אידעאַלן פון די נביאים, געהאַמערט אין פלאַמיקן וואָרט, וועלן מקוים ווערן. די גרויסקייט פונם מענטש און די גרויסקייט פון גאָט זיינען די צוויי הויפּט־מאָטיוון, וואָס איך ברענג אַרויס אין מיין אייביק־ענטוזיאַסטישער באַטור־לאַנדשאַפט. אַלץ איז הייליק און געטלעך. מאָרד קעגן מענטש איז אַ מאָרד פון גאָט, איז רציחה קעגן גאָט.

— איצט, חבר טענענבוים, ווי אַ דערציילער, זאָגט מיר ווער זיינען אייערע באַליבטסטע פּראָזאַאיקער אין אַמעריקע?

— ס'איז מיר שווער צו ענטפערן געגנוי, חבר און קאָלעגע מ. ירדני. איך האָב געשריבן אַ סך וועגן אידישע דיכטער און דערציילער אין אַמעריקע. איך האָב צו שטאַרק ליב די אידישע ליטעראַטור, כדי אימשטאַנד צו זיין אויסצואוויילן בלויז צוויי אָדער דריי ווי די סאַמע באַליבטסטע. אָבער איך מוז איך זאָגן, אַז די אידישע דיכטונג אין אַמעריקע שטייט פיל העכער פאַר דער אידישער פּראָזע. סיבות זיינען פאַראַן אַ סך. בשעת די פּאָעזיע האָט דאָ פאָרגעזעצט די טראַדיציעס פון דער רוסישער, פּוילישער און דייטשישער פּאָעזיע, מיט וועלכע די אימיגראַנטישע אידישע פּאָעטן האָבן זיך אָנגעזאַפּט אין דער אַלטער היים — האָט אָבער די פּראָזע געפאָדערט מער איינגעווארצלטקייט, צייט און שטח.

— דאָך?

— נאָר צוויי פּראָזאַאיקער מוז איך דאָ דערמאָנען: פון אברהם רייזענס מייסטערהאַפטע דערציילונגען — און אויך פון זיינע לידער — האָב איך שטענדיק הנאה געהאַט ווי פון גרויס־מענטשלעכע ליטע־

ראַטור־שאַפונג. עסטעטישן גענוס, אייראָפּעאישן געשמאַק, באַוואוסט־זיניקן שפּילן זיך מיטן קינסטלערישן וואָרט — האָט מיר געגעבן משה־יונה חיימאָוויטשעס פּראָזע. אין אַלגעמיין האַלט איך אַז די אידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע איז אַן אייראָפּעאישע ליטעראַטור. זי געהערט צום פּוילישן, גאַליצישן און רוסישן שטעטל. זי איז נאָענט — אין פאָרם און אין טעמאַטיק — צו אונזערע קלאַסיקער. ווען ס׳איז געקומען צו שאַפן אַ טיפּישע אידיש־אַמעריקאַנער ליטעראַטור — האָט אויסגעפעלט אַטעם. ס׳איז נישטאָ דאָס פאָלק. דאָס פאָלק רעדט נישט קיין אמתן אידיש. דאָס פאָלק האָט נישט קיין כאַראַקטער און קיין טראַדיציע. עס מוז באַזיצן סטיל און טאָן. ליידער באַזיצן עס נישט די אידישע מאַסן אין אַמעריקע.

— געפינט זיך קיינער ניט צווישן די אידישע שרייבער וואָס האָט געשאַפן פון דער היגער אידישער סביבה?

— ס׳איז געווען אַ אידישער שרייבער וואָס האָט געוואָלט שאַפן אידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע פון דער היגער אידישער סביבה: א. ראַבאָי. נו, איך לייען גערן זיינע ביכער. אָבער ווייסט איר, טייערער ירדני, ווער עס קומט ביי אים אַרויס עכט און קערנדיק? די פערד. אַפילו זיינע אידישע כאַראַקטערן זיינען ענלעך צו שטאַרקע, געזונטע פערד. מ׳קען עפּעס לערנען פון ראַבאָיס פערד... אויך אין יוסף אָפּאַטאָשוס שאַפן געלינגען שטענדיק די פערד־באַשרייבונגען.

גרויע פאַסן ליכט האָבן זיך באַוויזן אין די פענצטער, ווי גרויע טויבן, וואָס האָבן אָנגעזאָגט די שטילע ווייכע טריט פונם אָנקום פון אַ ניי־געבאָרענעם טאָג. אַ האַלב־דרימלענדיקער האָב איך פאַרלאָזט מיין גוטן חבר און קאַלעגע ש. טענענבוים און אַוועקגעאיילט אַהיים, וואו עס האָט אויף מיר געוואַרט אַ וואַרעמע בעט. דער גרויער פרימאָרגן האָט זיך געריסן צום ליכטיקן אַהין דאָרט הינטער די בערג, וואו די זון איז נאָך געלעגן אויף שפּראָץ און געוואַרט מיט גרויס אומגעדולד אויף דער שעה פון איר פרישן ראַזלעכן אויפגאַנג.

ראַי, ניו־יאָרק, 21סטער אָקטאָבער, 1954.

משה וויטיעס

איך טראַכט: ווען אויף דער אַמעריקאַנער אידישער ליטעראַ־רישער גאַס וואָלט זיך באַוויזן אַ שרייבער, אַ ליטעראַטור־קריטיקער, אַן עסייאיסט, מיט אַ אידישן בוך פונם זעלביקן שניט, ווי דער באַוואוסטער אַמעריקאַנער ליטעראַטור קריטיקער און עסייאיסט וואַן וויק ברוקס, מיט זיין בוך „סקעטשעס אין קריטיסיזם״, וואו ער זאָגט דאָרט אויף אַ גאַנץ שאַרפן אופן אַריין דער אַמעריקאַנער יוגנט, דעם אַמעריקאַנער לייענער, דעם אַמעריקאַנעם פאָלק בכלל — און מער פון אַלץ די אַמעריקאַנער שרייבער, עלטערע און אינגערע, וואָלט מען ניט בלויז באַפאַלן פון אַלע זייטן אים מיט שפּאָט און געלעכטער, נאָר ער וואָלט נישט געווען זיכער מיטן שטיקל ברויט און אפשר אויך מיטן לעבן...

משה וויטיעס

עס איז אַ פאַקט, אַז אויף דער אידישער גאַס בכלל, און אין אַמע־ריקע בפרט, האַסט מען קריטיק ווי דעם טויט: אַנהויבנדיק פון די פאַרשיידענע קונסט־געביטן, געזעל־שאַפטלעכע און קולטורעלע געביטן (פון באַוועגונגען און פּאַרטייען איז דאָך שוין אָפּגערעדט!), ביז דעם סאַמע קלענסטן שבקלענסטן אָנגע־שטעלטן, ביוראָקראַט, קאָכלעפל און פאַרדריפּעטן פאַרזיצער, פרעזי־דענטל, אָדער סעקרעטאַרל, כ׳בעט איבער אייער כבוד — אַלע, אַלע, וועלן אויף דיר זיך אַרויפוואַרפן מיט דער גרעסטער רוגזה: אויב דו

ווענסט וואָגן עפּעס צו זאָגן אַ קרום וואָרט. זעסטו, ברודערל, לויב — וויפל נאָר עס קען אַריין! פּאַדאַוואַי, חברל, וואָס מער!...

מיט אַ צייט צוריק האָט דר. מוקדוני געוואָגט צו זאָגן אַן אמת־דיק וואָרט וועגן דער אַמעריקאַנער אידישער יוגנט. ער האָט גאַנץ פּשוט זי אָנגערופן ביים ריכטיקן נאָמען: „אַן אייז־קרים־און גרעיד־עי־מילך־יוגנט״! איז מען שטאַרק אָנגעפאַלן אויף אים. און דאָ ניט לאַנג צוריק האָט דר. מוקדוני ווידער געוואָגט אין אַ גרעסערער אַרבעט אין דער „גאָלדענער קייט״, וואָס גייט אַרויס אין תל־אביב, צו געבן אַן אמתדיק בילד פון אַמעריקאַנער אידישקייט און אַמעריקאַנער אידן בכלל, איז מען נאָכאַמאָל אָנגעפאַלן אויף אים.

דער פאַקט אַליין וואָס דר. מוקדוני, אַן עלטערער באַרימטער אידישע שרייבער, אַ וועטעראַן־פּובליציסט, טעאַטער־ און ליטעראַטור־קריטיקער, האָט געדאַרפט פאַר זיין אַרבעט מיט לויטערע אמתן וועגן דער אידישער אַסימילאַציע אין אַמעריקע, אַמעריקאַנער אידיש־קייט, און אַמעריקאַנער ראַבאַיס, זוכן אַ פּלאַץ ערגעץ אין דער פרעמד אויף אָפּצודרוקן עס, — וואָס דאָס אַליין באַווייזט שוין די אידישע אַמע־ריקע אין איר ריכטיקן ליכט! — איז פאַר די אַלע אָנפאַלער נאָך ווייניק געווען. נאָר זיי האָבן נאָך אויך די חוצפּה אַרויסצוקומען אין דער עפנטלעכקייט, ווי זונות, ווען מ׳שפּייט זיי אין פּנים אַריין און זיי זאָגן רק אַז ס׳גייט אַ רעגן — און שרייען: אַז דר. מוקדוני ווייסט ניט וואָס ער רעדט!

צווישן די „טשיף״־שרייערס, פאַרנעמט דעם אויבנאָן דר. ש. מאַר־גאָשעס: דער אייביקער „פּראָפעסיאָנעלער־איד״ און אייביקער „קעסט־קינד״ ביי פאַרשיידענע אידישע געזעלשאַפטלעכע און ציוניסטישע אָר־גאַניזאַציעס און רעליף־אינסטיטוציעס אין אַמעריקע, וועלכער לאָזט קיינמאָל קיין שפּרינקעלע נישט פאַלן אויף אַמעריקאַנער אידישקייט און אַמעריקאַנער אידן בכלל... אָט דער באַצאָלטער־איד האָט זיך איינגערעדט אַ קרענק „נוסח־אַמעריקע״ און וויל אויך אַנדערע איינ־ריידן זי!

אָבער, טאַטע אין הימל, ווער נאָך אַזוי ווי איך ווייסט, וואָס שטייט מיט ביידע פיס טיף אינם אַמעריקאַנער אידישן לעבן פון אַלע קלאַסן און שיכטן אידן; וואָס דאַוון אָט פאַר אָרטאָדאָקסישע אידן, אָט פאַר קאָנסערוואַטיווע אידן, אָט פאַר רעפאָרמירטע אידן; וואָס זיצט

און שטייט אויף איין בימה אַט מיט אַן אָרטאָדאָקסישן רב, אַט מיט אַ קאָנסערוואַטיוון ראַבאַי, אַט מיט אַ רעפאָרמירטן ראַבאַי; וואָס זינגט פון דער קאָנצערט־בינע היינט פאַר אידישיסטן און מאָרגן פאַר העב־רעאיסטן; היינט פאַר ציוניסטן און מאָרגן פאַר בונדיסטן; היינט פאַר אַרבעטער רינג־אידן און מאָרגן פאַר „וואַי״־און סענטער־אידן; היינט פאַר פאַרבאַנד־אידן און מאָרגן פאַר אַמעריקאַנער־און אידישע־אידן, סיי זומער, סיי ווינטער, אין האָטעלן פון די פאַרשיידענע רעזאָרט־פלעצער; היינט פאַר לאַנדסמאַנשאַפט־אידן און מאָרגן פאַר אַמע־ריקאַנער־און אידישע־אידן, וועלכע פּראַוועז חתונות, זילבערנע־און גאָלדענע־חתונות, בר־מצוות, יובילייען, באַנקעטן, געבורטסטאָג־פּאַר־טיס און אַנדערע שמחות, אין סענטערס, טעמפּלען, שולן און האָטעלן; נעם, פון צייט צו צייט (קעגן מיין נאַטור, ווילן און געשמאַק!), אַנטייל אויף לוויות, אין אויפדעקן מצבות, בריתן און פדיון־הבנס; וואָס זינגט אויף דער ראַדיאָ היינט פאַר גולדענס מאַסטערד און מאָרגן פאַר מזרחי־אויל; היינט פאַר היברו נעשאַנאַל דעליקאַטעסן־פּראָדוקטן און מאָרגן פאַר דער רוח ווייסט וואָס דאָרט; וואָס איז הונדערטער מאָל אויסגע־פאָרן דאָס לאַנד אין דער לענג און דער ברייט פון עק צו עק — ווער נאָך אַזוי ווי איך, טאַטע אין הימל, ווייסט: ווי פאַלש און פאַר־פירעריש ס'איז די איינגערעדטע קרענק פון „נוסח־אַמעריקע״? מען דאַרף באמת האָבן פאַרשטאָכענע אויגן ניט צו וועלן זען דעם אמת פון אַמעריקאַנער אידישקייט און אַמעריקאַנער אידן בכלל!...

פון יאָר צו יאָר קום איך כמעט אין די זעלביקע שטעט, די זעל־ביקע רעזאָרט־פלעצער, טרעט אַרויס אויף די זעלביקע קאָנצערט־בינעס, דאַוון פאַר די זעלביקע עמודס, טרעף זיך מיט די זעלביקע אידן, קוק זיך צו צו די פירונגען, צו די פנימער, און — אוי, וואָס פאַר אַ חורבן! וואָס פאַר אַ חושך און פאַרס עס ווערט, פון יאָר צו יאָר, פון אידישע ווערטן, הייליקייטן, שיינקייטן, פון אידישער טראַדיציע, מנהגים — און פונם איד אין אַמעריקע בכלל! מ'דאַרף רייסן קריעה ממש...

נאָר לאָמיר פאַרגעסן אין די אייביקע „פּראָפעסיאָנעלע־אידן״ און אייביקע „קעסט־קינדער״, וועלכע זיינען, ליידער, אויך שרייבער, זשורנאַליסטן, ווייל אויף זיי קען מען קיין פאַראיבל ניט האָבן — דאָס זיינען מענטשן אַן גאָט אין האַרצן... אָבער, וואו זיינען ערגעץ אונ־זערע שרייבער־קינסטלער: די פּאָעטן, דערציילער, ראָמאַניסטן, עסיי־

איסטן, קריטיקער — אָט די, וועלכע דאַרפן אָפּשפּיגלען דאָס אַמערי־קאַנער אידישע לעבן אין דער ליטעראַטור? וואו זיינען זיי?!

איבערהויפּט וויל איך פרעגן: פאַרוואָס שווייגן אונזערע ליטע־ראַטור־קריטיקער, וועמענס עובדא ס'איז ניט בלויז זיך צו פאַרנעמען מיט אַרויסצוזאָגן מבינות איבער ליטעראַרישע ווערק, געבן אָטמעט־קעס, טיילן כיבודים, זיך פאַרלייגן אויף צוויי־דריי שרייבער און כסדר רימען זיי, נאָר וועמעס חוב עס איז פּונקט אַזוי אויך צו מאָנען און וועקן, אָנצואווייזן און לערנען, צו באַלויכטן און אויפקלערן — צו שטיין אויף דער וואַך פון דער אידישער ליטעראַטור און אַכטונג געבן, אַז ס'זאָל איך איר ניט אָנבוואַקסן קיין מאָך און שימל! וואו זיינען ערגעץ אונ־זערע היגע אידישע וואָן וויק ברוקסעס מיט זייערע ווערק „סקעטשעס אין קריטיסיזם"?! פאַרוואָס באַווייזן זיי זיך ניט?!

איז דער תירוץ: פּונקט ווי די שרייבער־קינסטלער האָבן מורא זיך צוצורירן צום אַמעריקאַנער אידישן לעבן: מחמת דעם איינציקן פאַרלאַנג צו לעבן מיט אַלעמען בשלום; ווייל אַז מ'וועט אָנהויבן צו ראַיען און גראָבן, וועלן אַרויסקומען אויף דער אויבערפלאַך פאַרשיי־דענע ווערים, און עס וועט ווערן אַ „ויצעקו", און מ'קען נאָך צוליב דעם פאַרלירן דאָס ביסל אָנזען און כבוד, און אפשר אויך טאַקע דאָס שטיקל ברויט — פּונקט אַזוי האָבן אויך אונזערע ליטעראַטור־קרי־טיקער מורא אַרויסצוקומען מיטן אמת...

אָבער — איז דאָס אַ תירוץ? ניין, ס'איז קיין תירוץ ניט! וואָרעם אויף אַזאַ אופן קען בלויז וואַקסן אַ קראַנקע ליטעראַטור פון בית־עולם־בלעטער — אָבער עס קען ניט בליען קיין געזונטע ליטעראַטור פון שיינע בלומען...

עס דאַרף דאָ אָבער, למען האמת, באַמערקט ווערן, אַז מער ווי עטלעכע ליטעראַטור־קריטיקער אויף דער אַמעריקאַנער אידישער לי־טעראַרישער גאַס האָבן מיר ניט. נאָך מער: אַקטיווע ליטעראַטור־קריטיקער, האָבן מיר דאָ איינגאַנצן בלויז צוויי — ש. ניגער און דר. א. מוקדוני. דער לעצטער איז, פון צייט צו צייט, גראַד יאָ וואַגבדיק און מאָנענדיק. די אַנדערע וואָס גיבן זיך דאָ אָפּ מיט ליטעראַטור־קרי־טיק — צווישן זיי: דער לעבעדיקער, דר. ש. ביקל, נ. מינקאָוו, ב. ביאַלאָסטאָצקי, א. טאַבאַטשניק, דר. י. שאַצקי, י. באַשעוויס, אַבא גאָרדין, חיים ליבערמאַן, י. העשעלעס, משה וויטיעס — דער העלד

פון מיין היינטיקן אינטערוויו — זיינען גאַסטראָליאָרן. די סיבה איז אַ גאַנץ פּשוטע: אי מחמת זיי האָבן ניט וואו זיך צו דרוקן, אי מחמת דעם שטאַרקן מאָנאָפּאָלישן איינפיר, ווי אויף אַ סך אַנדערע שרייב־געביטן, וואָס הערשט ביי אונז אויף דער אַמעריקאַנער אידישער ליטעראַרישער גאַס. אָבער ניט דאָס מיין איך.

וואָס איך מיין און האָב אין גערדאַנק צו זאָגן, איז, ראשית, אַז דער ענין ליטעראַטור־קריטיק ליגט נאָך ביי אונז אין די וויקעלעך. והשנית, אַז אמתע ליטעראַטור־קריטיקער האָבן מיר בכלל זייער ווינציק. מיר האָבן יאָ אַ קנעלן מיטן גראָבן פינגער, אַ דרייען מיט דער נאָז, אַ פאַרכלינען זיך ביז איבער די אויערן, אַ מבינות־זאָגעריי פון זעלביקן סאָרט ווי אידן זאָגן מבינות אויף חזנות און טעאַטער, אַ זיך פאַרלייגן אויף צוויי־דריי שרייבער און כסדר רימען זיי, אַ סך רייד, מאמריסטיק, פלפוליסטיק, טרעמאַליסטיק, קאַלאַראַטוריסטיק, קלוגע ווערטלעך, חכמהלעך, שפּילקעס, פּראַזן־שיסעריי, מוח־קניי־טשעריי — און דאָס איז אַלץ. עס פעלן לגמרי אונזערע ליטעראַטור־קריטיקער דער מאַניער, דער ברייטער פאַרנעם, דער עספּרי, דער זאַפט, דער שטעל און זאַג, וואָס מ׳געפינט דער עיקר ביי די ענגלישע ליטעראַטור־קריטיקער — און צום טייל אויך ביי די אַמעריקאַנער ליטעראַטור־קריטיקער.

וואָלט נישט, פרעג איך, פיל גלייכער געווען, ווען אַנשטאָט אַ גלאַנץ־לעיעלעס, וועלכער צעלייגט זיך יעדן שבת אין „טאָג" מיט זיינע דרדקי־שרייבעכצן, אָדער רעדנדיק אויפן אַמעריקאַנער לשון פּאַבליק־סקול־קאָמפּאָזיציעס, איבער ליטעראַרישע ענינים, זאָלן אויפן זעל־ביקן אָרט געדרוקט ווערן אַרטיקלען איבער ליטעראַרישע ענינים פון אַ א. טאַבאַטשניק, אָדער אַ משה וויטיעס, וואָס פאַרשטעקן אַ גלאַנץ־לעיעלעסן אין אַרבל?! אַזעלכע דרדקי־שרייבעכצן ווי גלאַנץ־לעיע־לעסעס זיינען אפשר גוט געווען מיט פינף צענדליק יאָר צוריק, ווען ער איז געווען צווישן די וויניקע אידישע שרייבער אין אַמעריקע וואָס האָבן געקענט איבערלייענען אַ „ניו־יאָרק טיימס". איצט אָבער ווען אויך שאַפּ־מיידלעך און יעדער נייער אַריבערגעקומענער אידישער אימיגראַנט לייענען די „ניו־יאָרק טיימס", האָבן די פּאַבליק־סקול־קאָמ־פּאָזיציעס, וואָס ער, גלאַנץ־לעיעלעס, שרייבט איבער ליטעראַרישע ענינים, אַ טעם פון — ווי זאָל איך עס אָנרופן? — טוכלע קוכן...

אויב עמיצער וויל זיך איבערצייגן אין מיינע רייד, וועט פאַר אים זיין געווינג איבערצולייענען בלויז אָט די איינע עסיי טאַבאַטשניקס „ב. ריווקין", געדרוקט אינעם בוך „ב. ריווקין — לעבן און שאַפן" (ניו־יאָרק, 1953), אָדער זיין ביכל וועגן אבא שטאָלצנבערגן, און וויטיע־סעס בלויז אָט די איינע עסיי „בלעטער אָן פּירות" איבער משה נאַדירן, געדרוקט אין „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט" (24טער סעפּטעמבער 1943): כדי צו דערפילן דאָס עכט־עסייאיסטישע אינעם טאָן און מאַניער, סטיל און שפּראַך, בילד און געדאַנק, און צו דערזען דעם קלאָר־ברונעדיקן ליטעראַטור־קריטישן־צוגאַנג, וואָס איז דורכגעזיפּט מיט אַ זוניקן אויג.

אָבער ניט א. טאַבאַטשניק, נאָר משה וויטיעס, ווי שוין באַ־מערקט, איז דער העלד פון מיין היינטיקן אינטערוויו — און פון דאַנען אָן וועל איך רעדן בלויז וועגן אים און מיט אים. אַז וויטיעס איז מיר נאָענט ווי אַ שרייבער, אַז זיין שרייבן געפעלט מיר, דאַרף איך דאָ שוין דעם לייענער ניט דערציילן. אָבער איך וויל צוגעבן, אַז עס טוט מיר וויי דאָס האַרץ, וואָס וויטיעס שווייגט אַ סך אָפטער ווי ער באַ־ווייזט זיך מיט זיין שרייבן. און דאָס איז באמת אַ שאָד פאַר דער אידי־שער עסייאיסטיק, פאַר דער אידישער ליטעראַטור־קריטיק — און פאַר דער אידישער ליטעראַטור בכלל. ער איז פון די גאָר וויניקע אידישע עסייאיסטן און ליטעראַטור־קריטיקער ביי אונז, וואָס גייט דורכאויס אין די דרכים פון די ענגלישע און צום טייל אויך פון די אַמעריקאַנער עסייאיסטן און ליטעראַטור־קריטיקער, וואָס איך האָב אַזוי שטאַרק ליב! עס איז ניט בלויז וויטיעסעס מאַניער, סטיל און שפּראַך וועלכע רעדן צו מיר, נאָר דער טאָן וואָס ער שלאָגט אָן אין זיינער אַן עסיי, אָדער אין אַ ליטעראַרישער אָפּהאַנדלונג איבער אַ ווערק. איך פיל דעם טעם פון אַ מוזיקאַלישער קאָמפּאָזיציע!

און איצט — צום אינטערוויו.

נאָכדעם ווי מיר האָבן זיך אָפּגעגעבן „שלום עליכם", האָב איך דער ערשטער זיך געווענדט צו קאָלעגע וויטיעסן מיט דער פראַגע:

— ווי האַלט איר מיט אייער בוך?

— איך וויל אייך, טייערער קאָלעגע ירדני, קודם באַדאַנקען פאַר דעם כבוד פון אייער ווענדן זיך צו מיר פאַר אַן אינטער־וויו. כאָטש איך בין פאַרוואָרפן מיט אַרבעטן, אַחוץ מיין בוך וואָס איך האַלט איצט אין צוגרייטן, האָב איך אַלעס איבערגעלאָזט

כדי מיט אייך זיך צו באַגעגענען. איך האָף, אַז מיינע ענטפערס אויף אייערע פראַגעס וועלן אייך געפעלן.

— מיין ערשטע פראַגע, קאַלעגע וויטיעס, איז פאָלגנדיקע: ווי זעט איר די אידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע אין ליכט פון איר איצטיקן צושטאַנד?

— דאָס איז זייער גרינג צו ענטפערן.

— לאָמיר הערן.

— קודם־כל, קאַלעגע ירדני, זע איך די אידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע, ווי אַ ליטעראַטור אָן לייענער. דער האַרצווייטיק דערביי איז אַזוי גרויס, אַז עס נעמט ניט אָן קיין חשק זיך אַריינצולאָזן אין אַב־סטראַקטע, קריטישע ריידערייען סתם אַזוי־זיך. דאָס איז אַ לוקסוס־שמועס אַרום אַ נאָרמאַלער ליטעראַטור ווען אַלץ איז בסדר און די צוקונפט שמייכלט אַנטקעגן. מיר זיינען אַלע אירע שאַפער און בויער און מיר זיינען אַלע דערשלאָגן פון דעם כלליקן גורל וואָס אונז איז באַשערט צו שאַפן אין אַ ליטעראַטור וואָס דאָס פאָלק האָט זיך פון איר מיאש געווען, קערט זיך אום מיטן רוקן צו איר, און לאָזט אונז איבער צו שרייבן איינס פאַר ס׳אַנדערע.

— אַז איר וועט פאַרטיק ווערן מיט אייער טעפּעלע קאַווע, קאַ־לעגע וויטיעס, וועל איך ביי אייך פרעגן: צי שפּיגלט די אידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע אָפּ דאָס היגע אידישע לעבן אָדער ניט? און אויך: מיט וואָס און וואו האָבן די אידישע שרייבער אין דער אַמעריקאַנער אידישער ליטעראַטור געפעלשט?

דער חשובער שריפטשטעלער האָט לאַנגזאַם געצומען זופּן זיין קאַווע און האָט זיך בעת־מעשה פאַרטראַכט. די ליכטיקע הויט פון זיין פּנים האָט זיך ווי געמיניעט אין דער בייטאָגיקער שיין, וואָס האָט מיט אַ זוניקן שמייכל פון צופרידנקייט אַריינגעקוקט דורך די גרויסע פענצטער פון רעסטאָראַן. אַרום די דערבייאיקע טישלעך זיי־נען געזעסן גרופּעס אידישע שרייבער, רעדאַקטאָרן, פּיד־רעדאַקטאָרן פון די דערבייאיקע אידישע רעדאַקציעס, וועלכע האָבן געגעסן, גע־טרונקען קאַווע און געשמועסט. אַ גאַסט אויף אַ ווייל, ווען ער וואָלט זיך אַריינגעכאַפּט אין רעסטאָראַן, וואָלט שטאַרק נתפּעל געוואָרן פון דער צאָל פאַרזאַמלטע אידישע שרייבער. אָבער ווען ער וואָלט אויך אויסגעפונען אַז יעדער איינער פון אָט די אידישע שרייבער טראַכט

ניט בלויז פון זיך אַליין און האָט אַלעמען אין דער ערד, נאָר אַז ער טראַכט אויך פון דעם אַז נאָך מיר זאָל קומען אַ מבול — וואָלט דער גאַסט אויף אַ וויַיל גאָר אַנדערש געפילט...

— נו, קאָלעגע ירדני, איך בין גרייט צו ענטפערן אייך אויף אייערע צוויי פראַגעס, אָבער עס וואָלט ניט געשאַדט ווען איר וואָלט נאָכאַמאָל פאַר מיר זיי איבערגעחזרט.

— גוט, מיין פריינט. מיינע פראַגעס זיינען: צי שפיגלט די אידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע אָפּ דאָס היגע אידישע לעבן אָדער ניט? און אויך: מיט וואָס און וואו האָבן די אידישע שרייבער אין דער אַמעריקאַנער אידישער ליטעראַטור געפעלשט?

— דעם אמת געזאָגט, קאָלעגע ירדני, ווייס איך ניט ווער עס זיינען אין תוך די שולדיקע וואָס זייער „פעלשונג", ווי איר דריקט זיך אויס, האָט דערפירט צו דעם איצטיקן טרויעריקן מצב פון דער אי־דישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. נאָך אַלע היומס איז דאָך אַ שפּראַך און אַ ליטעראַטור די שאַפונג פון פאָלק. ווען אַ פאָלק איז שעפעריש וואַך באַקומט זיך פון אים אַליין, פונם פאָלקס־לעבן, זיין ליטעראַטור. ווער זיינען די מחברים, אין פריערדיקן דור, פון די חסידישע מעשיות, למשל? האָט זיי דען דער בראַצלאַווער אַליין „פאַרפאַסט"? האָט זיי פרץ אויסגעטראַכט? גם־כן די חנעוודיקע אידישע פאָלקס־לידער, אָדער די חסידישע ניגונים מיט זייער איידעלן, פאַרדבקהטן טרויער, אַ מין בכיה־לדורות וואָס איז אַרויסגעזונגען געוואָרן פון די טיפענישן פון דער פאָלקס־נשמה? דאָס פאָלק אַליין לעבט מיט זיין היס־טאָרישן זכר, מיט זיין ליד, מיט זיינע טראַדיציעס, מיט זיין אייגענער טרייסט און האָפענונג אויף אַ ליכטיקן מאָרגן. די באַרופענע קינסטלער טוען נאָר איבער שאַפן, ראַפינירן און עסטעטיש דערגאַנצן די אַנאָנימע פאָלקס־שאַפונגען.

— און ווייטער?

— די אימיגראַנטישע אידישע מאַסן אין אַמעריקע האָבן זיך אין נייעם לאַנד אויף גיך אָפּגעזאָגט פון זייער אייגן לעבן, פון זייער קולטור און פאָלקס־שטייגער. דער ערב־רב־עלעמענט צווישן זיי האָט זיך מיט אַלע רמ"ח אברים איבערגעגעבן צו דער הייליקער עובדא פון אַמעריקאַניזירן זיך, און די קינדער איבערגעלאָזן צו דער גאַס און דעם גייסט פון קאָלומבוסעס מדינה. ווען נישט די פּאַרטיי־מי־

סיאַנערן וואָס האָבן געזוכט צו באַקערן דעם אידיש־ריידנדיקן עולם אויף דער איסט־סייד — ווער ווייסט צי מיר וואָלטן געהאַט אַ מער אָנ־געזעענע אידישע פּרעסע אפילו ווי עס האָבן די איטאַליענער אָדער אַנדערע אימיגראַנטישע גרופּעס. אַזוי אַרום איז דער שעפערישער נערוו ביים פאָלק אַליין אַטראָפירט געוואָרן. דאָס פאָלק איז דאָ אפשר דער הויפּט־שולדיקער, ליבער ירדני! ס׳ליגט זיך דאָך נישט אויפן שכל צו באַשולדיקן די היגע אידישע שרייבער און די היגע אידישע ליטעראַטור אינם זעלבסט־מערדערישן פאַרברעכן פון אונטערגראָבן זייער אייגענעם באָדן און אומברענגען זייער אייגענעם קיום.

עס טוט מיר לייד, וואָס איך קען מיט קאָלעגע וויטיעסן ניט איינ־שטימען. דאָס פאָלק גייט אַהין, וואוהין זיינע פירער פירן אים! דאָס פאָלק לערנט זיך אָפּ פון זיינע „באַרופענע קינסטלער"! ער זעט, אַז דער און יענער שרייבער טוט און האַנדלט אַזוי און אַזוי — טוט ער אים נאָך! דאָס פאָלק איז אַ שוידערלעכער אימיטאַטאָר: ער קרימט זיך נאָך אַלצדינג זיין שרייבער, זיין קינסטלער, זיין פירער — מיט אַלע פּי־טשעווקעס... נאָר לאָמיך קיין סך צייט וועגן דעם ניט פאַרלירן. קאָ־לעגע וויטיעס האָט פּונקט אַזאַ רעכט אויף זיינע מיינונגען, ווי איך אויף מיינע.

— וואָס איז אייער מיינונג וועגן דעם געיעג נאָך פאַרשיידענע „מאָדעס", וואָס איז אָנגעגאַנגען אין דער אַמעריקאַנער אידישער לי־טעראַטור? איך זאָג „אָנגעגאַנגען", ווייל איצט זינגען דאָ אַלע דעם זעלביקן „ניגון", דאָס זעלביקע „לידל" — אַלע זיינען מיטאַמאָל דאָ שטאַרק „פרום" געוואָרן און מצדיקעוועט אין דער ליטעראַטור — אויף וואָס די וועלט שטייט. עס רינט אַזש איבער דער באָרד... און אויך: וואָס איז געווען דער אויפטו פון די אַלע „מאָדעס", דער סך־הכל פון די „יונגע", „אינזיכיסטן" און אַנדערע „איסטן" אין דער אידישער ליטעראַטור דאָ?

— וועגן די מאָדעס און ריכטונגען, מיין ליבער ירדני, אין אונ־זער פּאָעזיע, קען מען פאַרצייכענען מעלות און חסרונות. צום גוטן וועגן די מאָדערנע לאָזט זיך זאָגן אַז זיי האָבן דאָס אידישע ליד — לויט דער מראה וואָס עס האָט געהאַט ביי פלטיאל זאַמאָסטשין און אליקום צונזער לדוגמא — אויפגעהויבן, אויסגעמענטשלט און געמאַכט מיט לייטן גליך. זיי האָבן דאָס פאָלקסטימלעכע ליד אויסגעלופטערט פון

זיין קליינשטעטלדיקן שטויב; זיי האָבן עס אויסגעצוואָגן, נעט פאַר־קעמט, אויסגעביטן דעם צעקנייטשטן כאַלאַט אויף אַ היינט־מאָדישן גאַרניטער און אים אַריינגעשטעקט אַ ווייסע בלום אין לאַץ... פאַרקערט ווידער איז נאָך אַמאָל די אייגענע מעשה: דאָס פאָלק האָט נישט מיט־געהאַלטן מיטן נייעם ליד. מ׳האָט טאַקע אונטערגעטראָגן אידישע טאַטע־מאַמע אַ ציכטיק בלאַנד „שגצל״, אין אַ זויבערן טראַכט, וואָס רעדט פאַרצויגן און באַוויזט עלעגאַנטע מאַניערן. זייער פיין — אָבער צוזדריקן אַזאַ פריציש בלאַנד „שגצל״ צום האַרצן און עס אַדאָפּטירן ווי אַן אייגנס, ווערלן זיי אויף קיין פאַל נישט. האָבן זיי עס איבערגעלאָזן אויף גאָטס באַראָט. איז די מאָדערנע פּאָעזיע געוואָרן אַן ענגער קולט פאַר די דיכטער אַליין — אָן דער מיטהילף, די יניקה און די שאַפערישע שותפות פון פאָלק און דיכטער.

— און וואָס איז מיט אונזער קריטיק, פריינט וויטיעס? ווי האַלט איר: איז די אידישע קריטיק אַ קאָנסטרוקטיווע אָדער דעסטרוק־טיווע?

— אונזער קריטיק, מיין טייערער ירדני, וואָלט איך זאָגן, ליידט פון אַ גרינטלעכער, סעמאַנטישער אומפאַרשטענדעניש. דער רע־צענזענט איז ביי אונז געוואָרן דער קריטיקער. דער חילוק איז אַ גאָר גרויסער. אַ אידישער שרייבער קוקט אויס די אויגן אויף „דערמאָנט״ צו ווערן פונם רעצענזענט, אַריינכאַפּן אַ גוט וואָרט פון אים; און ווען ער, דער שרייבער, גיט אַרויס אַ ביכל, זאָל מען וועגן אים „שרייבן״ — ד. ה., אַז עמיצער, אַ רעצענזענט צי אַזוי אַ קאַלעגע, אים איז נישט קיין נפקא־מינה ווער, זאָל וועגן זיין ווערק שרייבן און אים „לויבן״. פון קיין אַנדער סאָרט קריטישן אָפּרוף אָדער ליטעראַרישער הדרכה ווייסט ער נישט צו זאָגן. אַזוי אַרום איז דאָס עסק פון רעצענזירן בי־כער געוואָרן בסך־הכל פון איין זייט אַן אָפּצווייג פון זשורנאַליסטישער אַרבעט; פון דער צווייטער זייט — אַן אופן פון טאָן אַ גמילת־חסד, פאַרשאַפן אַן אייגענעם מענטשן אַ ביסעלע פירסום, אַ ברעקל ליטעראַ־רישע „פּובליסיטי״. אָבער, וואָס האָט דאָס אַלץ פאַר אַ שייכות מיט אמתער קריטיק, וואָס אירע פונקציעס זיינען אַן אונזעריקן אַפילו נישט באַקאַנט — פשוט ווייל ער איז דערצו נישט דערצויגן און דער מין איז אין זיין נעבעכדיק וועלטל לחלוטין נישט בנמצא?

— זייער ריכטיק !

— וואו איז דער קריטיקער ביי אונז, קאָלעגע ירדני, וואָס זאָל באַלויכטן דעם מהות פון דער דראַמע, די אַספּעקטן פון דער פּאָעזיע, דעם כאַראַקטער פון דער עסיי ? ווען זעט מען ביי אונז אַ קריטישע שטודיע איבער און וועגן ליטעראַטור סתם ? צי קומט אויס אונזערן אַ דיכטער אַמאָל אויפצונעמען אַ שטיקל לעקטור, אַ טעאָרעטישן אַריינפיר וועגן פּאָעזיע, די דיפערענצירונגען פון אירע פאָרמען, זייער עוואָלוציע אין שייכות צו קונסט און לעבן ? צי ווייסט ביי אונז אַ „ליריקער" וואָס באמת ס'איז דער זין און באַטייט פון ליריזם, דער „עפּיקער" פון דער עפּאָס, דער „דראַמאַטורג" פון דראַמע, דער „הומאָריסט" פון הומאָר ?

— ווער איז שולדיק אין דעם ?

— אַ רשות־הרבים איז דאָס געביט פון קריטיק ביי אונז, און נידעריק ביז דער ערד איז דאָס גאָרע געביט פון קריטיק אין דער אידישער ליטעראַרישער גאַס. אַנומעלטן פרעג איך אַ מיטלמעסיקן דערציילער וואָס איז פלוצלונג נתגלה געוואָרן ווי אַ „קריטיקער" איבער ביכער און שרייבער — וואָס איז אייך עפּעס איינגעפאַלן פון העלער הויט צו ווערן אַ „קריטיקער" ? ענטפערט ער מיר : פאַרוואָס דען ניט ? קריטיק איז עפּעס אַ קונץ צו שרייבן ? ווער קען נישט שרייבן קיין קריטיק אויב ער וויל ? דער רעדאַקטאָר האָט מיר אָנגעבאָטן צו שרייבן קריטיק, שרייב איך".

— איך זע, פריינט וויטיעס, אַז דער ענין קריטיק גייט אייך גאָר טיף אָן, און דעריבער האָט איר דאָ לענגער זיך אָפּגעשטעלט אויף דעם.

— יאָ, קאָלעגע ירדני, „הכל שוחטין ושחיטתן כשרה" — זאָגן מבינות, לויבן, אַראָפּרייסן איז אַ הפקר־געביט, וואָס טראָגט ביי אונז דעם נאָמען „קריטיק". מ'דאַרף דערצו נישט קיין שום סמיכה, קיין ליטעראַטור־פילאָסאָפיע, קיין קענטעניש, קיין בקיאות, קיין געניטקייט און קיין באַזונדערע באַגאַבונג. איך רעד שוין אַפילו נישט פון דעם פּריקרן פסיכאָז ביי אונז פון אָנזעצן זיך, מיט אַלערליי וואַריאַנטן פון ליטעראַרישן שאַפן, אויף איין הויפּט־צייטונג קריטיקער, אַז נאָר ער זאָל מיט זיין שרייבן געבן די ווערק אַ תיקון. אויב דער געזאָלבטער איז מיד, איבערגעאַרבעט אָדער צוליב אַנדערע סיבות אָדער חשבונות

פאַרפעלט ער צו שרייבן וועגן אַ בוך, באַטראַכט זיך דער מחבר פאַר אַ „פאַרשוויגענעם", אַ ניט־אָנערקענטן, און זיין טאַלאַנט, זיין גאַנצע שרייבערישע מיאונג פאַר איבעריק און אַרויסגעוואָרפן פאַרן ווינט.

— נו, קאָלעגע וויטיעס, נאָך איין פראַגע און מיר זיינען פאַרטיק. עס איז נישט קיין אָנגענעמע פראַגע, אָבער אַ שטאַרק אַנגעוויטיקטע און מ׳מוז זי כסדר שטעלן נאָך אַמאָל און נאָך אַמאָל. וואָס איז אייער מיינונג וועגן די פאַרשיידענע קליקעס און זייערע ראָלעס אין דער אַמעריקאַנער אידישער ליטעראַרישער גאַס ?

— וואָס קען איך, קאָלעגע ירדני, זאָגן נייס וועגן דעם איבל פון די קליקעס ? דאָס איז אַ פּאַטאָלאָגיש געוואוקס אויפן אָרגאַניזם פון דער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, וואָס זויגט אויס אירע לעצ־טע טראָפּנס לעבנס־זאַפט. זייער ראָל איז לכל־הדעות אַ שעדלעכע און פאַרדאַרבנדיקע. ליטעראַרישע קליקעס, מאַכט־גרופּעס, פעדער־פּאָלי־טיקאַנטן און מאַנעווּרירער געפינען זיך ביי די אומות־העולם אויך. אָבער אַ געזונטער גוף האָט ווידערשטאַנד, קען אַריבערטראָגן די מחלה און פאַרט געדייען. אָבער די פאַרשלאַפטע אידישע ליטעראַ־טור, צו אירע אַנדערע מיחושן און פעלערן ווערט נאָך צום איבעריקן פאַרצערט פון דעם וואַמפּיריזם פון די מאַנאָפּאָליסטישע קליקעס.

— האָט איר עפּעס אַ תרופה דערצו, קאָלעגע וויטיעס ?

— קיין תרופה האָב איך ניט, אָבער איך מיין, פריינט ירדני, אַז אַ פאַראייניקטע, אַנטשלאָסענע בונטאַרישע אָפּאָזיציע פון די פריי־ערלעכע שרייבער וואָלט געקענט אַ סך אויפטאָן און די לאַגע צו ענדערן. אָבער ווי קומט אַחדות צו אידישע שרייבער ?... די קליקעניקעס קענען אַמאָל צוואוואַרפן אַ שטיקל טובה, זאָגן אַ גוט וואָרט, דערמעגלעכן אָפּצוזעצן אַ זאַך ; גלוסט זיך נישט איינרייסן מיט זיי ; ווילט זיך נישט אַוועקגעשטעלט ווערן אויף זייער חרם־ליסטע. באַנוגנט מען זיך מיט אַ שטילן בורטשען, מיט אַ פּראָטעסט בלחש, און אַ אָפּצורייד־ן זיך פון האַרצן ווען זיי זיינען נישטאָ דערביי און הערן נישט די רייד פון רוגזה און טאַדל. און אַזוי בלייבט זיך אַלץ ביים אַלטן.

— ווילט איר, קאָלעגע וויטיעס, עפּעס נאָך צוגעבן ?

— יאָ, קאָלעגע ירדני, איך וויל צוגעבן, אַז איך בין גאָר נישט אַזוי פּעסימיסטיש, ווי מ׳קען דרינגען פון מיינע אַרויסזאָגעכצן. איך

גלויב, נישט געקוקט אויף אַלע מכשולים, איננם קיום פון דער אידישער ליטעראַטור, אין די גרויסע פּאָטענצן פון אידיש־לשון. ווי זאָגט דער בעל־עגלה אין אַלטן פאָלקס־ליד: „פאַרטרונקען די פערדעלעך, פאַר־טרונקען די בויד — אָבער, וויאָ! אַ גאָט איז נאָך דאָ!" איך בין פול מיט גלויבן און האָפענונג, אַז אונזער ליטעראַטור וועט אויפגעריכט ווערן מיט אַ גוט מזל, און אַז אונזער ליב מאַמע־לשון וועט נאָך איינ־נעמען אַ וועלט.

10־טער סעפּטעמבער, 1954.

יצחק ליבמאַן

אידישע שרייבער פון אידישע טאָג־צייטונגען, וועכנטלעכע און חודשלעכע ליטעראַרישע זשורנאַלן אין אַמעריקע זיינען מיט רוגזה אָנגעפאַלן אויף י. ל. טעלערן פאַר זיין אַרטיקל וואָס ער האָט אָפּגע־דרוקט אינם יולי־נומער, 1954, „קאָמענטערי״, וואָס די „אַמע־קאַן דזשואיש קאָמיטע״ גיט אַרויס אין ניו־יאָרק, וועגן די אידישע שרייבער און דער אידישער ליטעראַטור אין אַמע־ריקע. אָבער קיינער האָט טע־לערן נישט געכאַפּט ביי קיין ליגן. פאַרוואָס? ווייל אַלץ וואָס טעלער האָט געשריבן אינם אַרטיקל, איז געווען לויטער אמת. און פאַר דערציילן דעם אמת, איז מען אָנגעפאַלן אויף אים. מ׳האָט נישט ליב ביי אונז דעם אמת, — נישט אין דער היגער אידישער ליטעראַ־רישער גאַס און נישט אין דער היגער אידישער געזעלשאַפט־לעכער גאַס — ווי עס וואָלט געווען אַ טריפה זאַך... דאָס איז זיכער איינע פון די וויכטיקסטע סיבות פאַרוואָס דער אידישער לייענער האָט פאַרלאָרן דעם דרך־ארץ אי צו דער אידישער פרעסע, אי צו די אידישע שרייבער און אי צו דער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע...

יצחק ליבמאַן

נאָר לאָמיר זען. איז אַ ליגן אַז אידישע שרייבער אין אַמעריקע

זיינען געלאָפן פון דער „אידישע קולטור געזעלשאַפט" צום „איקוף", און פון „איקוף" צו דער „ציקאָ" ? ניין, ס'איז נישט קיין ליגן! איז אַ ליגן אַז אידישע שרייבער אין אַמעריקע זיינען געלאָפן פון דער „צוקונפט" צום „האַמער", און פונם „האַמער" צוריק צו דער „צוקונפט" און „אידישן קעמפער" ? ניין, ס'איז נישט קיין ליגן! איז אַ ליגן אַז אידישע שרייבער אין אַמעריקע זיינען געלאָפן פאַרשמאַיעטע הין און צוריק פון איין פּאָליטישער אָרגאַניזאַציע צו דער צווייטער: פונם אַרבעטער רינג צום אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן, איקאָר, בירא־בידזשאַן, דערנאָך פונם אינטערנאַציאָנאַלן אַרבעטער אָרדן צוריק צום אַרבעטער רינג, צום אידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, פּועלי־ציוניסטישע און אַנדערע אידישע אָרגאַניזאַציעס מיט אַ פּאָלי־טישן אונטערשלאַק ? ניין, ס'איז נישט קיין ליגן! איז אַ ליגן אַז אַ גרויסער טייל אידישע שרייבער אין אַמעריקע האָבן מיט דריי־פערטל אויגן אַריבערגעקוקט צום סאָוועטן־פאַרבאַנד און האָבן אפילו מיט קיין איין־פערטל אויג ניט אַריבערגעקוקט צו די חלוצים, צו די קבוצות, צו דעם גאַנצן אויפבוי, וואָס איז אָנגעגאַנגען אין ארץ־ישראל — און האָבן איצט זיך גאַנץ געשמאַק אַרויפגעכאַפּט אויף דער רייכער ציוניסטישער קאַרעטע און אויפן „בענד־וואָגן" פון דער ניי־געבוירענער אידישער מלוכה ? ניין, ס'איז נישט קיין ליגן!

אָבער — צי דען האָט שוין טעלער אַלצדינג טאַקע דערציילט ? אַ נעכטיקער טאָג! דאָס וואָס טעלער האָט דערציילט אין זיין אַרטיקל איז אפילו קיין אָנהויב ניט...

ווייל: „ווער קען דען אויסרעכענען די אַלע געוועזענע „איסטן" פון פאַרשיידענע לאַגערן צווישן דעם שרייבער־געזעמל וואָס מישן פּאָליטיק מיט ליטעראַטור און בייטן זיך הין און צוריק ווי דאָס כאַמעליע־שלענגל בייט זיין פאַרב ? אויף וואָסאַרע קעלניע געזעסן, אַזאַ ליד געזונגען, אָדער ווי די גמרא דריקט זיך אויס: „נתבעין לעגל ונותנין; נתבעין למשכן ונותנין" — מאָנט מען ביי זיי פאַרן גאָלדענעם קאַלב גיבן זיי; פאַרלאַנגט מען פון זיי פאַר גאָטס הויז — גיבן זיי אויך (משה וויטיעס: „בלעטער אָן פּירות", איבער משה נאַדירן, „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט", סעפּ. 24, 1943)."

יאָ: „מ'האַלט אפילו ביי אונז סימפּאָזיומס וועגן דעם רעכט פון שרייבער זיך אויסצוקלייבן וועלכע אידעאָלאָגיעס אים געפעלן נאָר,

און איבערצוגיין ווען ס׳פאַרווילט זיך אים פון איינער צו דער אַנדערער, אַבי זיין טאַלאַנט ווערט דערביי ניט געמינערט. אָבער צום עצם רעטעניש גופא פון הפקר־פּעטרישקע פּרינציפּ און עטישן ווילקיר ביים שרייבער רירט זיך קיינער ניט צו, ווי מ׳וואָלט מורא געהאַט דאָס פּראָבלעם צו פאַרטשעפּן, אָדער ווי דאָס וואָלט באמת געווען אַ פּסיכאָלאָגישער סוד איבער די גרעניצן פון שכלדיקער דערקענטעניש (ציטירט פונם פריערדיקן דערמאָנטן וויטיעסעס אַרטיקל).״

דעם אמת זאָגנדיק, בין איך אַ גאָר קנאַפּער חסיד פון ברענגען ציטאַטן — מעגן זיי זיין פון מר בר רב אשי אַליין... איך האָב ניט ליב צו פאַרמאַטערן דעם לייענער מיט פרעמדע זאָגעכצן און פרעמדע רייד. איך בין גאָרנישט אַזוי זיכער אַז מיינע אייגענע רייד זיינען אים ניט שווער... אָבער, דאָס מאָל, וועט מיר דער לייענער, האָף איך, מוחל זיין.

איך ברענג דאָ די ציטאַטן דערפאַר, ווייל דאָ ניט לאַנג צוריק איז מיר אויסגעקומען צו באַטייליקן זיך אויף אַ לויה: מיט מאַכן דעם „אל מלא״ איבער אַ חשובע פרוי, אַן אַקטיווע טוערין אין די ניו־יאָר־קער אידישע פאָלק שולן ביים אידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, מאַניאַ זאַלצמאַן, און די פרוי פונם וויצע־פּאַרזיצער פון די דערמאָנטע שולן — אייזיק זאַלצמאַן, וואו עס האָבן געהאַלטן הספדים דער פּרעז־זידענט פון אידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, מאיר בראַון און דער דירעקטאָר פון די דער, אָנטע ניו־יאָרקער שולן י. מ. בידערמאַן און ס׳זיינען אויך אַנוועזנדיק געווען בנימין טעלער, דער סעקרעטאַר פונם ניו־יאָרקער שטאָט־קאָמיטעט פון אידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד און אַ גאַנצע ריי באַקאַנטע פאַרבאַנד טוער. איז דאָרט צו מיר צוגעקומען אַן אַקטיווער טוער פון פאַרבאַנד און האָט זיך פאַר מיר פאַרגעשטעלט כהאי לישנא:

— איר קענט מיך ניט, חבר ירדני, איך בין אַן אַקטיווער טוער פון פאַרבאַנד — מיין נאָמען איז סעם טאָפּ. איך לייען אַלע אייערע אַרטיקלען אין „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט״ און איך זאָג אייך דעם אמת אַז איך האָב שטאַרק הנאה פון אייער שרייבן, אָבער...

— אָבער וואָס? — האָב איך אים אַ פרעג געטאָן — איר האָט אפשר מיך געכאַפּט ביי אַ ליגן?

— ניין, גאָט באַהיט! — האָט ער זיך אַ כאַפּ־געטאָן.

— וואָס דען?

— איר זאָגט צו שאַרף אַריין דעם אמת — אַביסעלע ווייכער וואָלט ניט געשאַדט!

האָב איך אים צוריק געענטפערט מיט דר. מוקדוניס ווערטער, וואָס ער האָט געשריבן אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע", פונם 15טן יאַנואַר, 1954, אין אַן אַרטיקל אונטערן נאָמען „דער אמת און זיין לבוש", וועלכע האָבן זיך מיר איינגעקריצט טיף אין זכרון — אָט זיינען זיי:

—„דער אמת איז לויט זיין נאַטור שאַרף, ביטער און אָמאָל כעסנדיק. מאַכט מען דעם אמת ווייך, זיסלעך און גוטהאַרציק ווערט ער אָפּט אויס אמת, אָדער ער ווערט אַ האַלבער און אפילו אַ פערטל אמת."

און איך האָב דערנאָך אַליין צוגעגעבן:

— איך וועל אייך דערציילן אַ מעשהלע. ס'איז אַמאָל געשטאַנען אויף דער גאַס אַ אינגעלע מיט אַ זילבערנעם האַלבן דאָלער אין דער האַנט און האָט געוויינט. איז פאַרבייגעגאַנגען אַ טרעמפּ און ער האָט געפרעגט ביים אינגעלע: „וואָס וויינסטו?" האָט דאָס אינגעלע אים דערציילט, אַז ער האָט געהאַט צוויי זילבערנע האַלבע דאָלער און אַ לויפער האָט ביי אים אַרויסגעכאַפּט איין האַלבן דאָלער און איז אַנטלאָפן. „האָסטו גערופן פּאָליציי?" — האָט דער טרעמפּ געפרעגט ביים אינ־געלע. מאַכט דאָס אינגעלע: „יאָ!" זאָגט דער טרעמפּ צו אים: „אָנו, לאָמיך הערן!" מאַכט דאָס אינגעלע, קוים ווי אַ יונג פייגעלע פּיש־טשעט: „פּאָליציי! פּאָליציי!" רופט זיך אָן דער טרעמפּ צום אינגעלע: „העכער קענסטו ניט שרייען?" ענטפערט דאָס אינגעלע ווידער מיט אַ פּישטשעדיק קעלעכל: „ניין!" „אויב אַזוי, מאַכט דער טרעמפּ צום אינגעלע, גיב־זשע אַהער דעם צווייטן האַלבן דאָלער אויך!".

דער נימשל דערפון איז: אַז ווען איך וואָלט געמאַכט דעם אמת ווייניקער שאַרף נאָר ווייך, וואָלט געוועזןביידע זאַכן — אי דער אמת וואָלט געוואָרן אינגאַנצן „אויס אמת", אָדער ער וואָלט געוואָרן „אַ האַלבער און אפילו אַ פערטל אמת", וואָס דאָס איז, לויט מיין מיינונג, אַ סך ערגער נאָך, ווי אַ גאַנצער ליגן, און אי קיינער וואָלט מיך נישט געהערט. די טראַגעדיע מיטן אידישן לעבן אין אַמעריקע — דער גע־זעלשאַפטלעכער, דער קולטורעלער און דער ליטעראַרישער — גייט מיך

טיף אָן און טוט מיר שטאַרק ווי — און אַז עס טוט שטאַרק ווי, שטעלט מען זיך נישט אָוועק זינגען קיין סערענאַדעס, נאָר מ׳שרייט אויפן קול אַזוי הויך נאָר ווי מ׳קען.

דער שמועס וואָלט זיך נאָך געווען געצויגן, ווען אַ קול אין דער לאָבי פונם „לויה־סאַלאָן" וואָלט נישט אָנגעזאָגט, אַז די לויה־צערע־מאָניע וועט זיך באַלד אָנפאַנגען און אַז אַלע פריינט און קרובים פון דער זאַלצמאַן־פאַמיליע זיינען געבעטן אַריינצוגיין אינם צימער „עי".

דר. מוקדוני וועט מיר אַנטשולדיקן, וואָס איך האָב דאָ פריער ציטירט אים. אָבער ער איז נאָך מיט מיר נישט פאַרטיק. איך וועל נאָך ציטירן אַ היפּש ביסל אים — אַלץ פונם פריער־דערמאָנטן אַרטיקל, אונטערן נאָמען „דער אמת און זיין לבוש". ער שרייבט דאָרט:

„איך בין שוין אינם עלטער, אין וועלכן מ׳איז קיינעם ניט מקנא און בין קיינעמס קאָנקורענט.

„איך בין צופרידן מיט מיין שרייבערישער דאָליע.

„אָבער איך לעב איבער טיף און שטאַרק די טראַגעדיע פון דער אידישער ליטעראַטור, וועלכע איז דערמאָרדעט (מיין אונטערשטריי־כונג — מ. י.) געוואָרן פון פּאָליטיקער (מיין אונטערשטרייכונג — מ. י.) און פון אונזערע אייגענע אידן (מיין אונטערשטרייכונג — מ. י.) אין אַמעריקע דורך אַסימילאַציע.

„עס איז דער ביטערער מזל פון די לעבעדיקע אידישע שרייבער צו שטיין ביי דער גסיסה־בעט פון דער אידישער ליטעראַטור. קיין שטאַרקערע ליטעראַטור וואָלט ניט אויסגעהאַלטן אַזעלכע טויטלעכע קלעפּ אי פון אויסן און אי פון אינעווייניק (מיין אונטערשטרייכונג — מ. י.).

„טראַגיש איז דער טויט פון אַלץ וואָס איז יונג און בליענדיק. און אונזער אידישע ליטעראַטור איז אַזוי יונג און בליענדיק... איר טויט קומט טיילוויז (מיין אונטערשטרייכונג — מ. י.) אויך פון אייגענע (מיין אונטערשטרייכונג — מ. י.) און לייבלעכע (מיין אונ־טערשטרייכונג — מ. י.)..."

ווען איך, וואָס בין האַלב יאָרן פונם חשובן און אָנערקענטן שריפטשטעלער דר. א. מוקדוני, דעם אידישן וועטעראַן־פּובליציסט, טעאַטער־ און ליטעראַטור־קריטיקער, וואָלט אַזוינס געשריבן, וואָלט מען מיך גלייך חושד געווען אין קנאה, אין אומצופרידנקייט מיט מיין

זינגערישער און שרייבערישער דאַליע — דעריבער האָב איך דאָ געלאָזט רעדן דעם חשובן עלטערן שריפטשטעלער, וואָס קען נאָך אַזוי יוגנטלעך אויפגערעגט ווערן און רעאַגירן מיט ברען איבער הימל־שרייענדיקע עוולות, וואָס ווערן באַגאַנגען אויף דער אַמעריקאַנער אידישער שרייבערישער גאַס קעגן דער אידישער ליטעראַטור.

אין מיינע „אינטערוויוס מיט אידישע שרייבער" וואָס איך האָב ביז איצט שוין פאַרעפנטלעכט אין „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט", האַלט איך אין איין האַמערן און הער נישט אויף צו באַטאָנען אין מיינע איינלייטונגען, אַז די אידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע איז ניט געשטאָרבן פון אַלטקייט און פון קיין נאַטירלעכן טויט, נאָר איז דערמאָרדעט געוואָרן פון אונזערע אייגענע אידן דורך אינווייניקע כוחות פיל מער ווי דורך דרויסנדיקע; גאָר אַ סך ווייניקער דורך דער אַסימילאַציע, ווי דורך אונזערע אייגענע און לייבלעכע...

יאָ, דער „שאַ־שאַ־טאַנץ" (אַ נאָמען פון מיינעם אַ פובליציסטישן אַרטיקל) וואָס גייט דאָ אָן אויף אַלע געביטן פונם אַמעריקאַנעם אידישן לעבן, איז דער ערגסטער סם־המות פאַר אונזער היגן קיום. וואו דו גייסט, און וואו דו שטייסט, זאָגט מען דיר: „שאַ!" „זאָג נישט" „רעד נישט!" „קריטיקיר נישט!" הימל און ערד — און דער „שאַ־שאַ־טאַנץ!"...

נאָר ווי שרייבט, נאָכאַמאָל, דער זעלביקער דר. מוקדוני — שוין אין אַן אַנדער אַרטיקל אין דער „פרייע אַרבעטער שטימע", פון 5טן נאָוועמבער, 1954, אונטערן נאָמען „אָדם נאַקעט": „אַ שרייבער אָן אַ שרייבערישן געוויסן איז אייגנטלעך קיין שרייבער ניט, מעג ער שרייבן פלינק, בריהש און ממזריש־קלוג".

מיר האָבן, לײדער, אויף דער אַמעריקאַנער אידישער ליטעראַרישע גאַס אַ סך אַזעלכע שרייבער, וועלכע שרייבן גאָר־פיפיק „פלינק, בריהש און ממזריש־קלוג", אָבער עס פעלט זיי לחלוטין דער שרייבערישער געוויסן...

און ווי זאָגט דער פּאָליאַק: „פּיעניענדזי ניעמאָם — אַלע האָנאָר מאָם" (קיין געלט האָב איך ניט — אָבער האָנאָר האָב איך). זאָל מיר דערלויבט זיין צו פּאַראַפראַזירן דעם דאָזיקן זאָג: קיין געלט האָב איך ניט — אָבער אַ געוויסן האָב איך. דעריבער שרייב איך אַזוי ווי מיין געוויסן דיקטירט מיר און ניט אַנדערש!

דאָס איז מיין ענטפער צום אויבנדערמאָנטן אַקטיוון טוער פון אידישן נאַציאָנאַלן אַרבעטער פאַרבאַנד, און צו אַלע אַנדערע, וועלכע חידושן זיך אויף מיין שאַרפן אַריינזאָגן דעם אמת. איך האָב גאָרנישט וואָס צו פאַרלירן אַ חוץ מיין געוויסן — און דאָס וועל איך באין־אופן נישט דערלאָזן!...

איך טרעט איצט צו צו שרייבן מיין צענטן קאַפּיטל פון דער סעריע „אינטערוויוס מיט אידישע שרייבער" פאַר מיין ערשטן געפּלאַנטן באַנד פון אָט דער סעריע, וועלכער דאַרף בקרוב דערשיינען אין בוך־פאָרם. און קיין בעסערן קאַנדידאַט פאַרן צענטן שרייבער פון אָט דער סעריע האָב איך נישט געקענט אויסקלייבן, ווי דעם חשובן דיכטער, עסייאיסט, פּובליציסט, פּאָרטרעטיסט און רעדאַקטאָר פון „ניו־יאָרקער וואָכנ־בלאַט", יצחק ליבמאַן. דאָס וואָס איך האָב צו זאָגן וועגן יצחק ליבמאַנען, וועל איך זאָגן שפּעטער. קודם, ווי אַן אַריינפיר, וועל איך דאָ געבן אַ בריוו וואָס איז געווען געדרוקט אינם „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט", פונם 29טן אָקטאָבער, 1954, פונם יונגן פליכטלינג־שרייבער, ירחמיאל בריקס — דער מחבר פונם באַרימטן בוך „אויף קידוש השם":

ער שרייבט דאָרט אין זיין בריוו:

„מיר לעבן אין אַ פינצטערער עפּאָכע וואו שקר האָט פאַרכאַפּט אַלע אידישע רעדאַקציעס און ליטעראַרישע קרייזלעך. אפילו אַזאַ גרויסער שרייבער ווי זלמן שניאור, אַז ער האָט געוואָלט זאָגן זיין ערלעך וואָרט, האָט ער אויך נישט געהאַט וואו, אַ חוץ אין „וואָכנ־בלאַט.

„פאַר דעם קינפטיקן היסטאָריקער פון דער אידישער קולטור־געשיכטע, וועט דאָס „וואָכנבלאַט" זיין דער אוצר, וואו ער וועט זיך אָנ־טרעפן אויף דאָקומענטן, וואָס קיין שום אידישע צייטונג אָדער זשורנאַל האָט דאָס נישט געוואָלט דרוקן, ווייל עס האָט אָנגערירט זייערע אינדיווידועלע נוצן, אָדער זייערע פאַרטייאישע־דיפּלאָמאַטישע דרייד־לעך מיט פאַזירטע פּרומע אויגן־גלאָצערישע פּנימער."

אינם ספּעציעלן „יצחק ליבמאַן־יובל־נומער" „ניו־יאָרקער וואָכנ־בלאַט" (פון 30טן אַפּריל, 1952), וואָס איז אַרויס לכבוד יצחק ליבמאַנס 50 יאָריקן יובל אונטער אַ רעדאַקציע־קאָלעגיום, שרייבט דר. מנחם ג. גלען:

„זינט מ'גיט ביי אונז אַרויס זשורנאַלן אין אידיש, האָט נאָך ניט

קיין אָרגאַניזאַציע און מכל שכן אַ יחיד, אַרויסגעוויזן אָט די גייסטיקע גבורה פון באַשאַפן אַ טריבונע פאַר ליטעראַטור און קולטור וואָס זאָל מוציא שנתו זיין״.

אינם זעלביקן יובל־נומער שרייבט משה וויטיעס:

„דאָס „ניו־יאָרקער וואָכנבלט״ וואָס יום־טובט אינם איצטיקן נומער דעם יובילייִ פון איר רעדאַקטאָר איז אַזאַ איינציקאַרטיק ליטע־ראַריש מזרח־ווינקל וואו ס׳גרופּירן זיך יונגע שרייבער, נייע שפּראַצן וואָס האָפן אַז די ברייטע וועלט זאָל זיי באַמערקן; אַזעלכע וואָס זיינען שוין לאַנג אויבנאָניקע נאָר ס׳איז זיי דאָרט ענג דער אָטעם; די וואָס זיינען בטבע ניט מסוגל צו לאַקייעווען, און מה־יפיתן, און קאָמפּראָ־מיטירן מיט פּרינציפּן ווי אַ פּרייז פּריווילעגירטן סטאַזש; און אויך געסט־שרייבער מיט עטאַבלירטע רעפּוטאַציעס וואָס ווילן זיך אַמאָל אָראָפּריידן פון האַרצן...

„ס׳וואָלט כדאי געווען, אין אַ גרעסערער און געווידמעטער אַרבעט, צו פאַרצייכענען און קריטיש אַרומנעמען דעם גאַנצן אלה־תולדות יצחק פאַר די לעצטע פאַר צענדליק יאָר; אַן אַרבעט וואָס זאָל אָפּ־שפּיגלען דעם לאַנג־יאָריקן און פאַרביטערטן קאַמף, וואָס ליבמאַן האָט אייגנהענטיק אָנגעפירט, אויף דער אידישער גאַס, לטובת אידיש, אידישע שרייבער, און פאַר אַן אומאָפּהענגיקער שריפט, וואו הונדער־טער שרייבער פון אַלע שאַטירונגען זיינען דאָרטן געקומען צום וואָרט — זייער פּריי, אומבאַווירקט וואָרט. זיין מיאונג, און אויסדויער, און טאָג־טעגלעכע הערואיק בייצוקומען, מיט הערקולאַנישע כוחות, אַלע שטרויכלונגען, ווידערשטאַנדן און שוועריקייטן, אין זיין דערגרייך אויפצוהאַלטן דאָס „וואָכנבלאַט״, איז אַ העלדישקייט וואָס וואָלט גע־קענט וואויל אויסגענוצט ווערן ווי אַ סוזשעט פאַר אַ רעאַליסטישע דראַמע. אפילו ליבמאַנס קריטיקערס און קעגנער מוזן בעל־כרחו מודה זיין אויף זיין אַמביציעז־דינאַמישן כאַראַקטער און צוגעבן אַז זיין אויפטו איז אַן אַ גלייכן אין דער געשיכטע פון אידישן זשורנאַל־וועזן.״

און יאָסל קאָהן, ווידער, שרייבט אינם זעלביקן יובל־נומער פאָלגנדיקס:

„אַ סך מאָל דוכט זיך מיר אַז ניט צוליב דיר (מיינענדיק ליבמאַנען — מ. י.) האָסטו אַרויסגעגעבן צייטשריפטן און זשורנאַלן, נאָר כדי מיכל ליכט, הערמאַן גאָלד, יעקב גלאַטשטיין, יעקב סטאָדאָלסקי, און נאָך

צענדליקע װעלכע האָבן שאָקירט מיט זײער אַנדערשקײט, זאָלן קענען ברענגען זײער האַלב־רעטאָרישע, פּערטל־פילאָזאָפישע און פּערטל־פּאָעטישע לידער.

„האָסט גרױסע פאַרדינסטן, ברודער, די צענדליקע שונאים דײַנע באַשטעטיקן עס.

„דו ביסט שטענדיק געװען דער בונטאַר װאָס האָט ניט געקענט זיצן בײַ אײן טיש מיט די װאָס האָבן דער ליטעראַטור אַרײַנגעלײגט אין קעשענע, און אױסגעצאָלט צוריק מיט גראָשנס און ברעקלעך.

„דו ביסט דער אַנטי־טראַסטניק אין דער ליטעראַטור. האָסט שטענדיק באַקעמפט די פירמעס װאָס האָבן פאַרזוכט צו מאַכן פון דער ליטעראַטור אַן אײגענעם מאָנאָפּאָל.

„האָסט געזאַמלט אַרום זיך אָט די אַלע װאָס האָבן געקענט ברענגען אַ דירעקטן און פרישן װאָרט, און האָסט זײ געגעבן אַ טריבונע.

„דײַן זשורנאַל (מײנענדיק דאָס „װאָכנבלאַט" — מ. י.) װאָס דו גיסט אַרױס מיט אַזױ פיל אָנשטרענגונג און מסירת־נפש, קען מיט שטאָלץ זיך איבערנעמען אַז ער ברענגט װי אַן אײנציקער אַ װאַרעמען און לעבעדיקן אידישן װאָרט, דינט ניט קײן גרופּע אָדער יחיד, נאָר דעם בטחון אין קיום פון אידיש און אידישער שעפערישקײט."

ש. טענענבױם שרײבט אינעם זעלביקן יובילײ־נומער צװישן אַנדערעס:

„עס איז קײן צװײפל נישט אַז יצחק ליבמאַנס ראָלע, נישט נאָר אַלס טאַלאַנטפולער דיכטער, נישט נאָר אַלס פּובליציסט מיט גרױס פײער און דינאַמיק אין זײַן װאָרט — נאָר אױך אַלס רעדאַקטאָר און פאַרלעגער װעט אין דער צוקונפט געטרײ און ערלעך אָפּגעשאַצט װערן. זײַן קאַמף און זײַן קנאישקײט פאַר דער עקזיסטענץ פון אידיש װעט אָנערקענט װערן לױט זײַן װערט און פאַרנעם. די ראָלע פונם „װאָכנבלאַט" פאַר דער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע װעט נישט קענען אָפּגעלײקנט װערן. אונזערע אַלעמענס אַרבעטן אין „װאָכנבלאַט" װעלן אױפּסנײַ אױפלױכטן פאַרן לעבעדיקן אידישן לײענער, קריטיקער און קולטור־היסטאָריקער פון דער צוקונפט."

און ענלעכעס, אין פּאָעטישער פאָרם, דירעקט אױס אין זעלביקן יובל־נומער, דער פּאָעט לױ גאָלדבערג:

„צום טרעגער פון וואָרט און פליכט, — יצחק ליבמאַן

„ביסט געקומען יונג צו אונזער ליטעראַטור, אידישער,
ניט ווי ס׳קומט אַ יונגערמאַן צום שווער אויף קעסט, —
צו עסן ברעקלעך פון דעם טיש, נגידישן,
כדי אויפצושטעלן אין אונזער בנין, אַ קליינעם נעסט, —

„נאָר אויף אייגענער אחריות, מיט באַזונדערער עקשנות,
ביסטו געקומען און איינגעשפּאַנט דיין זין און פען ;
מיט פולער גרייטקייט דעם מענטש צו ברענגען וואָרט־מתנות ;
דאָס לויטערע ליכט, וואָס שאַפונג גיט דער וועלט צו זען.

„ביסטו געוואָרן שאַפער. בויער. — און פאַרשפרייטער
פון בוך, און זשורנאַל, וואו דיין גייסט לייכט איצט העל.
פאַרן שטאָלץ פון אידיש, געשטאַנען אויף דער וואַך אַ גרייטער,
ביז וואָרט האָסטו אין אונזער היים, ווי זון אַריינגעשטעלט.

„איצט דרייט זיך דאָ די וועלט שוין אַרום דיר. — אין אַלע ווינקלען
דו באַשטראַלסט פון כשוף־קרייז דעם האָריזאָנט.
אויף לשון־אידיש, דיינע מעשים, ווי די פּערל פינקלען,
און קאָנטיק הויך איז דיין זיגער־שפּרייז, וואָס מאָנט.

„און איצטער, — אין דעם מיטל־וועג צו די יאָרן ווייסע, —
אָנגעשטאָלט דיין מוט צו קאַמף מיט טאַט־געוויכט ;
און מענטשן ערן דיך אין דיין מי־געשפּאַנטער מעשה.
ביסט פון גאָט געבענטשט, טרעגער פון וואָרט און פליכט״.

און דאָך, און פאָרט, ווען מ׳האָט געפייערט ליבמאַנס 50 יאָריקן יובל, האָבן די היגע טעגלעכע אידישע צייטונגען אומפאַרשעמט אָנגענומען אַ פולן מויל מיט שטומעניש. דאָס זעלביקע האָט אויך פּאַסירט ווען מ׳האָט פאַר־אַ־יאָרן געפייערט דעם צוואַנציקסטן יאָרגאַנג פונם „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט״ — „אַ זשורנאַל מיט אידישע שריפט וואָס שפּרייט ליבע צום אידישן וואָרט און צו דער אידישער ליטעראַטור (יאָסל קאָהן)״.

זעט איר, דאָ ניט לאַנג צוריק האָט דער אַמעריקאַנער ענגלישער

זשורנאַל „נויאָרקער״ געפּראַוועט אַ יובילײ — אַהאַ! אוי, האָט מען זיך אין די היגע טעגלעכע אידישע צייטונגען וועגן דעם צעפּלאַכטע־וועט! אוי, האָט מען זיך צעמאַשקעט! און ווייסט איר פאַרוואָס?

ערשטנס איז אַזאַ משוגענער איינפיר ביי דער היגער אידישער פּרעסע: לויבן אַלץ וואָס ס׳איז ביי יענעם; און צווייטנס: ווייל ליבמאַן האָט גלייך פון אָנהויב אָן דורכאויס באַשלאָסן צו גיין זיין אייגענעם וועג, ניט מיט קיין קליקעס און גרופּעס, און אויך דערפאַר וואָס ער האָט געוואַגט צו קריטיקירן און אַרונטערצורייסן די ליטע־ראַרישע שליפעס פון אַ סך פאָפירענע גענעראַלן, די ליטעראַרישע קרוינען פון זעלבסט־געזאַלבטע פאַפירענע קעניגן — דאַרף מען, דע־ריבער, אים און דעם „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט״ דערמאָרדן מיט פאַר־שוויגן.

אָט האָט איר אייך איין קאַרטינע פון דער אַמעריקאַנער אידישער שרייבער־געזינטל...

דאָס איז וועגן ליבמאַנס 50 יאָריקן יובל און דער פייערונג פונם צוואַנציקסטן יאָרגאַנג פון „וואָכנבלאַט״. איצט קום איך צו יצחק ליבמאַן דעם שרייבער.

יצחק ליבמאַן גיט מיט איין שאָס, אין יאָר 1953, אַרויס דריי בענדער שריפטן: אַ בוך לידער, אַ בוך עסייען, און אַ בוך פּאָרטרעטן.

פון תל־אביב שרייבט דער באַוואוסטער אידישער שרייבער משה גראָסמאַן אינם „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט״, פון 30טן סעפּטעמבער, 1954:

„ליבער און חשובער קאָלעגע־פריינט יצחק ליבמאַן: —

„אַ גאָר שיינעם דאַנק אייך פאַר דער גאָר שיינער מתנה אייערער — די דריי ביכער אייערע. איך האָב זיי באַלד גענומען לייענען צו־ביסלעך, שפּרינגען פון בוך צו בוך, די לידער, די פּובליציסטיק־עסיי־איסטיק און דער עיקר: דער בוך „בויער און שאַפער פון מיין דור״. שוין איבערגעלייענט וועגן — דעם לעבעדיקן (חיים גוטמאַן), ש. טע־נענבוים, מאָריס שוואַרץ, אברהם רייזען.

„עס פאַרכאַפּט אייער טעמפּעראַמענט, אייער אומגלייכגילטיקייט, אייער שנאה־ליבע, אייער שפּיזן־שאַרפקייט, אייער סאַרקאַזם און ענטו־זיאַזם, אייער שיין אידיש לשון, אפילו קאַלאַמבוריסטיק, אָבער אַלץ שאַרף־ערנסט, ראָמאַנטיש און רעוואָלוציאָנעריש, אפשר אויך דאָן־קיכאָטיש (דאָס איז אסור אַ חסרון). איך וועל נאָך לייענען און לייענען

אייערע דריי ביכער און ביי אַן אַנטשפּרעכנדיקער געלעגנהייט אומבאַדינגט שרייבן וועגן זיי, ספּעציעל וועגן די פּאָרטרעטן, צו וועלכע איך האָב אַ אינטימן אינטערעס.״

אָבער אין די היגע אידישע צייטונגען איז ביז איצט מיט קיין איין וואָרט נישט דערמאָנט געוואָרן וועגן די דריי דערשינענע ביכער! פאַרוואָס? ווייל אַזוי לוינט זיך פאַר דער קליקע און זייערע אינטערעסן...

אינם פריער דערמאָנטן ספּעציעלן יובל־נומער „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט״ איז אָפּגעדרוקט אַ בריוו פון פּראָפעסאָר סאַל ליפּצין, דער דעקאַן פון דער אָפּטיילונג פון דייטש און סלאַווישער ליטעראַטור אינם ניו־יאָרקער „סיטי קאַלעדזש״, וואָס איז אויך דער מחבר פון אַ וואָגיקן פּרק־בוך אויף ענגליש, און אויך דער וועלכער האָט באַוועגט דעם „סיטי קאַלעדזש״, אַז זי זאָל איינפירן אין איר פילאָלאָגישער אָפּטיילונג אַ קאַטעדרע פון דער אידישער שפּראַך, און די גרינדונג פון אַ גרויסער אידישער ביבליאָטעק ביי אָט דער געשאַפענער קאַטעדרע. דער בריוו איז געווען אַ באַגייסטערטער אָפּרוף, וואָס בלויז איין עסיי פון ליבמאַנס פען האָט אַרויסגערופן ביים חשובן געלערנטן. איך גיב דאָ איבער אים מיט דעם ענגלישן טעקסט ווי ער איז געווען געדרוקט.

September 28, 1947

Dear Mr. Liebman,

This morning I received your latest issue of the *New Yorker Wochenblatt* and read your stirring article: ביים אויסשמיד פון אידישן שטאַט. This afternoon I read it aloud to my family. This evening I read it to a group of friends. I admired both the spirit and the form of your profound remarks. You did not yield to that cheap pessimism which is so prevalent among the Jews of America who, in comparison with our European and Palestinian brothers have really been untouched by physical suffering or mental anguish. You have arrived at the correct conclusion that there is meaning to our Jewish life today, more meaning than a generation or a century ago, but that this mean-

ing only becomes apparent if one concentrates one's gaze upon the prosperous New World sector of our people. As to the form of your article, I felt real delight in reading pure Yiddish, unspoiled by affectations and mannerisms; but, alas, the decay of Yiddish in this country has proceeded so far that I found it necessary to translate many of your Yiddish expressions, of Germanic, Slavic, or Hebraic origin into English equivalents in order to make your thought entirely clear even to my Yiddish-speaking friends. Your article would be most effective in an English translation but I do not know of a single Anglo-Jewish periodical that would print it without insisting on certain deletions.

With best wishes for the continuing group of your weekly.

Sincerely yours,

Sol Liptzin

צי דען אָבער איז יצחק ליבמאַן דער איינציקער אידישער שריפטשטעלער קעגן וועמען די קליקעס אויף דער אַמעריקאַנער אידישער ליטעראַרישער גאַס האָבן געמאַכט פאַרשווערונגען און קאָנספּיראַציעס? ס'הויבט זיך ניט אָן! עס זיינען געווען — און עס וועלן נאָך זיין — פיל אַנדערע וויכטיקע שרייבער וואָס וועלן ליידן פון די דאָזיקע פאַרשווערונגען און קאָנספּיראַציעס.

די זעלביקע היגע אידישע ליטעראַרישע־קליקע־האַק האָט זיך, ניט מער, ניט וויניקער, פאַרמאָסטן אויך קעגן דעם וועלט־באַרימטן העברייאישן און אידישן שריפטשטעלער ז. שניאור ווען ער האָט זיך דאָ באַזעצט, אָבער אויך ער, שניאור, האָט די בעלי־הקליקע אין אַ סעריע אַרטיקלען אין „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט" דערלאַנגט איבער די שמוציקע הענט מיט אַזעלכע כמאַלן, אַז זיי וועלן האָבן צו געדענקען אים אויף קינדס־קינדער...

איך געהער ניט צו די וואָס האַלטן פונם פּאַסקודנעם: „אני ואפסי עוד", אָבער איך האַלט יאָ פון דער טעאָריע: „יענער איז גרויס — איך בין אויך!" דעריבער וועט איר נישט הערן מיר זאָגן, אַז יצחק ליבמאַן איז דער גרעסטער דיכטער, עסעיאיסט און פּובליציסט ביי אידן. איך וועל אָבער יאָ זאָגן, און אַזוי הויך נאָר ווי איך

קען און מיטן גאַנצן האַרצן און פולן מויל, אַז יצחק ליבמאַן ווי אַ שרייבער האָט ניט ווינציקער פאַרדינסטן פאַר דער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, ווי אַ יעקב גלאַטשטיין, אַן אפרים אויערבאַך אָדער אַ גלאַנץ־לעיעלעס — אויב ניט נאָך מערער! און וואָס איז שייך פאַרלעגערישע פאַרדינסטן פאַר דער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, ווי אַן אַרויסגעבער פון ביכער, ליטעראַרישע זשורנאַלן און רעדאַקטאָרשע אויפטואונגען — קען אַ גלאַטשטיין, אָדער אַן אויערבאַך צי אַ גלאַנץ־לעיעלעס אפילו נישט חלומען דערפון!

אָבער די האָק פון דער היגער אידישער ליטעראַרישער קליקע, וואָס האָט, אגב, זיך אַמאָל געהאַט אויך פאַרמאָסטן איבער גלאַטשטיינס בלאַנדן, יונגן פאַרשייטן קאָפּ און איז ווי דורך עפּעס אַ געהיימן צופאַל געבליבן הענגען אין דער לופטן און ער איז ניט בלויז ניצול געוואָרן, נאָר ער איז נאָך אויך — פילא־פלאים! — אַריינגענומען געוואָרן פון דער חברותא אין קאָן אַריין, רעכנט זיך נישט ניט מיט ליבמאַנס גייסטרייכן שרייבערישן טאַלאַנט און נישט מיט ליבמאַנס גרויסע פאַרלעגערישע פאַרדינסטן — מחמת דער עיקר־הדבר פון דער קליקע איז נישט די אידישע ליטעראַטור, נאָר צו בויען און פאַרטיידיקן די אייגענע אינטערעסן!...

און איצט, מיין פען, פאַרלאָז די טרויעריקע געדאַנקען וועגן די פאַרדאַרבער פון דער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. אָ, איך ווייס אַז דו האָסט נאָך אַ סך צו זאָגן, אָבער ס'איז צייט צו בייטן דעם שליסל און צוצוטרעטן צום אינטערוויו. דו מוזט אויך געדענקען, אַז דאָס פּלאַץ איז באַשרענקט. סיי ווי איז דאָס די לענגסטע אָווערטיורע מיינע פון דער גאַנצער סעריע. דעריבער, מיין פען, טו וואָס איך הייס דיר. אָט אַזוי.

אַצינד שרייב: סטיל, פאָרם, טעכניק, געדאַנק, וויסן, לשון, קלאָרקייט, בליציקייט, דערפינדערישקייט, מייסטערשאַפטקייט וואַקסן ניט אויף קייןביימער.

און אויך: אַז עס זיינען פאַראַן שרייבער וואָס פאַרמאָגן טיילוויז פון אָט די אַלע אויבנדערמאָנטע אויסגערעכנטע גוטע זעלטענע פּירות, אָבער די מעלאָדיע פון וואָרט, די האַרמאָניע פון אַקאָרד, לויפט זיי אויס. גאַנץ פשוט: זיי האָבן עס ניט! עס פעלט זיי מוזיקאַלישקייט, וואַריאירקייט, טאָנבייטיקייט.

צווישן די אידישע שרייבער אין אַמעריקע מיט אַן אָריגינעלן שרייבערישן פּנים און אַ מוזיקאַלישן אויער, רעכן איך אויך צו יצחק ליבמאַנען. זיין מוזיקאַלישער שרייבן קלינגט מיר אָפּ אין די אויערן, ווי אַן עכאָ. און מיין אויג ווערט ניט איינמאָל איבערראַשט פון זיין בליציקן דערפינדערישן וואָרט. און מיין מח ווערט צייטנווייז אויך אָנגעצונדן פון זיין שעפערישן געדאַנק — אפילו אויך דעמאָלט ווען ער פליט „דאָן־קיכאָטיש" אין די הימלען אַריין, אָדער ווען ער ווערט דראַמאַטיש, צי ווען ער נעמט אַ צו הויכן טאָן, אָדער ער פאַרמעסט זיך צו ברייט...

ליבמאַן ווייסט דעם סוד פון וואַריאירקייט, טאָנבייטיקייט, צייט, ריטם און טאַקט. עס פילט זיך נישט קיין מאָנאָטאָנקייט, קיין צוגעגעסנקייט אין זיין שרייבן. עס גלוסט זיך צו לייענען אים. מ'ווערט אָנגערעגט. אפילו זיינע פּובליציסטישע אַרבעטן אויף טאָג־ און צייט־פראַגן און אַקטועלע טעמעס האָבן אַ מוזיקאַלישן קלאַנג און עס זינגט אַרויס פון זיי אַ געזאַנג.

די צוויי רעדאַקציע־חדרים, איינער אַ גרעסערער און דער צווייטער אַ קלענערער, פון „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט", וואָס געפינען זיך אין אַ גרויסער געביידע אויפן ניינטן שטאָק, זיינען אָנגעפילט מיט זון, ווי צוויי לאַמטערניעס. דער גרעסערער חדר פאַרמאָגט פיר גרויסע פענסטער, ווי אין אַ וואָקזאַל. צוויי פענסטער פון איין זייט קוקן אַרויס צום היסטאָרישן יוניאָן־סקווער, און צום איסט־ריווער, און צוויי פענסטער פון צווייטן זייט קוקן אַרויס צום אויבערשטן טייל פון מאַנהעטן, פון וואַנען מ'קען זען די עמפּייער סטייט געביידע אין איר פולער שיינקייט. דער קלענערער חדר, ווידער, פאַרמאָגט בלויז צוויי גרויסע פענסטער: איינער קוקט אַרויס צו יוניאָן־סקווער, און דער אַנדערער צום נידעריקערן טייל פון אַלט־מאַנהעטן, וואָס פירט צום היסטאָרישן בעטערי־פאַרק און צום סיטי־האָל.

אינם גרויסן רעדאַקציע־חדר, וואָס קען אַריינגעמען אַ הונדערט מענטשן, איז געגעבן געוואָרן אַן אינטימער קבלת־פּנים פאַר ז. סעגאַלאָוויטש ווען ער איז דאָ אַהער געקומען, ווען ווערעס וואַרעמקייט האָט אַרויסגערופן טרערן ביים דיכטער. אויך איז אינם זעלביקן רעדאַקציע־חדר גאָר וואַרעם אויפגענומען געוואָרן דער שרייבער משה גראָסמאַן, ווען ער איז געווען אויף אַ קורצן באַזוך אין אַמעריקע. ווידער איז

אינם זעלביקן רעדאַקציע־חדר געפייערט געוואָרן אויף אַ וואַרעמען אופן תלושעס 60 יאָריקער יובילײ, און נאָך אַ סך אַנדערע שרייבע־רישע שמחות און שמחהלעך.

אינם זעלביקן גרויסן רעדאַקציע־חדר קומט זיך צונויף יעדן מאָנטיק פאַרנאַכט דער „אהבת־אידיש״־קרייז, וואָס יצחק ליבמאַן האָט געגרינדעט, ביי וועלכן עס קומען פאָר פאַרשיידענע שמועסן אויף ליטעראַרישע און קינסטלערישע טעמעס אויף אַ ניט־צוגעגרייטן אופן. מ׳קען דאָרט טרעפן דעם באַרימטן דיכטער א. לוצקי, דעם באַוואוסטן רעציטאַטאָר יוסף סטרוגאַטש, די שרייבער יאָסל קאָהן, ש. טענענבוים, יעקב סטאָדאָלסקי, דר. אייסען, דוד קריוויצקי, דעם באַוואוסטן מאָלער ב. קאָזלאָווסקי, די באַרימטע שוישפּילערין הענריעטאַ שניצער, דער מוזיקער א. פּאָבינער, די פּאָלקס־זינגערין חנהלע סטראָמבערג, און נאָך אַ סך אַנדערע. ווען דער וועלט־באַרימטער דיכטער אברהם רייזען האָט געלעבט, פלעגט ער זיין אַן אָפטער גאַסט אויף די דאָזיקע שמועסן. אגב, דאַרף דאָ אויך דערמאָנט ווערן הערלאַ מאַרדער, די פרוי פון יעקב סטאָדאָלסקי, וועלכע זאָרגט אַלעמאָל דערפאַר אַז ביי די שמועסן זאָל אויך זיין אַ גוט ביסל וויין מיט געשמאַקן צובייסעכץ, ווי ביי אַן אמתער חסידישער מלוה־מלכה.

— וואָס זאָגט איר, חבר ליבמאַן, צו אַזאַ נאָוועמבער־טאָג? — האָב איך מיטן האַנט אָנגעוויזן אים אויפן קלאָרן דרויסן מיטן בלויען מאַניעטדיקן הימל.

— וואָס־זשע מיינט איר, חבר ירדני, ס׳איז טאַקע שווער איינצו־זיצן ביים רעדאַקטאָר־טיש, אָבער מ׳מוז צוגרייטן אַ נייעם נומער „וואָכנבלאַט״.

— אפשר וואָלט געווען אַ פּלאַן צו האָבן מיט אייך היינט דעם אַזויפיל מאָל אָפּגעלייגטן אינטערוויו?

— נו, לאָמיר, מיט גאָטס הילף, פּרובירן. נעמט אַ שטול, פריינט ירדני, זעצט זיך אַוועק, און לאָמיר אָנהויבן, לויט מיינע באַשיידענע קוואַליפיקאַציעס, דעם שמועס.

— ווי קוקט איר, חבר ליבמאַן, אויף דער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע אין ליכט פון דער איצטיקער צייט?

— די אידישע ליטעראַטור אין אַמעריקע אין ליכט פון דער איצטיקער צייט, מיין טייערער חבר ירדני, קען ניט זיין פיל אַנדערש

ווי די ענגלישע ליטעראַטור אין אַמעריקע בכלל, און די פּאָזיטיווע און נעגאַטיווע זייטן פון דער ליטעראַטור טראָגן אויף זיך סימנים פון זעלביקן שטעמפּל, וואָס די גאַנצע גייסטיקע קולטור פון אַמעריקע און פון דער וועלט. איר האָט, אפשר, אַליין ניט פאַרדעכטיקט וואָס פאַר אַ געפּאַר־פּונקט איר האָט אָנגערירט מיט אייער ערשטער פראַגע. זי שמעקט מיט פּולווער!

— אויב פּולווער, טאָ גיט אַהער!

— איך מוז אייך, קאָלעגע ירדני, ביים סאַמע אָנהויב פון אייער אינטערוויו, זאָגן, אַז, לויט מיין באַשיידענער מיינונג, ליידט די אידישע ליטעראַטור, אַ חוץ די מחלה פון סטאַגנאַציע און פון בלוט־אָרעמקייט, אויף אַ נייער סאָרט תולאת, — ווי איך וועל איר באַלד אָנרופן ביים נאָמען. איינצלנע שרייבער ביי אונז האָבן אַרויסגעוויזן ווער ערודיציע, ווער מייסטערשאַפט, און ווער אפילו ווירטואָזיטעט. אָבער אין אַלגעמיין גענומען איז אונזער ליטעראַטור, ווי די פּרעסע, ווי דער טעאַטער, ווי די גאַנצע גייסטיקע ווירטשאַפט אונזערע — קראַנק. און די קראַנקהייט הייסט: אינפלאַציע. וואָרט־אינפלאַציע! דאָס וואָרט קען זיך ניט דעקן, — ווי אַ פאַלשער טשעק. דער שרייבער איז ניט גרייט צו שטעלן זיך מיט זיין לעבן אין שוץ פון זיין וואָרט.

— דהיינו?

— ווען ישעיהו האָט אויסגערופן: „וכתתו חרבותם לאתים",

— און זיי זאָלן צעשטויסן זייערע שווערדן אויף אַקער־אייזנס — האָט ער געגלויבט אין דעם, און ער האָט אָט די אמונה אין זיין וואָרט וואָס האָט ביי אים געמיינט דאָס זעלביקע ווי טאָט דורכגעבערענט מיט אַזוי פיל פייער־לייטערונג, אַז מיר וואַרעמען זיך נאָך עד־היום אין דעם פייער פון זיינע אין הייליקייט־אָנגעצונדענע אותיות. ווען טאָלסטאָי האָט צען יאָר געאַרבעט אויף זיין קרוין־ווערק „קריג און פרידן" האָט ער — טויזנטער יאָרן שפּעטער — נאָך אַלץ אינספּיראַציע געשעפּט פון ישעיהו הנביאס אייביק־לויכטנדיקע וואָרט־פאַקעלן פון שלום אויף דער וועלט. וואָס איז געוועזן רוזוועלטס ערשטער היסטאָרישער טאָט ווען ער איז, אין אָנהויב 1933, אַרויף אויף זיין שטול, און ער האָט דערזען ווי אַמעריקע איז אין גרויס געפּאַר פון אינפלאַציע? ער האָט פאַרמאַכט אַלע בענק! „ווען איך בין ראָטשילד", — ווען איך וואָלט געהאַט מאַכט אין מיין רשות, וואָלט איך צוגעשלאָסן — אויף אַ יאָר

אָדער צוויי — אַלע צייטונגען, אַלע זשורנאַלן (אַריינגערעכנט דאָס „ניו-יאָרקער וואָכנבלאַט״), אַלע ראַדיאָ-סטאַנציעס, און כ׳וואָלט מיט דעם אַרויסגעיאָגט דעם ווערטער-טשאַד פון די פּאַרווירטע און פּאַר־פירטע מוחות פון דעם אָרעמען מענטשן, נעבעך. אין אַ יאָר פון שמיטה, פון ניט הערן די קאָמערציאַליזירטע, פאַרדעמאַגאָגעווטע, מענטש-באַליידיקנדיקע רייד, אין אַ יאָר צי צוויי פון שווייגן, וואָלט, אפשר, צוגעגרייט געוואָרן דער אַזוי-נויטיקער קבלת-פּנים פאַרן וואָרט אין פאַרזוך צו דערהויבן דעם מענטשן צום צלם-אלוהים.

— און ווי איז, קאָלעגע ליבמאַן, אַז די רודערער פונם היגן אידישן ליטעראַרישן יאַריד וועלן ניט גיין אויף אייערע באַלערנדיקע דרכים, וואָס דאַרף טאָן, ווי זאָל זיך נוהג-זיין דער ערנסטערער טיפּ שרייבער ביי אונז?

— די איינציקע אָלטערנאַטיווע, קאָלעגע ירדני, איז זיך וואָס לענגער איינהאַלטן פון שרייבן. דאָס שרייבן יעדן טאָג, יעדע וואָך, צוויי מאָל אַ וואָך, דריי מאָל אַ וואָך — מיט אַזויפיל און אַזויפיל ווער־טער — לויט דער לענג פון די צייטונג-קאָלומס און פון די זשורנאַל־זייטן איז אַ גראָבע פּראָפאַנירונג פאַר דער נביאישער שליחות פונם וואָרט-הקדוש. שרייבן מעג מען נאָר כנוח עליו הרוח, ווען דער שרייבער ווערט איבערוועלטיקט פון עכטער אינספּיראַציע. און דעמאָלט ערשט מוז זיך דער שרייבער אָנשטרענגען צו דערנענטערן זיך מיט זיינע מאָגערע אויסדרוק-פאָרמען, דורך דעם צמצומדיקן נוסח פון דער משנה, צום תורה-סטיל. אַ ביישפּיל פאַר אַן איצטיקן שרייבער קענען דינען די ווערק פון שלום אַש און אברהם רייזען. דער ערשטער האָט זיך גלייך פאַרנומען, מיט זיין צעשוואומענעם נוסח און מיט זיין גויאיש-נאָכמאַ־כעריש-צעצויגענער ספּור-המעשה אויף אַנטי-תנכישע דרכים, מעג ער זיינע, אַזוי-גערופענע ווערק אפילו אָנרופן מיט ביבלישע און ארץ־ישראלדיקע נעמען, בעת דער צווייטער, אברהם רייזען, האָט, אָן שום איבעריקער אָנשטרענגונג, דערוואָרבן דעם סוד הצמצום פון תנ״ך, און געשאַפן קדושהדיקע לידער און מענטש-היילנדיקע מעשהלעך אין גייסט און אין סטיל פון דער תורה.

— קענט איר מיר זאָגן, קאָלעגע ליבמאַן, ווער זיינען געווען די בויער און שאַפער פון דער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, און ווער זיינען אירע בויער און שאַפער איצטער?

— די בויער און שאַפער פון דער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, חבר ירדני, מוזן ביי אונז, לויט די אייגנאַרטיקע אידישע אומשטענדן, זיין פאַרבונדן מיט די בויער און שאַפער פון דער פרעסע אין אַמעריקע, און אויך מיט די בויער און פורעמער פונם אָרגאַניזירטן היגן אידישן לעבן בכלל. ביים אָנגעבן אייך אַ ריי נעמען, וועלכע קומען צו מיר איצט נאָר, בעתן אינטערוויו, אויפן זינען, פּרעטענדיר איך ניט אויסצושעפּן אַלע, אָדער אפילו, די מערסטע שרייבער וועלכע זיינען צוגעטראָטן צו דער עובדא פון זייער פען מיט דרך־ארץ, אויב ניט מיט יראת־הכבוד. איך וועל אפילו ניט פּרואוון באַלעסטיקן מיין זכרון און אויסרעכענען די הונדערטער שרייבער וועלכע האָבן זיך באַטייליקט אין מיינע אייגענע זשורנאַלן און בלעטער. זעט איר, קאָ־לעגע ירדני, געוויסע שרייבער, כאָטש מיט גרויסער באַגאַבונג, און וועמעס נעמען איך געדענק זייער גוט, וועל איך אויסלאָזן, ווייל מיט זייער האַנדלונג, מיט זייערע שרייבערישע און געזעלשאַפטלעכע מעשים־רעים, האָבן זיי זיך אַליין אויסגעשלאָסן פונם יחוסדיקן שרייבערישן צעך, מעגן זיי טינטלען דריי מאָל אַ טאָג, און מעגן זיי ציגגלען אויף אַלע פּאַראַדנע באַנקעטן און אסיפות און געניסן פון אַלע געלטלעכע און אַנדערע געצבנדינערישע פּריווילעגיעס וואָס די פּאַרטאַטשנע פירער פון אונזער הדיוט־גאַס קענען זיי נאָר אָפּעררן. פאַרקערט, אינגערע שרייבער, ווי בלייך זייערע צוטראָגן, דאַרפן דערמוטיקט ווערן אויף כלערליי אופנים.

— וועלכע שרייבער, אַ שטייגער, קומען אייך איצט אויפן געדאַנק?

— אין דעם זין קומען מיר איצט — בעת מיר שמועסן דאָ — אויפן געדאַנק אָט די אַזוי־גערופענע זיידעס: דוד עדעלשטאַט, יוסף באָוו־שאָווער, מאָריס ראָזענפעלד, ז. ליבין, לעאָן קאָברין, מאָריס ווינ־טשעווסקי, קלמן מרמר, אַב. קאַהאַן, יואל ענטין, משה קאַטץ, א. ליטווין, יעקב מילך, לואי מילער, דוד פינסקי, יעקב גאָרדין, אברהם גאָלדפאַדען, גרשם באַדער, יעקב מאַרינאָוו, ש. יאַנאָווסקי, י. אַדלער (ב. קאָוונער) און פּיטער ווערניק. אָט־די שרייבער האָבן זייער וואָרט, אָפט אין רויער פאָרם אפילו, געטראָגן אין דער נאָך־רויערער אידישער מאַסע מיט יום־טוב אין האַרצן און מיט דעם פייער פון אמונה אין די אויגן.

— דאָס זיינען געווען די פּיאָנערן, ניט אַזוי?

— יאָ, דאָס זיינען געווען די מזלדיקע פּיאָנערן פון דער אי־דישער פּרעסע און ליטעראַטור אין אַמעריקע, אין וועמעס פוס־טריט, אין זין פון פּרינציפּן, אידעאַלן און מענטש־קדושה, עס איז, מיט גאָט אין האַרצן, נאָכגעגאַנגען די צווייטע גרעסערע גרופּע שריי־בער, ויקרא שמם, מיט כבוד: אברהם רייזען, יהואש, מ. י. חאַימאָ־וויטש, יוסף ראָלניק, ש. צ. זעצער, זישע לאַנדוי, י. י. זינגער, משה־לייב האַלפּערן, ל. שאַפּירא, מאַני לייב, זלמן שניאור, אָסיף דימאָוו, א. ל. באַראָן, א. ראַבאַי, י. י. שוואַרץ, מיכל קאַפּלאַן, יענטע סערדאַצקי, דר. חיים זשיטלאָווסקי, הלל ראָגאָף, יעקב פּישמאַן, פּרץ הירשביין, א. לוצקי, ה. רויזנבלאַט, הערמאַן גאָלד, ב. ריווקין, דר. נחמן סירקין, מיכל ליכט, ראובן גראַנאָווסקי, בערל באָטוויניק, ש. אַדלער, יעקב סטאָדאָלסקי, ראובן לודוויג, ראובן פינק, אייזיק קלומאַק, ש. פעליטש, חיים גאָטעספעלד, יונה ראָזענפעלד, א. ל. וואָלפסאָן, ש. מילער, ז. וויינפּער, יעקב מעסטל, דר. זאָלאָטאַראָוו, דער לעבעדיקער (חיים גוטמאַן), יצחק־אייזיק הורוויטש, ב. צביון, מ. באַראַנאָוו, ש. ראָזענפעלד, א. ש. זאַקס, יואל סלאָנים, מאָטעס דייטש, ציליע דראָפּ־קין, נחמן מייזיל, דר. א. קאַראַלניק, חיים גרינבערג, א. וואָהלינער, יעפים ישורין, אַלטער עסעלין, ברוך צוקערמאַן, פראַדל שטאָק, ב. וולאַדעק, ש. קורץ, אברהם ליעסין, חנן י. מיניקעס, דר. ש. בערנשטיין, ב. עפּעלבוים, אידאַ גלאַזער, הירש רייף, מ. מלמד, י. קיסין, אַנאַ מאַרגאָלין, עוזיאל פליישמאַן, רעי ראַסקין, שאול ראַסקין, דר. ד. גלאָבוס, י. י. סיגאַל, יאָסל קאָטלער, חנא גאָטעספעלד, ל. קעסנער, לאה ק. האָפּמאַן, זעליק העלער, ראובן אייזלאַנד, ב. צ. גאָלדבערג, חיים ליבערמאַן, א. מ. דילאָן, דר. מ. סודאַרסקי, דוד איגנאַטאָוו, ברוך גלאַז־מאַן, אַבאַ שטאָלצענבערג, פ. מ. ראַסקין, א. רעוואוצקי, י. חייקין, מ. אָלגין, משה נאַדיר, פ. בימקאָ, גדליה בובליק, ז. ברכות, מ. אַדערשלע־גער, ז. לעווין, שרה רייזען, מרים קאַרפּילאָוו, סאַראַ ב. סמיט, דר. ש. מ. מלמד און אַב. גאָלדבערג.

— און ווער זיינען די נאָכקומענדיקע?

— די נאָכקומענדיקע וואָרט־פּעכטער, כאָטש זיי זיינען, לײדער, ניט געבענטשט מיט אַזאַ שפּעדיקן באָדן פון באַגייסטערטן לייענערטום, פאַרמאָגן נאָך, גאָט צו דאַנקען, געהעריקן ערנסט סיי בין פעדער־לעצמו און סיי צום שארית־האידיש, זיינען: יאָסל קאָהן, ש. טענענבוים, לוי

גאָלדהבערג, דר. מנחם ג. גלעז, א. תלוש, ירמיה העשעלעס, משה וויטיעס, ר. אַבראַמאָוויטש, דוד אײדעלסבערג, וואָלף מערקור, י. ה. ראַדאָשיצקי, נחום יוד, ב. שעפנער, אהרן צייטלין, י. באַשעוויס, ס. דינגאָל, ל. שפּיזמאַן, יצחק זאַר, ש. גראָדזענסקי, דר. א. א. ראָבאַק, א. אַלמי, ש. לעוו, ב. י. קליין, ה. איאַלטי, וואָלף יונין, אל. גוריה, ש. י. לאַנדינסקי, דוד איינהאָרן, ז. מ. טקאַטש, רייזעל פּענסטער, מענקע קאַץ, אהרן קאַרלין, משה דלוזשנאָווסקי, שרה דזשאַקלין, אלף כץ, א. טאַבאַטשניק, קלמן הייזלער, חיים פּעט, ש. פּערלמוטער, ש. איזבאַן, ב. י. ביאַלאָס־טאָצקי, דוד קריוויצקי, מנשה אונגער, א. י. קריזאָווסקי, דוד ראַפּאַ־פּאָרט, נחמן לאַנדאַו, דר. ב. דובאָווסקי, נפתלי גראָס, ב. לאַפּין, אברהם אייסען, סלאָווא עסטרין בן־עמי, דר. שלמה סיימאָן, נח שטיינבערג, דר. צבי כהן, שיינע־רחל סעמקאָף, יצחק בלום, ס. מאַכלין, בערל בוים, הינדע זאַרעצקי, א. בערגער, אשר פּען, שלמה איזראַעלי, ל. ראָזאָף, מרים ראַסקין, דר. חיים שאָשקעס, כאַסיע קופּערמאַן, ב. אַלקוויט, נ. ב. מינקאָוו, זעליג דאָרפמאַן, אַבאַ גאָרדין, לייבוש לערער, דר. י. נ. שטיינ־בערג, נחום סומער, ל. מאַנפריד, וויליאַם צוקערמאַן, מ. אָשעראָוויטש, לעאָן קרישטאָל, דר. ניסן ברוסילאָוו, כאַווער־פּאַווער, ש. ד. זינגער, אהרן פּעטשעניק, דניאל טשאַרני, ש. ערדבערג, א. פּאָסירשטיין, א. ח. העלער, דר. יעקב ב. גלעז, דר. ה. גרושקין, מאַקס גאָפּט, אַלעקסאַנדער לאַקשיין, ה. לאַנג, דר. נ. ד. באַלבער, ש. לאַנשין, יצחק האָראָוויץ, נ. סינגאַלאָווסקי, לעאָ ראָבינס, י. מעצקער, דוד סאָהן, חיים ערענרייך, י. ל. טעלער, און באַשיידנקייט אַן אַ זייט — טאַקע איר אַליין, מיין עניוותדיקער יובילאַר — איר אַלע, חוץ די פּילע נייע פּליכטלינג־שרייבער, וועלכע קענען נאָך ניט צוגערעכנט ווערן אַלס אַמעריקאַנער שרייבער — איר אַלע שטעלט צוזאַמען אַ גאַנץ פיינע אַרמיי פון ניט־רעזיגנירנדיקע טרעגער פון וואָרט אויף דער ליניע פון שווערסטן ווידערשטאַנד.

— ווי גרויס דענקט איר, קאָלעגע ליבמאַן, איז געווען דער איינ־פלוס פון דער אידישער טאָג־פּרעסע און אירע שרייבער־מיטאַרבעטער אין אַמעריקע אויפן היגן ליטעראַרישן, קולטורעלן, געזעלשאַפטלעכן אידיש לעבן — און פאַרקערט? איז עס אמת, וואָס מ׳זאָגט אויף דער היגער גאַס, אַז די אידישע פּרעסע אין אַמעריקע איז אַ פאַרקויפטע? און איז אויך אמת, וואָס מ׳זאָגט אויף דער היגער גאַס, אַז די מייסטע

אידישע שרייבער אין אַמעריקע, פון די גרעסטע ביז די קלענסטע, זיינען פאַרקויפטע נשמות?

— ביים סוף פון לעצטן יאָרהונדערט און ביים אָנהויב פון איצטיקן יאָרהונדערט, קאָלעגע ירדני, האָט די היגע אידישע פרעסע געהאַט אַן אומגעהויערע השפעה אויפן עולם דאָ, און דער עולם — אויף דער פרעסע. ציניקער זיינען שוין דעמאָלט אויך געווען. נאָר די הויפט־פידל האָבן זיי ניט געשפּילט. איצט ליגט די היגע פרעסע אין אָרענדע פון אָרגאַניזאַציעס, און אין דינסט פון אַדווערטייזער. די פראָנט־זייטן פון אַלע היגע אידישע צייטונגען ווערן מערסטנטייל אויסגעפילט פון „פּובליסיטי״־לייט, וועלכע פאַרטרעטן פאַרשיידענע צדקה־אַגענטורן, צרות־אַגענטורן, קאַמפּעין־אַגענטורן. אין דעם זין, איז די פרעסע אַ פאַרקויפטע: אָדער צו דער און יענער פאַרטיי, אָדער צו די און יענע אַדווערטייזער...

— האָבן אידישע פאָלקס־אָרגאַניזאַציעס, ווי דער אַרבעטער־רינג, דער אידישער נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד, געטאָן זייער חלק גענוג פאַר דער אידישער ליטעראַטור און קולטור אין אַמעריקע?

— דער אַרבעטער־רינג און דער אידישער נאַציאָנאַלע אַרבעטער פאַרבאַנד, קאָלעגע ירדני, וועלכע האָבן גרויסע פאַרדינסטן פאַרן היגן אידיש־לעבן אין אַמעריקע טוען איצט, ליידער, ווייט־ווייט ניט זייער פליכט אויפן געביט פון אידישער קולטור־אַרבעט דאָ אין לאַנד. דער אַרבעטער־רינג, צום ביישפּיל, האָט באַוויזן אין די לעצטע פאַר יאָר אויפצוטורעמען אַזאַ פיינע היים פאַר אירע עלטערע מיטגלידער, אָבער ניט קיין היים פאַר איר אייגענער „פאָלקס־בינע״, וועלכע דאַרף, נאָך 40 יאָר געראַנגל, אַלץ זיין נע־ונד אַלס „באָרדער״ אין פרעמדע ניט־פאַסיקע זאַלן. און דער אידישער נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד, וועלכער איז געווען שפּעריש אין די ערשטע צוויי צענדליק יאָר פון זיין עקזיסטענץ, זעט איצט אויס צו זיין איינגעשלונגען אין פאָנד־זאַמלונגען פאַר ארץ־ישראל, און זיינע אייגענע היגע קינדער־שולן אין לאַנד אַמעריקע — ניט די בעסערע קינדער־שולן פון קאַנאַדע — זיינען, אַן צערעמאָניעלע רייד, פאַריתומט, — כאָטש גיי בעט דעם ערשטן בעסטן „אָנקל״, ער זאָל זיי אַדאָפּטירן...

— ווי קוקט איר, קאָלעגע ליבמאַן, אויף דער צוקונפט פון אידיש און אידיש לעבן בכלל אין אַמעריקע?

— אידיש און אידיש לעבן בכלל אין אַמעריקע, חבר ירדני, האָבן נאָך ניט געפונען זייער גואל ביז איצט. ווען פּאַרטייען מכל המינים וועלן אָפּלאָזן עטוואָס פון זייער דיקטאַטור איבערן היגן אידישן לעבן; ווען די קאַמפּעינער פון כל הפּאַרבן וועלן אויפהערן זויגן ווי פּיאַווקעס דאָס בלוט פון היגן אידנטום, וועלן, אפשר, דעמאָלט זיך באַווייזן די באַרופענע טוער, מיט דעם געהעריקן אָפּשאַץ פאַר דער ראָלע פון דער אידישער ליטעראַטור און קולטור און פון דער אידישער שפּראַך פאַרן היגן אידישן לעבן. און דעמאָלט וועט ערשט זיך העל צעשפּילן די זון פון דער פאַרשעמטער אידישער פאָלקס־שפּראַך.

— וואָס איז, חבר ליבמאַן, געווען אייער אייגענער גאַנג ביז איצט אויף דער אַמעריקאַנער אידישער ליטעראַרישער גאַס? און וואָס זיינען אייערע הויפּט מאָטיוון און צילן?

— פּאַראַלעל, קאָלעגע ירדני, מיט מיינע פאַרשיידענע אַרויסגעבערישע פּראָיעקטן און רעדאַקטאָרישע אַקטיוויטעטן וועלכע האָבן אַוועקגערויבט פון מיר כמעט די גאַנצע צייט, האָב איך, פונדעסטוועגן, אָפּגעריסן געציילטע מינוטן, פון צייט צו צייט, כדי קומען צום אויסדרוק דורך פירערליי פאָרמען: פּובליציסטיק, עסייאיסטיק, דיכטונג און פּאָרטרעטעריי, אָדער ווי זיי הייסן ביי מיר, „בויער און שאַפער פון מיין דור“. אייך אַליין, פריינט ירדני, האָף איך, זיינען באַקאַנט מיינע מאָטיוון און מיין שרייבערישער דרך — וועלכן איך גיי אייגער אַליין כמעט — קעגן שטראָם און קעגן אַלע אַזוי־גערופענע אָנגענומענע פאָרמען פון באַלעבאַטישער אָנשטענדיקייט... וואָס איך וויל נאָר ציען אייער אויפמערקזאַמקייט, אַז ביי מיר איז די שרייבערישע עובדא קיינמאָל ניט גענומען געוואָרן צו־לייכט. כ׳האָב, מערסטנס, געשריבן דעמאָלט ווען עפּעס אויפטרייסלענדיקעס האָט פּאַסירט אין לעבן פון מיין פאָלק, צי אין מיין דור. אַזוי אַז ניט נאָר האָט די באַשיידענע פּראָזעפעדער מיינע פּרובירט פאַרצייכענען „אין ליכט פון צייט“, נאָר אויך מיין פּאָעזיע־פעדער האָט זיך אַ צאַפּל־געטאָן, אין אָנזיכט פון אַ הרת־עולם־געשעעניש. ווען אַ קינפטיקער פאָרשער פון דער איצטיקער עפּאָכע וועט בלעטערן מיין בוך לידער און פּאָעמען „אין געזאַנג צום פאָלק“, וועט אים יעדעס ליד דערציילן אַן אַנדער מעשהלע, ווי צ. ב.: „ניט שרייבן, נאָר שלייפן“ — אידיש־העראָאישער קאַמף קעגן ענגלאַנד; „העי־דערלייזער“ — קעגן די מלמדי זכות אויף די דייטשישע מערדער אונזערע; „מזמור שיר לרוזוועלט“ — די ניו־דיל־עפּאָכע אין אַמע־

ריקע; „געמלכותטע אידן" — דער אויפקום פון דער אידישער מדינה, א. א. וו. א. א. וו.

— קענט איר, קאָלעגע ליבמאַן, זיך קאָנקרעט אַרויסזאָגן וועגן דער פינסטערער ראָל פון די פאַרשיידענע ליטעראַרישע־קליקעס אויף דער אַמעריקאַנער אידישער ליטעראַרישער גאַס?

— וועגן די קליקעס, ווי איר ווייסט, חבר ירדני, פיר איך אַ קאַמף שוין באַלד 30 יאָר. ביים אָנהויב פון מיין צווייטן זשורנאַל „אונזער בוך" האָט די הויפּט־קליקע אויף דער דעמאָלטדיקער אידישער ליטעראַרי־שער גאַס מיך איינגעלאַדן צושטיין צו זיי, דאָס הייסט, לאָזן זיי האָבן איינפלוס אין מיין הויף. איך האָב זיי אָט דעם אָנבאָט, אין דרייסטקייט, צוריקגעוויזן, האָבן זיי קעגן מיר אָנגעפירט אַ קאַמף מיט אַלע מיטלען וואָס אַן איינגעזעסענע קליקע באַזיצט: אויסשליסן מיין נאָמען, מיין שאַפן, מיינע אינסטיטוציעס פון זייערע קאָנטראָלירטע אַנטאָלאָגיעס, ענציקלאָפּעדיעס, קאַטעדרעס, פּריזן־פּרייזן, און וואָס ניט. חוץ דעם, האָבן זיי אָפּט איינגעשפּאַנט אַלע זייערע באַגאַבונגען צו שטערן אויך אין דעם אָנגיי פון מיינע כלערליי פּראָיעקטן, ווי ניט צו לאָזן קיין געלט־שטיצע, אָפּריידן אָבאָנענטן, א. א. וו.

— אויב אַזוי, ווי האָט איר געקענט אָנגיין, אין משך פון 30 יאָר, מיט אייערע פאַרצווייגטע טעטיקייטן אַן פאַרטייען און קעגן פאַרטייען?

— פּאַראַלעל מיט די קאָנספּיראַטאָרס און אינטריגאַנטן קעגן די נאַציאָנאַלע אידישע אינטערעסן האָבן זיך, גאָט־צו־דאַנקען, געפונען באַשיידענע מחנות פון אידעאַליסטישע מענער און פרויען וועלכע האָבן זיך תמיד גרופּירט אַרום מיינע צייטשריפטן און זשורנאַלן. אין די טעג פון „אויפגאַנג" — מיין ערשטער זשורנאַל — איז ביי מיין זייט גע־שטאַנען די „אויפגאַנג"־סטודענטן געזעלשאַפט; ביים געבורט פון „וואָכנבלאַט" האָט זיך פאָרמירט „די אידישע ליטעראַטור געזעלשאַפט"; שפּעטער — דער „אידישער נאַציאָנאַלער קונסט־פאַרבאַנד"; מיט אַ 6—7 יאָר צוריק — די קרייזן „אהבת אידיש" און די גאָר לעצטע פעס־טונג אַרום דעם „וואָכנבלאַט" איז ווי איר ווייסט זייער גוט, דער יצחק ליבמאַן צווייג 360 „אידיש־נאַציאָנאַלער אַרבעטער פאַרבאַנד", וועלכער איז מיט צוויי יאָר צוריק געגרינדעט געוואָרן פון אַ צאָל פריינט און פאַרערער מיינע בראש מיט לואי בלאָק; דער צווייג, וואָס האָט דעם כבוד צו האָבן איך אַלס פאָרזיצער, און אויך אַנדערע שרייבער און ערנסטע קולטור־טוער אין דער פירערשאַפט.

— וועלכע ליטעראַרישע אויסגאַבן האָט איר ביז איצט רעדאַקטירט?

— אַ חוץ מיין „פאַרלאַג אידיש לעבן", וועלכער האָט אַרויסגעגעבן צענדליקער ביכער, צווישן זיי ל. שאַפּיראָס „אידישע מלוכה", יעקב גלאַטשטיינס „קרעדאָס" און הערמאַן גאָלדס „מעשהלעך", און וועמעס טעטיקייט איך האָב געמוזט אָפּשטעלן אין יאָר 1930, האָב איך צוויי יאָר צייט אַרויסגעגעבן דעם חודש־זשורנאַל „אויפגאַנג"; 5 יאָר צייט — דעם צוויי־חודשדיקן זשורנאַל „אונזער בוך"; צוויי יאָר צייט — דעם פערטל־יערלעכן זשורנאַל „נייע יום־טוב בלעטער"; צוויי יאָר צייט דעם וועכנטלעכן זשורנאַל „אונזער פאָלק", און איצט, הויב איך אָן, מיטן יאַנואַר נומער, דעם 21טן יאָר „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט".

— זענט איר צופרידן מיטן „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט"?

— מיט אַלע מעלות, קאָלעגע ירדני, פאַרדינסטן און דערגריי־כונגען פון „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט", קען איך, לײַדער, ניט זאָגן, אַז דאָס איז מיין אידעאַלע צייטשריפט. ווייט פון דעם! כדי קומען נאָענט צו מיין אידעאַלער צייטשריפט, האָט געדאַרפטביים זשורנאַל זיין אַ פאַרוואַלטער; האָב איך געדאַרפט האָבן כאָטש צוויי סעקרעטאַרן, אַ באַשיידענעם בודזשעט פאַר שכר־סופרים, און אַ רואיקן קאָפּ, אַז דער פאַרוואַלטער וועט שוין מאָרגן באַזאָרגן די דמי־דרוקער, א. אַ. וו.

— וואָס זיינען אייערע וויטערדיקע פּלענער?

— מיינע פּלענער זיינען די זעלביקע ווי ביז איצט: אָנצופירן דעם קאַמף פאַרן אידישן וואָרט, פאַר דער אידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע אַזוי ווייט און אַזוי ברייט, ווי מיינע כוחות וועלן נאָר טראָגן.

די זון האָט זיך געהאַלטן אין זעצן. אַ שטילער נאָוועמבער־פאַר־נאַכט האָט אַריינגעקוקט אין די גרויסע פענסטער. דער מנחהדיקער ניגון האָט גענומען זינגען אין מיינע אויערן. איך בין געווען אויסגעשעפּט פון לאַנג זיצן און פירן מיט דער פען איבערן ווייסן פּאַפּיר, אָבער טיף אין מיין האַרצן האָט געקוואָלן אַ סיומדיקע פרייד! וואָרים מיט דעם איצטיקן אינטערוויו האָב איך פאַרענדיקט דעם ערשטן מנין „איבער־טערוויוס מיט אידישע שרייבער", וואָס וועט אויספילן דעם ערשטן באַנד מיינעם פון אָט דער סעריע, וועלכער וועט בקרוב אַרויסגעגעבן ווערן דורכן פאַרלאַג „מלכה".

15טער נאָוועמבער, 1954.

ביאָגראַפישע נאָטיצן

מ. (מאָטל—מרדכי) ירדני איז געבאָרן געוואָרן אין סלאַוועשניע, אַ קליין שטעטעלע אין וואָלינער גובערניע, ניט ווייט פון זשיטאָמיר, אין אוקראַינע, רוסלאַנד, ביי אַ מאַמע וואָס גיט זיך ניט קיין ריר אָן אַ גראָם און אָן אַ מעשהלע, און ביי אַ טאַטן אַ שוחט, אַ גמרא־מלמד און אַ בעל־תפילה, וועלכער האָט זיך געהאַלטן מיט די זעלביקע דריי פרנסות, ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן — אויך זייענדיק אין אַמעריקע.

מאָטל — ריכטיקער, מאָטעלע, ווי מ׳פלעגט אים רופן, האָט געלערנט אין די פיינסטע חדרים, און ביי די בעסטע מלמדים און לערער פון שטעטל, און איז דערצויגן געוואָרן אויף תנ״ך, גמרא און דער העברעאישער ליטעראַטור. מיט דער אידישער ליטעראַטור האָט ער זיך באַקאַנט ערשט קומענדיק קיין אַמעריקע, אין עלטער פון 15 יאָר, וואו ער האָט אויפסניי געקראָגן אַ דערציאונג — סיי אַ אידישע, סיי אַן ענגלישע, און אויך אַ מוזיקאַליש־דראַמאַטישע.

ער האָט אָנגעהויבן שרייבן זייער יונג, אָבער ערשט אין 1929 איז ער געוואָרן אַ פּראָפעסיאָנעלער שרייבער, ווען ער האָט אָנגעפאַנגען, בעת ער האָט נאָך געהאַלטן אין מיטן לערנען, זוכן און נישטערן, אין דער פילאַדעלפיער „אידישע וועלט״ אונטער דער רעדאַקציע פון משה קאַטץ. אַ חוץ דערציילונגען און מוזיקאַלישע אַרטיקלען וועגן אידישער נגינה און אַלגעמיינער מוזיק אונטער דעם נאָמען מ. און מאָטל שערמאַן (דעם נאָמען ירדני האָט ער אָנגענומען שפּעטער לעבנדיק אַ שטיקל צייט אין ארץ־ישראל) האָט ער אין דער צייטונג אויך געדרוקט אַרטיקלען וועגן טעאַטער און רייזע־קאָרעספּאָנדענציעס פון זיינע דריי באַזוכן אין אייראָפּע, אַריינגערעכנט די אינזלען מאַדעראַ, גיבראַלטאַר און קאַפּרי, צווי באַזוכן אין צפון־אַפריקע, און דעם נאָענטן אָריענט מיט ארץ־ישראל בראש.

אין אָנהויב 1930 האָט מ. ירדני אונטערן נאָמען מאָטל שערמאַן געמאַכט זיין ערשטן אַרויסטריט אויף אַ בינע: דאָס איז געווען אינם „גיבסאָן טעאַטער״ אין פילאַדעלפיע אַלס אַן אַקטיאָר אין אַ יוגנטלעכער

ראמאנטישער געזאנג־ראל, אין אן אפערעטע מיטן נאמען „חסידישע יענקיס". אינם זעלביקן טעאטער איז דערנאך אויך געשפילט געווארן זיין אייגענע אנגעשריבענע מעלאדראמע אונטערן נאמען „די אייביקע שטראף", אין וועלכער ער האט אויך מיטגעשפילט. זיין „שוישפילע־רישע־קאריערע" האט אנגעהאלטן בלויז א קורצע ווייל, ווייל ער האט זיך פלוצלינג אין מיטן אויפגעהויבן און איז אוועקגעפארן קיין ארץ־ישראל. ער איז דערנאך צוריק געקומען קיין אמעריקע און איז אין א פאר חדשים ארום ווידער צוריקגעפארן קיין ארץ־ישראל.

אין 1936 האט מ. ירדני געמאכט זיין ערשטן דעביוט אלס קאנ־צערט־זינגער אין ניו־יארק מיט אידישע לידער און ארץ־ישראל גע־זאנגען און חזנישע תפילות. גלייך דערנאך מאכט ער זיין דעביוט אויף דער ראדיא, און ווערט אויך איינגעלאדן פון דער וויקטאר קאמפאניע ארייננצוזינגען אין רעקארדס ארץ־ישראל לידער און חזנישע תפילות. שפעטער ווערט ער אויך פארבעטן אריינצוזינגען אין רעקארדס פאר די דעקא און אש פירמעס אידישע און העברעאישע לידער. דערפאר וואס ער איז געווען דער ערשטער צו זינגען ארץ־ישראל געזאנגען אין אמעריקע סיי אויף דער קאנצערט־בינע, סיי ביים ראדיא־מיקראפאן און סיי ארייננצוזינגען אין רעקארדס, איז ער געקרוינט געווארן מיטן נאמען „דער פאלעסטינער זינגער" — א פירמע, וועלכע איז געווארן שטארק פאפולער ניט בלויז איבער גאנץ אמעריקע, נאר אויך אין אויסלאנד. ער איז געווען דער ערשטער אריינצוזינגען אין א וויקטאר רעקארד דאס וועלט־בארימט געווארענע ליד: „יפים הלילות".

אויף א ליטעראריש־מוזיקאלישן אוונט פון י. ל. פרץ שרייבער פאראיין אין „לייבאר טעמפל", אין ניו־יארק, וואו מ. ירדני איז אויפ־געטראטן אין א פראגראם פון אידישע לידער און ארץ־ישראל געזאנ־גען, האט ער זיך באקענט מיטן רעדאקטאר פון „טאג" וויליאם עדלין ע"ה, וועלכער איז געווען דער פארזיצער פונם אוונט, און ער האט אים איינגעלאדן צו שרייבן א סעריע ארטיקלען איבער אידישער און אלגע־מיינער מוזיק. ער ווערט דערנאך א שטענדיקער „פיטשור"־שרייבער אין „טאג", זיין מיטארבעטערשאפט האט אנגעהאלטן צען יאר. דורך דער דאזיקער צייט האט ירדני אויף די שפאלטן פון די שבתדיקע און זונטיקדיקע נומערן פון „טאג" אפגעדרוקט גאנצע סעריעס וועגן אידי־שער און אלגעמיינער מוזיק, וועגן באריממטע חזנים, וועלט־באוואוסטע

קאָמפּאָזיטאָרס, אידישע און ניט־אידישע, ווירטואָזן, סעריעס אַרטיקלען וועגן באַרימטע האָליוואודער „סטאַרס" און אַקטיאָרן פון בראָדוויי, רייזע־באַשרייבונגען פון זיינע צוויי באַזוכן אין מעקסיקאָ, בראַזיל, אורוגוואַי, אַרגענטינע, קובאַ און פון נאָך אַנדערע צענטראַל־ און דרום־אַמעריקאַנער לענדער. ער איז אויך צענדליקער מאָל אויסגעפאָרן אין דער לענג און דער ברייט די פאַראייניקטע שטאַטן און גאַנץ קאַנאַדע. נאָכדעם ווי ער האָט פאַרלאָזט דעם „טאָג" האָט ער אַ שטיקל צייט מיט־געאַרבעט אין „מאָרגן זשורנאַל" און דערנאָך אין „פאָרווערטס". איצט דרוקט זיך ירדני רעגלמעסיק אינם ליטעראַרישן זשורנאַל „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט", וואו ער איז איינער פון די הויפּט־מיטאַרבעטער, און אין אַנדערע ליטעראַרישע זשורנאַלן און פּעריאָדישע אויסגאַבעס אין אַמע־ריקע און אויסלאַנד.

אין 1940 האָט זיך ירדני געלאָזט איבעררעדן פון זיין ניו־יאָרקער מענעדזשער פון דער „נעשאַנאַל אַרטיסט ביוראָ", מיט וועלכער ער איז פון זיין ערשטן אַרויסטריט אָן אין ניו־יאָרק געווען פאַרבונדן, אַז ער זאָל (צוליב דעם גרויסן דערפאָלג וואָס זיינע חזנישע רעקאָרדס האָבן געמאַכט) אָננעמען צו דאַווענען ימים־נוראים, פּסח, שבועות אין שולן און האָטעלן (ווי ס'איז דער מנהג אין אַמעריקע), און דער דאָזיקער שריט האָט זיך אַרויסגעוויזן צו זיין אַ גרויסער דערפאָלג פאַר אים.

ירדני איז אַ מיטגליד פון י. ל. פּרץ שרייבער פאַראיין, אידישע ראַדיאָ גילד, „אַפטראַ" (די יוניע פון אַמעריקאַנער ראַדיאָ און טעלע־וויזיע־אַרטיסטן), אידישע אַקטיאָרן יוניאָן, „מוזיק פאָרום" און חזנים פאַרבאַנד. ער איז צוויי מאָל אויסגעקליבן געוואָרן פאַר וויצע־פּרעזי־דענט און איינמאָל פאַר פּרעזידענט פון חזנים פאַרבאַנד פון אַמעריקע און קאַנאַדע, און צוויי מאָל פאַר וויצע־פּרעזידענט און צוויי מאָל פאַר סעקרעטאַר פון דער אידישער ראַדיאָ גילד. ער איז אויך געווען איינער פון די ערשטע מיטגלידער פון נאַציאָנאַלן מוזיק־ראַט ביי דער אידישער „וועלפעיר באָרד" און איינער פון די גרינדער פון דער „סאָסייעטי פאָר דהי אַדוואַנסמענט אָוו דזשואיש ליטורדזשיקל מיוזיק", פון וועלכער עס איז שפּעטער אַרויסגעוואַקסן די „היברו יוניאָן סקול אָוו סעיקרעד מיוזיק", ביים „היברו יוניאָן קאַלעדזש" פון סינסינעטי. אגב האָט די דאָזיקע הויכע מוזיק־אינסטיטוציע לעצטנס באַערט ירדנין מיט אַ סערטיפיקאַט פאַר זיינע מוזיקאַלישע פאַרדינסטן אויפן פעלד פון דער אידישער נגינה.

ביז איצט זיינען פון ירדנים מוזיקאַלישע שאַפונגען דערשינען אינם „מעטראָ מוזיק" פאַרלאַג: „אשאָ עיני", אַ קאַפּיטל תהלים קכ"א, פאַר שטימע און פּיאַנאָ באַגלייטונג; אַ קאַפּיטל תנ"ך „צעקת הנביא" פון ירמיה, קאַפּיטל ח", אויך פאַר שטימע און פּיאַנאָ באַגלייטונג. עטלעכע קאָמפּאָזיציעס זיינע זיינען אַריין אין גרשון אפרתעס פינף בענדיקער „אנתולוגיה חזנית", וואָס די „בלאָך פּאָבלישינג קאָמפּאַני" אין ניו־יאָרק האָט אַרויסגעגעבן. אַ גרויסע צאָל קינדער־לידער מיט ירדנים מוזיק זיינען געווען געדרוקט אין באַסטאָמסקיס „גריניקע ביימעלעך" און זיינען דערנאָך אַריינגענומען געוואָרן אין פאַרשיידענע טעקסט־ביכער פון די אידישע שולן. ער האָט אויך געשריבן מוזיק צו די לידער פון: חיים־נחמן ביאַליק, שאול טשערניכאָווסקי, זלמן שניאור, יעקב פיכמאַן, אברהם רייזען, מאַני לייב, משה לייב־האַלפּערן, משה נאַדיר, ה. לייוויק, יוסף ראָלניק, נחום יוד, יצחק ליבמאַן, איציק מאַנגער, א. אַלמי, ב. ביאַלאַסטאָצקי און יעקב גלאַטשטיין.

ירדני אַרבעט איצט אויף אַ בוך „אינטערוויוס מיט אידישע טעאַטראַלן" אין וועלכן עס וועלן אַריינגיין צוואַנציק פאַרשיידענע פּראָמינענטע טעאַטער־געשטאַלטן: דראַמאַטורגן, אַקטיאָרן, קאָמפּאָזיטאָרס, רעזשיסאָרן און קריטיקער. די דאָזיקע סעריע דרוקט זיך איצט קאַפּיטלעכוויַז אין „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט". גלייכצייטיק אַרבעט ער אויך אויף אַ צווייטן בוך: „זיילן פון דער אידישער ליטעראַטור", פון וועלכן עס דרוקן זיך קאַפּיטלעך אין „קענעדער אָדלער". ער האָט אויך פאַרטיק אַ בוך „רייזע־מאָטיוון" און אַ בוך „וואָרט און קלאַנג".

„זינגען און שרייבן איז געוואָרן די כלי אין וועלכן איך גיס אַריין אַלע מיינע געפילן — עטישע, רעליגיעזע, סאָציאַלע און קינסטלערישע. האַלטן הויך די פאַן פון מיין זינגען, ווי די פאַן פון מיין שרייבן, זיינען פון די וויכטיקסטע מאָטיוון פון מיין לעבן." די דאָזיקע צוויי פאַר ירדנין כאַראַקטעריסטישע קרעדאָס, ווערן ציטירט פון זיינער אַ קורצער רעדע, וואָס איז געווען געדרוקט אין „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט", ענטפערנדיק אַלס יובילאַר אויף די אַלע רעדעס און באַגריסונגען וועלכע זיינען געהאַלטן געוואָרן אויף דעם גרויסן „באַנקעט־קאָנצערט", וואָס איז איינגעאָרדנט געוואָרן אין אַ זונטיק אָונט, אין „רענד סקול", לכבוד זיין 25 יאָריקן ליטעראַרישן יובל, מיט דעם אָנטייל פון פילע פּראָמינענטע אידישע שריפטשטעלער, מוזיקער, אַקטיאָרן, ראַדיאָ־ און טעלעוויזיע־אַרטיסטן, חזנים און זינגער.

ח. רייזעס

קריטיק אויסצוגן

דער לעבעדיקער — אויפֿן ליטעראַרישן יאַריד. מאָרגן זשורנאַל, ניו־יאָרק, אָקטאָבער 15, 1950.

„מ. ירדניס „חשבון הנפש" אין ראש־השנה נומער „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט", איז ממש אַ דאָקומענט וואָס דאַרף ניט קיין „נאָטאַרי פּאַבליק"... עס איז אַ „הנני העני" לויט אַ נייעם נוסח. אַ גאָט־זוכעניש אין אַלע אידישע ווינקלען פֿון אײנעם וואָס שטייט ביים עמוד... אַ ביישטייער צו אידישקייט פֿון אַ רעליגיעזן אידן און דאָך היינט־וועלטיקן וואָס חלשט צו ווערן אַן אפּיקורוס און קען ניט... עס איז אַן אָנקלאַגע אויף אונזער אויסגעליידיקטקייט (ניט נאָר אין שול)."

א. ז. בערעביטשעז — קולטור ענינים. דער וועג, מעקסיקאָ, מערץ 13, 1948.

„ירדני איז אַן אַלטער באַקאַנטער ביי אונז אין מעקסיקאָ פֿון די שפּאַלטן פֿון „טאָג", זיינע אַרטיקלען זיינען יחידים במינם און זיינען פֿון די ערשטע צום געלייענט ווערן. זיין סטיל איז אַזאַ בנעימותדיקער, אַזאַ זאַכלעכער און גלייכצייטיק אַזאַ ליטעראַרישער, אַז מ'זעט באַלד אַז דער שרייבער איז גוט באַהאַוונט אין דער טעמאַטיק וועגן וועלכער ער שרייבט."

יעקב באָטאָשאַנסקי — צווישן יאָ און ניין. איצט פֿאַרשטייען מיר. די פּרעסע, בוענאָס־איירעס, אַפּריל 15, 1943.

„אין יאַנואַר נומער „אידישע קולטור" (אָרגאַן פֿון ג. אַמעריקאַנער „איקוף") איז אָפּגעדרוקט אַן אַרטיקל מיט זייער אינטערעסאַנטע דער־אינערונגען פֿון העברעאיש־אידישן זינגער, חזן און שרייבער מרדכי ירדני וועגן דעם סאָוועטיש־אידישן שריפֿטשטעלער איציק קיפּניס. ירדני איז קיפּניסעס אַ בן־עיר און ער קען זיין אָפּשטאַם און ער דער־ציילט אים אומגעהויער בילדעריש און ער גיט ממש דעם שליסל צום שאַפֿן פֿון דעם דאָזיקן זייער טאַלאַנטירטן שריפֿטשטעלער, דער מחבר פֿון באַרימטן ווערק „חדשים און טעג"."

פּראָפּ. סאַלאַמאָן קאַהאַן — אַ טאָג איבער אַ טאָג. ירדניס אויפֿטו. דער וועג, מעקסיקאָ, פֿעברואַר 17, 1948.

„ס׳איז ביז מיט אַן אַכט יאָר צוריק אין דער ניו־יאָרקער אידישער פּרעסע נישט געווען קיין איין מענטש, וואָס זאָל מיט רעכט קענען פּרעטענדירן אויף דעם נאָמען „מוזיק־קריטיקער״, ביז ס׳איז געקומען מ. ירדני. מיט זיין באַוויזן זיך אויף איסט־בראָדוויי האָט אַ נייער ווינט געבלאָזן, וואָס איז שייך שרייבן וועגן מוזיק און קאָמפּאָזיטאָרן, ווי אויך וועגן געשעענישן, דערשיינונגען און פּערזענלעכקייטן אין דער וועלט פון מוזיק. אַ זשורנאַליסט פון ערשטער מדרגה, באַקליידט ירדני אין זיינע אַרטיקלען, אין אַן אינטערעסאַנטער אָנציענדיקער פאָרם, גריינטלעכע מוזיק־קענטעניש, סאָלידן וויסן אין פראַגן פון מוזיק־געשיכטע און אַ ווייטן אויסבליק אויף דער קונסט־ און קולטור־וועלט בכלל. צו דעם אַלעם באַזיצט ער די זעלטענע אייגנשאַפט, וואָס אפילו נישט יעדער גוטער זשורנאַליסט באַזיצט: אַריינצובריינגען אויף אַ דעליקאַטן אופן אין זיינע אַרבעטן דעם עלעמענט פון דעם, וואָס ס׳הייסט אויף ענגליש „היומען אינטערעסט״.

„ירדני איז „אין דער היים״ ווען ער שרייבט וועגן דער געשיכטע און דעם ספּיריטועלן וועזן פון אַ געוויסן חסידישן מאָטיוו, פּונקט אַזוי ווי, ווען ער רעדט וועגן שאָסטאַקאָוויטשעס נייסטער סימפאָניע; ווען ער אַנאַליזירט דעם אורשפּרינגלעכן אידישן כאַראַקטער פון אַ געוויסער מוזיקאַלישער טעמע, ווי ווען ער דערציילט וועגן דעם באָסטאָנער סימפאָנישן אָרקעסטער און סערגעי קוסעוויצקי, איר דיריגענט און קינסטלערישער פירער; וועגן דעם מהות פון דער ארץ־ישראלדיקער מוזיק, פּונקט אַזוי ווי, וועגן די כאַראַקטער־שטריכן פון איגאָר סטראַווינסקיס שאַפונגען.

„אָט די אַלזייטיקע באַהאַוונטקייט אויף דעם ברייטן און פאַרצווייגטן מוזיקאַלישן געביט, פּליוס זיין מערקווירדיקע פעאיקייט צו שרייבן וועגן מוזיקאַלישע טעמעס גרינג און אָנציענדיק, האָבן עס ירדנין געשאַפן אין דער אידישער פּרעסע פון ניו־יאָרק דעם בכבודיקן פּלאַץ, וואָס ער פאַרנעמט איצט אַלס „ספּעץ״ אין מוזיק. קיינמאָל פריער איז דאָרט נים געשריבן געוואָרן אויף מוזיקאַלישע טעמעס אַזוי פאַכמעסיק און גלייכצייטיק אַזוי אָנציענדיק, ווי עס טוט עס מ. ירדני.״

מיכל געלבאַרט — מ. ירדני — „דער פּאַלעסטינער זינגער״. ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט, פעברואַר 14, 1942.

„ירדניס לירישע שטימע (אַ טענאָר) און האַרציקע אויסטייטשונגען

פון די ארץ־ישראל לידער, האָבן אים געשאַפן צענדליקער טויזנטער חסידים, וועלכע הערן זיך צו צו זיינע וועכנטלעכע ראַדיאָ־פּראָגראַמען.״

דר. מנחם ג. גלען — אויפן שפּיץ פון דער פען. ניו־יאָרקער וואָכנ־בלאַט, דעצעמבער 25, 1953.

„ירדני באַרייכערט אונזער ליטעראַטור מיט זיינע אינטימע, האַר־ציקע, מיט אַ שאַרפן־בליק און געניטער האַנט אויפגעשריבענע אַרטיקלען אין זיין סעריע „וואָרט און קלאַנג״, ווי אויך זיינע קורצע „שלאָגנדע״ רעצענזיעס איבער טעאַטער און מוזיק.״

שמואל ראָזשאַנסקי — וועגן קאָנצערטן. די אידישע צייטונג, בוענאָס־איירעס, יולי 14, 1948.

„אַז אַ זינגער און אַ חזן, וואָס איז ביי אונז אינגאַנצן אַ פּנים־חדשות, זאָל גלייך צו זיין דעביוט אויפטרעטן אין אַ פול־באַזעצטן טעאַטער, איז בלי שום ספק אַ גרויסער חידוש. מרדכי ירדני איז, הפּנים, אַ גרויסער בר־מזל. אין דעם גוטן מזל האָט זיכער אַ היפּשן חלק, וואָס ער איז, ירדני, אַ שרייבער מיט אַן אידעלער באַציאונג צו נגינה און צו וועמעס ערשטן קאָנצערט אין טעאַטער „סאָלעיל״ עס איז געקומען די גאַנצע שרייבער־און קינסטלער־משפּחה פון בוענאָס־איירעס.

„ירדני איז אַ מתיקותדיקער אינטערפּרעטירער פון ליד און תפילה. אַ קליינע שטימע, אַ לירישער טענאָר, דער עיקר מיט אַ ווייכן גרונט־טאָן. מאָמענטנווייז דאַכט זיך אויס אַז נישט מ׳הערט זינגען, נאָר שפּילן אויף אַן אוקאַלאַלע... אַז ער הייבט אויף דאָס קול, קלינגט עס ווי אַן עכאָ, ווייט, ווייט, ווי געזאַנג אין פעלד.

„ירדני לייגט דעם אַקצענט אויפן אויסטייטשן דאָס ליד און תפילה, און ער איז שטעלנווייז פּרעכטיק אַלס פּאַרטייטשער און אַריינטייטשער. מיט יראת־הכבוד פאַר געזאַנג, מיט אַ טיפן דרך־ארץ פאַר דער אוידי־טאָריע, אינטעליגענט, איידל, ערנסט, מיט פיעטעט, מיט פיינער האַל־טונג, וואָס פאַרשאַפט אַ נחת־רוח.

„דער קאָנצערטיסט, אַ מיטלוואוקסיקער, איז אויסגעוואָקסן אויף דער בינע. קלאַסיש אין האַלטונג, מיט מאָס, אָן ראַשיקע זשעסטן. אי־דישלעך און דאָך גרויסוועלטיש. ירדני האָט אַ שיינעם פאַלצעט. ער קען בכלל די קונסט פון זינגען, נאָר דער עיקר איז ער אַ בריה אין פּאַסאַזשן צום פאַלצעט.״

דר. ל. זשיטניצקי — דער ערשטער אויפטריט פון מרדכי ירדני. די פּרעסע, בוענאָס־אײרעס, יולי 14, 1948.

„מ. ירדני ווייסט וואָס און ווי און קען זינגען, אומאָפּהענגיק פונם דיאַפּאַזאָן פון זיין שטים. ער איז אַבסאָלוט מוזיקאַליש, פאַרמאָגט אַ רייכן חוש צו וואַריאירן און צו געבן קאָלירפולקייט דער מוזיקאַלישער אינ־טערפּרעטאַציע; קען און באַוויזט אַריינצודרינגען אינם מקור פון דער נגינה; זינגט מיט הארץ און מח, מיט סענטימענט און אינטעליגענץ; ווייסט וואו און ווי אַזוי צו שטעלן דעם טראָפּ אויפן וואָרט, אויפן בינדן די אויסגעזונגענע פראַזע; באַחנט זי מיט אידלקייט און פיינקייט — און אַ דאַנק דעם איז טאַקע זיין ערשטער אויפטריט אין טעאַטער „סאָלעיל" פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ ריכטיקער קולטור־ און קונסט־אַקט."

אברהם ווייסבוים — מאַלע וואָס מ'רעדט. דער וועג, מעקסיקאָ, אָקטאָבער 13, 1951.

„דער באַרימטער זינגער און אויסטייטשער פון אידישן און העב־רעאישן ליד, מרדכי ירדני, איז שוין ביי אונז געוועזן אין מעקסיקאָ מיט אַ דריי יאָר צוריק און האָט אַלעמען אַנטציקט אויף זיינע קאָנצערטן פון אידישע און ארץ־ישראל לידער. איצט האָט ירדני אויך באַוויזן, אַז ער איז אויך אַ גרויסער עמוד־קינסטלער.

„ער האָט געדאַווענט ימים־נוראים אין דער גרויסער „נדחי־ישראל" שול. אַזאַ געשמאַקן דאַווענען, מיט אַזאַ טיפן געפיל און פאַרשטענדעניש פאַר די ימים־נוראימדיקע תפילות; אַזוי זאָגן דעם „הנני העני ממעש", מיט אַזאַ האַרציק־טיפן נשמה־ציטער, מיט אַזאַ השתפכות־הנפש, האָט מען נאָך ביי אונז אין שול נישט געהערט."

דהי ניו־יאָרק טיימס (פון אַ גרויסן באַריכט אויף דער פראָנט־זייט) — אַפּריל 14, 1945.

„ווען מ. ירדני האָט געזונגען דעם טראַדיציאָנעלן אידישן רעקוויעם „אל מלא" אויף דעם גרעסטן מעמאָריאַל־מיטינג וואָס איז ביז איצט אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין לאַנד נאָכן פּלוצלינג פאַרשטאָרבענעם פּרעזי־דענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן פרענקלין דעלאַנאָ רוזוועלט פאַר אַן עולם פון איבער הונדערט טויזנט מענער און פרויען אינם גאַרמענט סענטער וואָס פאַרשיידענע אַרבעטער יוניאָנס האָבן נעכטן איינגעאָרדנט אין ניו־יאָרק, מיט דער באַטייליקונג פונם מעיאָר פון ניו־יאָרק, פיאָרעלאָ לאַ־גוואַרדיאַ, און הויך־ראַנגיקע מיליטערלייט פון דער אַרמיי,

לופט און פלאַטע, איז געפאַלן אַ מוראדיקע שטילקייט אויף דער גע־ווינלעכער שטאַרק רוישיקער זיבעטער עוועניו.״

א. תלוש — מיינע באַגעגענישן מיט אידישע שרייבער. ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט, סעפטעמבער 30, 1954.

״...האָט מיך ירדני אַנגעגנעם איבערראַשט, ווען איך האָב לעצטנס איבערגעלייענט זיין אַרטיקל וועגן משה נאַדירן, אין דער ״פרייע אַר־בעטער שטימע״. מען זעט, אַז ער האָט טאַלאַנט צו שרייבן וועגן שריי־בער און זייערע ווערק. און אויפכאַפּן נאַדירן מיט אַלע זיינע ניואַנסן, ווי ירדני האָט עס געטאָן, אין אַ קורצן אַרטיקל, איז ניט לייכט.״

וויליאַם צוקערמאַן — ירדניס מוטיקער אַרטיקל. ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט, יוני 26, 1953.

״איך האָב געלייענט אַ סך וועגן דעם אונטערגאַנג פון ״מאָרגן זשורנאַל״, אָבער קיין אַנדער אַרטיקל האָט ניט געלאָזן דעם טיפן איינדרוק ווי ירדניס. דער דאָזיקער טאָן פעלט ביי אונז אין דער אי־דישער פּרעסע אין דער לעצטער צייט און דאָס, דאַכט מיר, איז אונזער גרעסטער פאַרלוסט.

״ירדני איז פון די געציילטע שרייבער ביי אונז, וועלכע האָבן ניט פאַרגעסן די שענסטע טראַדיציע פון דער אַמאָליקער אידישער פּרעסע, דעם רעבעלירנדיקן גייסט וועלכער קען ניט פאַרטראָגן אומיושר סיי געזעלשאַפטלעך און סיי אינדיווידועל, און וועלכער קען נאָך אויפגע־רעגט ווערן וועגן ענינים וועלכע טראָגן ניט קיין פּאַרטיי־כאַראַקטער. עס איז גוט צו וויסן אַז אונזער פּרעסע אין דער לעצטער פּעריאָדע פון איר אונטערגאַנג האָט נאָך ניט אינגאַנצן פאַרלאָרן דעם יוגנטלעכן גייסט פון אַמאָל.״

מ. נעלסאָן — דער 25 יאָריקער ליטעראַרישער יובל פון מרדכי ירדני. ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט, יאַנואַר 28, 1955.

״עס שיינט מיר, אַז מרדכי ירדני, דער שריפטשטעלער, געהערט ניט צו קיינע איזמען. אָבער אין אַלץ: זאַכן, דערשיינונגען, מענטשן, פאַקטן, אַפּעלירט צו אים דאָס שיינע, דאָס עסטעטישע, איך וואָלט זאָגן — דאָס נשמה־יתירהדיקע, וואָס ער הויבט אַרויס פון דאָס אַלטעגלעכע, דאָס וואָכעדיקע. ער איז דער קינסטלער־עסטעט פאַר־עקסעלאַנץ. דאָס פאַראייניקט זיך ביי אים, אויף אַ וואונדערלעכן אופן, מיט אַ צווייטן לייט־מאָטיוו — מיטן שטענדיקן אומקאָמפּראָמיסלעכן זוכן דעם אמת,

ווי ער זעט אים און פֿאַרשטייט אים, און מיט זיין מוטיקן קאַמף פאַר זיינע איבערצייגונגען.

„זיין אופן שרייבן איז אַ דירעקטער, אָן פאָזע, אָן אָנשטעל, נאָר פון האַרצן אַרויס. צי ער נעמט אייך אויף אַ שפּאַציר אין אַרגענטינע, אין בראַזיל, אין מעקסיקאָ, אָדער אויף די גאַסן און עוועניוס פון ניו־יאָרק, אָדער אויף אַ שמועס מיט אידישע שרייבער; צי ווען ער שילדערט כאַראַקטערן, אָדער ער נעמט אויף קונסט־פּראָבלעמען, רעאַגירט אויף סאָציאַל־קולטורעלע דערשיינונגען — פילט איר דעם וואַרעמען אָטעם פון דעם קינסטלער, ממש — דאָס פולסירנדיקע לעבן גופא.״

פּראָפ. סאַלאַמאָן קאַהאַן — ירדניס ליטעראַריש־זשורנאַליסטישער אויפטו. לכבוד זיין 25 יאָריקן ליטעראַרישן יובל. די שטימע, מעקסיקאָ, נאָוועמבער 27, 1955.

„דאָס וואָס מרדכי ירדני, ווי אַ פערזענלעכקייט, שטעלט מיט זיך פאָר, ווערט אין אידיש געוויינטלעך באַצייכנט מיטן נאָמען מושלם. ער איז אַ מענטש מיט אַ באַדייטנדיקן טאַלאַנט, וואָס זיינע פעאיקייטן האָבן געפונען אַן אויסדרוק אויף פאַרשיידענע געביטן.

„ווען מ׳וויל באַלייכטן ירדניס פערזענלעכקייט אַלזייטיק, מוז מען אַרומריידן אירע פאַרשידענע אַספּעקטן, און זיי זיינען: דער זינגער פון אידישן אַלגעמיין־קינסטלערישן און פאָלקס־לידער־רעפּערטואַר, אויפן געביט פון ווידער־שאַפנדיקער, אינטערפּרעטירנדיקער קונסט און דער עמוד־קינסטלער; און דער עסייאיסט, מוזיק־קריטיקער און פובליציסט, אויפן זשורנאַליסטישן געביט.

„צו וועלכן ירדני מ׳זאָל נישט צוגיין: צום עסייאיסט, צום מוזיק־קריטיקער אָדער צום פובליציסט, איז דער סך־הכל איינדרוק דער זעלבער: ירדני איז אַן אויסגעצייכנטער שרייבער. ער באַהערשט פולשטענדיק זיינע טעמעס, סיי פון שטאַנדפונקט פון זאַכלעכקייט, סיי וואָס איז שייך די שרייבערישע טעכניק, וואָס דער ענין, וואָס ווערט אַרומגערעדט, פאָדערט, און סיי פון קוק־ווינקל פון מענטשלעכער וואַרעמקייט. ער איז אין אַלץ, וואָס ער שרייבט, טיף פאַראינטערעסירט, און פונקט אַזוי שרייבט ער מיט שטאַרקער איבערצייגונג. איך דערמאָן זיך נישט צו האָבן געלייענט צווישן די פאַרשידענע שאַפונגען פון זיין פרוכטבאַרער פעדער אַן אַרטיקל, וואָס איז געשריבן געוואָרן „אָפּצופּטרן״.

„דער קאַפּיטל „ירדני דער עסייאיסט" ברײנגט ראשית־כל אויפן זכרון זײנע צאָלרײכע אַרבעטן, וואָס ער האָט פאַרעפנטלעכט אין דער ניו־יאָרקער פּרעסע אויף ליטורגישע טעמעס, ספּעציעל די, וואָס זײנען פאַרבונדן מיט די ימים־נוראים. זײ זײנען דורכגעדרונגען מיט טיפן ליריזם, וואָס ווערט נאָך בולטער געבראַכט צום אויסדרוק דורך זײן ווײכן אוקראַיִנישן אידיש. דאָס זײנען עסייען אין בעסטן און שענסטן זין פון וואָרט. ווען זײ וועלן אַמאָל, ווי עס ווילט זיך האָפן, אַרויסגעגעבן ווערן אין בוך־פאָרם, וועלן זײ זײן גאָר אַ באַדײטנדיקער צושטײער פון אָט דעם ליטעראַרישן זשאַנר, וואָס איז ווײט נישט צאָלרײך פאַרטראָטן אין דער אידישער ליטעראַטור.

נישט ווײניקער אינטערעסאַנט זײנען ירדניס אַרבעטן וועגן שריפטשטעלער און קינסטלער אויף אַנדערע געביטן. אויך דאָ איז ער גאָר אָפּט אַן עסייאיסט, דאָס הייסט, ער זאָגט ערנסטע זאַכן מיט אַ שריפטשטעלערישן שמײכל אויף די ליפּן. זײן אַרבעט אויף דער טעמע „העמינגוויי", קען דינען ווי אַ בײשפּיל. אַזעלכע אָפּהאַנדלונגען זײנע זײנען באַהויכט פון דעם, וואָס אין ענגליש ווערט פאַרשטאַנען, נישט אין באַנאַלן, געל־זשורנאַליסטישן, נאָר אין טיפערן, פײנערן זין, ווי „היומען אינטערעסט". ער וועבט אַרײן אין זײנע באַשרײבונגען עפּיזאָדן, וואָס זײנען נישט „פּיקאַנט", נאָר וועזנטלעך, כדי דער לײענער זאָל בעסער אַרײנדרינגען אין דעם אמתן, גײסטיקן „איך" פון די כאַראַקטעריזירטע פּערזענלעכקײטן.

„ירדני, דער מוזיק־קריטיקער, האָט אויסערגעוויינטלעכע פאַרדינסטן, וואָס שטעלן אים אַוועק אַלס גאָר ערשטן אין וויכטיקייט אין דער ניו־יאָרקער אידישער פּרעסע. זאָל דאָ קלאָר און דײטלעך געזאָגט ווערן: ביז אים האָט אין דעם ניו־יאָרקער אידישן זשורנאַליזם קײן מוזיק־קריטיק אין דעם אײגנטלעכן זין פון וואָרט, נישט עקזיסטירט. אַלס אַזעלכע זאָל דאָ פאַרשטאַנען ווערן נישט קײן סענטימענטאַליזירנדיקע איגנאָראַנץ, וואָס דעקט צו איר נאַקעטקייט מיט דעם פײגן־בלאַט פון „הימליש", „געטלעך", „אומפאַרגלײכלעך" און נאָך אַזעלכע גאָרנישט זאָגיקײטן, נאָר קענטעניש פון מוזיק, פאַרשטענדעניש פונם ווערק, לאָגיש באַגרינדעטע, נישט פּעדאַנטישע פאָדערונגען צום אינטערפּרעטירער, פעאיקייט זיך צו באַגייסטערן, מיט עכטער קונסט יעדעס מאָל אויפסניי, און ליטעראַרישער טאַלאַנט: דאָס הייסט חוש פאַר

שפּראַך און סטיל. מרדכי ירדני האָט אין דער ניו־יאָרקער אידישער פּרעסע אַריינגעבראַכט ווירדיקע מוזיק־קריטיק.

„און אחרון אחרון חביב: ירדני, דער פּובליציסט.

„אין דעם „אָנפאַנט טעריבל" פון דער ניו־יאָרקער אידישער פּרעסע: „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט" — דעם פּרעסע־אָרגאַן פון דער דאָרטיקער ליטעראַרישער אָפּאָזיציע — לייענען מיר אָפּט ירדניס גלענצנדיקע פּובליציסטישע אַרטיקלען אויף טעמעס פון קולטור־געביט. ניט איינמאָל רופט ער דאָרט אָן זאַכן מיטן ריכטיקן נאָמען און זאָגט פּראָסט און פּשוט, אַז „דער קעניג גייט נאַקעט". ער טוט עס מיט אַ מערקווירדיקן מוט, מיט דער אומדערשראָקנקייט פון אַ מענטשן, וואָס קעמפט פאַר העכערע ווערטן. ווי אַ ביישפּיל פון אָט דעם בירגערלעכן מוט קען דינען דער איינלייטנדיקער טייל צו זיין דאָ לעצטנס אין „ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט" געדרוקטן לענגערן אַרטיקל וועגן ב. שעפנער.

„סיי ווי אַן עסייאיסט, סיי ווי אַ מוזיק־קריטיקער און סיי ווי אַ פּובליציסט, האָט מרדכי ירדני וואָס צו זאָגן און סיי דעם טאַלאַנט צו זאָגן עס אויף זיין אייגענעם אופן. דאָס מאַכט זיין שרייבן וויכטיק און אינטערעסאַנט.

ל. גרוזמאַן — דער אידישער זינגער מ. ירדני. דער שפּיגל, בוענאָס־איירעס, יולי, 1948.

„זיינע אויפטריטן אין בוענאָס־איירעס האָבן אים שטאַרק פּאָפּולער און באַליבט געמאַכט צווישן אַלע קרייזן פון דער היגער אידישער באַפעלקערונג און — אין גאָר אַ קורצער צייט. מ. ירדני איז אויך אַ שרייבער און אויף דער זייט טאַקע ברייננגען מיר זיין שרייבערישן און אַרטיסטישן „אני־מאמין"."

נתן סטאָלניץ — אין דער חזנישער וועלט. די אידישע צייטונג, בוענאָס־איירעס, אויגוסט 13, 1951.

„דורכשטודירנדיק די אינהאַלטסרייכע ליטעראַרישע אָפּטיילונג פונם „חזנים זשורנאַל", וואָס איז לעצטנס אַרויסגעגעבן געוואָרן פונם חזנים פאַרבאַנד פון אַמעריקע און קאַנאַדע אין ניו־יאָרק, לייענט מען בדיוק דורך אָט דעם גאַנצן באַלערנדיקן מאַטעריאַל, פּראָגראַמאַטיש געריכטעט אין אַן אַקאַדעמיש־וויסנשאַפטלעכן צוגאַנג, רעדאַקטירט פון מ. ירדני, פאַרבלייבט מען מיט אַ גאָר גוטן נאָכגעפיל און טיפע נאָכדענקעניש

וועגן אָט דעם גרויסן באַדייטנדיקן אידישן קונסט־צווייג, וואָס רופט זיך „חזנות" און וואָס איז פֿאַר דורות לאַנג געווען צווישן די דאָמינירנדיקע באַוווּרקנדיקע פֿאַקטאָרן אין אונזער רעליגיעז־נאַציאָנאַל־געזעלשאַפֿטלעכן לעבן און אינם געשיכטלעכן גאַנג פֿון אונזער פֿאָלקס־קולטור.

„די מוזיקאַלישע אַרטיקלען פֿון לייב גלאַנצן „חזנות — דער שיר־השירים פֿון די אידישע פֿאָלקס־מאַסן" און פֿון מ. ירדנין „דער גאַנג פֿון דער אידישער נגינה און מוזיק" זיינען באמת פּנינים־יקרים, וואונדערבאַרע פּערלען, וואָס דאַרפֿן געהעריק אָפּגעשאַצט ווערן."

מ. רובינשטיין — בקיצור. סליחות, געזאַנג און זיסע נגינה. די שטימע, מעקסיקאָ, סעפּטעמבער 26, 1951.

„ירדני זאָגט גאָר אַנדערש די סליחות. ער שרייט ניט, ער דער־גייט ניט צו קיין גאָר הויכע טענער — ער זינגט זיך אַזוי בנעימותדיק און מיט געפֿילן און ער טייטשט אויס די אַלטע געבעט־זאַצן, ער לייגט זיי אַריין יעדן אין מויל; עס איז אַ מחיה צו הערן און עס זינגט זיך מיט...

„עס האָט היי־יאָר „נדחי־ישראל" אָפּגעגליקט מיטן חזן אויף ימים־נוראים. אַזאַ זיסע נגינה און אַזאַ האַרציקן נוסח ווי עס גיט ירדני, איז זעלטן צו געפֿינען היינט ביי חזנים און בעלי־תּפֿילות. מ'דאַרף זיין אַזאַ מוזיק־ספּעץ, ווי ירדני איז, און אַזוי לעבן מיט געזאַנג, ווי ירדני טוט עס — כדי צו זיין אַזאַ נעים־זמירות ווי ער איז, עס."

פּראָפּ. סאַלאָמאָן קאַהאַן — אַ טאָג איבער אַ טאָג. ירדניס גע־לייטערטע קונסט. דער וועג, מעקסיקאָ, מערץ 2, 1948.

„מרדכי ירדני איז צווישן דער פּלעיאַדע פֿון אידישע אינטער־פּרעטירנדיקע קינסטלער אפֿשר דער איינציקער, וואָס האָט אַ פֿילאָ־זאָפֿישן צוגאַנג צו זיין טעטיקייט אויף דער קאָנצערט־בינע, ווי אויך ביים עמוד. ער געהערט נישט צו די, וואָס זינגען „פֿריי, ווי דער פֿויגל".

טיף אין דעם וועזנטלעכסטן וועזן פֿון דער אידישער נגינה איז ער אַריינגעדרונגען. און ער האָט דאָרט געפֿונען דעם אידנס ספּעציפֿישן צוגאַנג, דעם אויסדרוק, דעם קנייטש, וואָס מאַכט איר איינציק אין דעם גרויסן אָרקעסטער פֿון נאַציאָנאַלע אויסדרוקן דורך דער פּענטאַגראַמע: „אַ איד זינגט נישט קיין אַריעס, אַ איד ברומט אַ ניגון." (ירדניס אַן אויסדרוק). פֿון אָט דער פֿונדאַמענטאַלער קאָנצעפּציע פֿליסט אַרויס

ירדניס ספּעציעלער כּישוף, ווען ער אינטערפּרעטירט, נישט ווייניקער ווי די מייסטערשאַפט פון זיין געזאַנג־טעכניק.״

שמואל ראָזשאַנסקי — דער פאָלקס־זינגער און שרייבער מרדכי ירדני פאָרט היינט אַוועק. די אידישע צייטונג, בוענאָס איירעס, אויגוסט 6, 1948.

„מרדכי ירדני האָט אין דער קורצער צייט, וואָס ער איז געווען אין בוענאָס איירעס, געוואונען די סימפּאַטיע אין פאַרשיידענע קרייזן, ווי אַ פאָלקס־זינגער און ווי אַ מענטש, ווי אַ חזן און ווי אַ שרייבער. ער האָט איבערגעלאָזט אַן איינדרוק דורך זיין אײדלקייט און געמיט, מיט זיין אינטעליגענץ און וואַרעמען געפיל. דורך זיינע קאָנצערטן, מיט זיין אינטערפּרעטירן דאָס ליד און פאַרטייטשן, האָט מרדכי ירדני דער־נענטערט דאָס ארץ־ישראל ליד צו אונזער עולם. אין חזנות האָט ער אונטערגעשטראָכן די מעלאָדישקייט און פאָלקסטימלעכקייט אין תפילה. און ער האָט געוועקט ליבשאַפט צום אידישן פאָלקס־ליד און ליד פון אונזערע גוטע פּאָעטן. די לייענער פון „די אידישע צייטונג״ האָבן געקראָגן אַ געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט ירדנין דעם געמיטלעכן שרייבער, וועלכער באַמיט זיך צו באַשרייבן אידישע אויפטוען, טוער אין אידישער נגינה און מוזיק, ווי קינסטלער בכלל.״

פּ. ניעמאַי — פאַרבייגייענדיק. די אידישע צייטונג, בוענאָס איירעס, אויגוסט 6, 1948.

„דער זינגער ירדני האָט ניט קיין זייער הויכע שטימע, אָבער ער זינגט זייער שיין, חנעוודיק, אַנגענעם און עס איז אַ מחיה צו הערן. אָבער ניט קוקנדיק וואָס זיין שטימע איז ניט קיין שטאַרק הויכע, האָט ער באַוויזן דעם קונץ, אַז זיין געזאַנג זאָל גלייכצייטיק געהערט ווערן פון טויזנטער אידן אין דער גאַנצער אַרגענטינער רעפּובליק. יאָ, זיין שטימע האָט דערגרייכט זייער ווייט, און דאָס איז געשען אין אַן אָוונט פון פאַריקער וואָך, ווען ער האָט געגעבן אַ קאָנצערט אויף דער אידישער ראַדיאָ־שעה.״

דר. ל. זשיטניצקי — געזעגנדיק מרדכי ירדני. די פּרעסע, בוענאָס איירעס, אויגוסט 6, 1948.

„ביי אַ געלעגנהייט איז שוין געזאָגט געוואָרן, אַז מרדכי ירדניס אויפטריטן געווינען אַ קולטור־קינסטלערישן כאַראַקטער פון גרויסן באַטייט. דאָס עיקרדיקע ביי מרדכי ירדנין איז וואָס מ׳זינגט און ווי

אַזוי מ׳זינגט. די אייגנשאַפט פון מרדכי ירדנין באַשטייט אין דעם, וואָס ער נעמט אויף זיין „וואָס זינגען און ווי זינגען", ווי אַ ווירקלעכע מלאכת־הקודש."

יצחק ליבמאַן — בויער און שאַפער פון מיין דור. מ. ירדני. ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט, ניו־יאָרק, דעצעמבער 31, 1954.

„אין זיין שרייבן, ווי אין זיין זינגען איז געקומען צום אויסדרוק דער ליריקער: דער באַזינגער און באַוואונדערער. זיין סטיל צייכנט זיך אויס, חוץ אַנדערע מעלות, מיט קלאָרקייט און מיט הסברה־הדיקייט. אייניקע אַרבעטן פון אַ קעמפערישן כאַראַקטער, וועלכע ירדני האָט פאַרעפנטלעכט אין „וואָכנבלאַט", האָבן אויפגערודערט אפילו אונזער פאַרגלייכגילטיקטע „אידישע גאַס". דערצו האָט ער געהאַט אַרבעטן פון אַן עסייאיסטישן כאַראַקטער, ווי צ. ב., זיין אויסגעצייכנטע עסיי „פון כל נדרי ביז נעילה" וואָס קען אויך אויסגענוצט ווערן אַלס אַ מוסטער־טעקסט פאַר אַ כרעסטאָמאַטיע פאַר מיטלשול תלמידים; זיינע רייזע־בילדער איבער די צענטראַל־ און דרום־אַמעריקאַנישע לענדער — קרעדיטירן אים מיט נאָך „אַ פעדער אין זיין הוט".

„אין 1936 האָט זיין שטערן אויפן מוזיקאַלישן הימל אויפגעלויכטן מיט גליאיקער קלאָרקייט אַלס אָריגינעלער אויסטייטשער פון אידישע און העברעאישע לידער. „יפים הלילות", „למולדתי", „שיר העמק", „זמרי לי" און „שיר החליל" זיינען אין אַ גאָר קורצער צייט, אַ דאַנק זיינע אָפטע אויפטריטן אויף דער ראַדיאָ און אויף קאָנצערטן, געוואָרן פון די באַרימטסטע לידער צווישן דער נאַציאָנאַל־אינספּירירטער אידישער יוגנט אין אַמעריקע. די אָנגעזעענסטע „רעקאָרד"־פירמעס פון אַמעריקע האָבן אָנגעהויבן פראָדוצירן זיינע לידער און תפילות, וואָס דאָס האָט זיין נאָמען — אין עלטער פון 25־26 יאָר — געגעבן נאָך גרעסערן פרסום."

ש. טענענבוים — יצחק ליבמאַנס פערטער באַנד שריפטן. ניו־יאָרקער וואָכנבלאַט, יוני 30, 1955.

„אַ גרינטלעכע אַרבעט האָט ליבמאַן וועגן מ. ירדני, אַ שרייבער מיט גרויסן אומרו, בונטאַרישקייט און געוואַגטקייט. ירדניס אומצופרידענע פעז האָט אָבער אויך מאָמענטן פון פיינעם געמיט, לירישקייט און יום־טוב."

דער וועג (פון אַ גרדיסן באַריכט) — ירדני באַצויבערט תלמידים פון דער אידישער שול מיט פּרעכטיקן רעפעראַט און וואונדערשיינעם זינגען. מעקסיקאָ, מערץ 4, 1948.

„אין איינקלאַנג מיט איר טראַדיציע צו באַקענען אירע תלמידים מיט פּראָמינענטע אידישע פּערזענלעכקייטן, וואָס באַזוכן מעקסיקאָ, און געבן זיי די געלעגנהייט צו רעדן צו די שילערשאַפט און לערער־פּער־סאָנאַל, פון דער שול־טריבונע, האָט די דירעקציע פון דער אידישער שול איינגעלאַדן אויף אַ באַזוך דעם געהויבענעם גאַסט, וואָס ווײַלט איצט דאָהי: דעם מייסטער־זינגער, גרדיסן עמוד־קינסטלער און גלענצנדיקן מוזיק־קריטיקער מ. ירדני. דער דירעקטאָר פון דער שול א. גאָלאָמב האָט אין האַרציקע ווערטער באַגריסט דעם גאַסט און אים פאָרגעשטעלט פאַר דער צוהערערשאַפט, ווי דעם אורשפּרינגלעכן אי־דישן קינסטלער, וועלכער גייט צו די מקורות פון דער אידישער נגינה, פאַרשט, ברענגט אַרויס דאָס וואָס איז וועזנטלעך אידיש, און באַרײַ־כערט אַזוי אַרום מיט זיין קונסט דעם אידישן קולטור־אוצר.

„ירדני הויבט אָן זיין רעדע, וואָס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ פּרעכטיקן רעפעראַט מיט געזאַנג־אילוסטראַציעס, וואָס האָט געדויערט אַ שעה צייט, ביי אַ מוסטערהאַפטער אָרדנונג און לדיבנסווערטער פולשטענדיקער שטילקייט פון זיינע יוגנטלעכע צוהערער, וועלכע זיינען געזעסן ממש ווי פאַרכישופט פונם פאַסצינירנדיקן רעפעראַט".

יענטע סערדאַצקי — סערדאַצקיס ווינקל. ניו־יאָרקער וואָכנ־בלאַט, יוני 23, 1950.

„ירדניס „וואָרט און קלאַנג" וועגן ליטעראַרישע ענינים, שאַלט ווי אַ שופר מיט יוגנטלעכן ברען."

פאַרלאַג „מלכה",
ניו־יאָרק, נ. י. יו. עס. עי.